פערלאג מענדעלע

ווארשע

מענדעלע-טורעם 22 ב.

## אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

צווייאונצוואנציגסטער באַנד

נייע פארבעסערטע אויסגאבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפקי 7

1928

## אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

# דער מענדעלע-טורעם

אויפגעקליבן דורך נחמן מייזיל

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשא

1928

# אינהאלט


| | זייט |
|---|---|
| הקדמה | 5 |
| י. ל. פרץ—מענדעלע | 9 |
| מיכה יוסף בן גריון (בערדיטשעווסקי)—מענדעלע פרי"ם | 11 |
| ש. גינצבורג—מענדעלע מו"ס אין זיינע בריעף | 15 |
| ש. דובנאָוו—מענדעלע–אבראמאָוויטש | 45 |
| י. דינעזאָן—ש. י. אבראמאָוויטש און מענדעלע מוכר־ספרים | 79 |
| י. ד. בערקאָוויטש—שלום עליכם און מענדעלע | 99 |
| מ. ספעקטאָר—מענדעלע מוכר־ספרים | 119 |
| א. ווייטער—דער אָנהויב | 123 |
| בעל מחשבות—שלום יעקב אבראמאָוויטש | 129 |
| ש. ניגער—דער סופר | 143 |
| ש. גארעליק—מענדעלע | 149 |
| נ. פרילוצקי—מענדעלע'ס יודיש | 167 |
| משה נאַדיר—הויך־וועג, וויט־וועג און טיעף־וועג | 181 |
| נ. אויסלענדער—מענדעלע מוכר־ספרים | 187 |
| אפרים קאַגאַנאָווסקי—דעם זיידענס פארבען | 211 |
| י. דאָברושין—דער גאָט'שער מבוא | 215 |
| ח. טשעמעריגסקי—יודישע גראַמאַטיק ביי מענדעלע'ן | 225 |
| נחמן מייזיל—דער מענדעלע־טורעם | 239 |


Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp"
Warszawa, Nowolipki № 7.

דער ציעל פון דעם דאָזיגן זאַמעלבוך איז געווען — אויסצוקלויבען פון די פאַרהאַנענע פערשידענאַרטיגע מענדעלע־מאַטעריאַלען דאָס וויכטיגסטע און בעדייטענסטע, כדי דער לעזער זאָל דורך דעם קאָנען איינשטעלען פאַר זיך אַ קלאָר בילד פון מענדעלע מוכר ספרים און זיין בעדייטונג פאַר דער יודישער ליטעראַטור.

פרצעס אַרטיקעלע „מענדעלע“ איז איבערגעזעצט פון העבּרעאישען („כל כתבי מענדעלע מו״ס, באַנד VII).

מ. י. בן־גוריג׳ס אַרטיקעל איז גענומען פון זיינע „יודישע כתבים פון אַ וויטען קרוב“ (ב. V).

דער אַרטיקעל פון ש. גינזבורג איז צוערשט געדרוקט געווען אין ניו־יאָרקער „צוקונפט“ 1923.

ש. דובנאָו׳ס אַרטיקעל. — דער ערשטער קאַפּיטעל איז געדרוקט געווען אין יודיש (אין 1917), אין אַ פּעטערבורגער יודישען זאַמעלביכעל, די איבעריגע קאַפּיטלעך זענען פון׳ם רוסישען זאַמעלבוך „סאָפּדוס“ מאָסקווע 1918 (איבערגעדריקט אין 1927 אין „ליט. בלעטער“).

דער אַרטיקעל פון י. דינעזאָהן איז פערעפענטליכט צום ערשטען מאָל אין „ליטעראַרישע בלעטער“ (1927).

י. ד. בערקאָוויטשעס „שלום עליכם און מענדעלע מו״ס“ איז אַן אויסצוג פון זיין גרויסען אַרטיקעל „מיט דער משפּחה פון שריפטשטעלער“ (אין „שלום־עליכם בוך“, ניו־יאָרק 1927).

„מענדעלע מוכר ספרים“ פון מ. ספעקטאָר, איז פון מ. ספעקטאָר׳ס בוך „מאמענט־פאָטאָגראַפיעס“.

א. וויטערס „דער אָנהויב“ איז געדרוקט געווען אין „מענדעלע־זאַמעלבוך“ ערשיענען צום מענדעלע יובילעאום, („דער פריינד“ 1910).

דער אַרטיקעל פון בעל־מחשבות איז גענומען פון זיינע „שריפטען“.

ט. גאָרעליק׳ס „מענדעלע“ איז פון זיין בוך „יודישע קעפּ“.

ש. ניגער׳ס „דער סופר“ איז געדרוקט געווען גלייך נאָך מענדעלעס טוידט אין קיעווער „די נייע צייט“.

„מענדעלע׳ס יודיש“ פון נ. פּרילוצקי איז אַ קאַפּיטעל פון זיין בוך „ש. י. אַבראַמאָוויטש“.

משה נאדיר׳ס אַרטיקעל איז גענומען פון בוך „מיינע הענט האָבען פערגאָסען דאָס דאָזיגע בלוט“.

# דער מענדעלע־טורעם

מענדעלע מוכר־ספרים׳ס לעבענס־וועג און שאַפונגס־וועג האָבען זיך געצויגען ווייט איבער דורות און תקופות. מענדעלע איז געבוירען אין די דרייסיגער יאָהרען פון 19־טען יאָהרהונדערט און געשטאָרבען אין די 20־סטער יאָהרען פון 20־טען יאָהרהונדערט. זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט האָט זיך אָנגעהויבען אין דער גאָר־פריהסטער השכלה־עפּאָכע און זיך אַריינגעשנימען ביז דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1917. ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען יודיש, ווען די שפּראַך און די ליטעראַטור זענען געווען אינגאַנצען דערנידעריגט און פערשטויסען. צעהנדליגער יאָהרען, ביז סוף אַכציגער יאָהרען, איז ער געשטאַנען איינער אַליין אין דער אַרומיגער וויסטעניש, אָבער שפּעטער האָט ער דערלעבט צו זעהן ארום זיך אייניקלעך און אור־אייניקלעך, — אַ גרויסע משפּחה יודישע קינסטלער און דיכטער, פאַר וועלכע דער זיידע איז געווען דער יחוס, דער שטאָלץ, דער שטאַם.

צעהן יאָהר זענען פאַראיבער זינט דער זיידע איז אין טיעפען עלטער אַוועק פון אונז, די ליטעראַטור איבער מענדעלען איז פערהעלטניסמעסיג זעהר רייך, הונדערטער אַרטיקלען, אָבהאַנדלונגען זענען פערעפענטליכט וועגען מענדעלעס לעבען און שאַפען, פערשיעדענע זייטען פון זיין פערזענליכקייט און פון זיינע ווערק זענען בעלויכטען, אָבער די אַרטיקלען זענען על פּי רוב צעזייהט און צעשפּרייט איבער יודישע, העבּרעאישע און רוסישע צייטונגען און זאַמלונגען, וואָס זענען איצט נישט צוטריטליך פאַר׳ן ברייטען מאַסען־לעזער.

דער אַרטיקעל פון נ. אויסלענדער איז אַ קאַפּיטעל פון זיין בוך „גרונד־שטריכן פונ׳ם יידישן רעאַליזם״.

י. דאָבּרושינ׳ס „דער גאָטישער מבוא״ — איז פון זיין בוך „געראַנקען וועג״.

די אַרטיקלען פון א. קאַנאַנאָווסקי און נ. מייזל זענען טיילווייז געשריבן ספּעציעל פאַר דעם דאָזיגן זאַמלבוך.

דער דאָזיגער באַנד דאַרף דערפילן די דריי בענדער־אַרטיקלען, זכרונות און מעשיות וועגן מענדעלען — וואָס זענען צוגעגעבן צו דער מענדעלע־אויסגאַבע (די בענדער I, XX, און XXI). מיר האָבן אַריינגעבראַכט אין דעם באַנד אַרטיקלען, וואָס באַלויכטן מענדעלע׳ס פערזענלעכקייט, זיין אָנהייב־וועג אין דער יודישער ליטעראַטור, זיין נאַטור, זיין באַציהונג צו אַנדערע שרייבער און זיין השפּעה אויף זיי (די אַרטיקלען פון ש. גינזבורג, ש. דובנאָוו, י. דינעזאָן און י. ד. בערקאָוויטש), אויך אַרטיקלען, וואָס באַהאַנדלען מענדעלעס שפּראַך (די אַרטיקלען פון נ. פּרילוצקי און ח. משעמערינסקי). אין די איבעריגע אַרטיקלען ווערן געגעבן אַלגעמיינע אָפּשאַצונגען פון מענדעלען. יעדער איינער פאַסט־אייף מענדעלען און זיין שאַפן אויף זיין שטייגער. מיר האָבן דאָ וויכטיגע סך־הכל׳ען, סינטעזן. מענדעלע איז דאָ גענומען אין געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו, געזען פון פאַרשידענע זייטן און ווייטן.

עס זענען אַזוי אַרום וועג־צייכענס נישט נאָר אין מענדעלע׳ס שאַפונגס־וועג, נאָר אויך טייל־שטיינער אין דעם ווייטן וועג פון אונזער אַלגעמיינעם יודישן קולמור־שאַפן.

נ. מ.

## י. ל. פּרץ

# מענדעלע

איך האָב נישט בדעה צו שרייבן קריטיק.

די צייטן פון יחידים, וואָס טהוען אַלץ און וואָס שטעהן שטענדיג דאָרט, וואו ס׳זענען קיין אַנדערע נישטאָ, — די צייטן זענען שוין פאַרביי. איצט — יעדעס געביט האָט זיך זיין שליח־צבור, זיין פאַכמאַן, און יעדער פאַכמאַן — זיין געביט, וואָס ער איז זיך עוסק אין דעם...

איך געה נישט קלויבן קיין „בלומען״ אָדער מוסטערן אין מענדעלע׳ס ווערק — דאָס אויך איז קריטיק.

און זכרונות נאָכצודערצעהלען — האָב איך נישט.

מענדעלע׳ן האָב איך געזעהן נאָר איין מאָל, ווען איך בין אין אָדעס געוועזן. און איך געדענק נאָר הויכע, געראַומטע צימערן. צווישען די אָדעסער משכּילים, וואָס האָבן מיך באַגלייט, איז געזעסען ער, דער אַלטער, וואָס מיט זיין אַקסעל איז ער העכער פון אונז אַלעמען געוועזן, זיינע אויגען האָבן געפינקעלט און געלויכטען מיט אַ באַזונדערער רוהיגקייט און זעלבסטווירדע: „איך בין דער יעניגער, וואָס האָב מיינס אָבגעטהון, טהוט־זשע איהר אייערס... איך זעה אַלץ, לייען אַלץ, אַדרבא!״...

איך וויל נאָר בעמערקען, אַז מענדעלע איז געווען אַלס קינסטלער דער ערשטער, דער מקור.

געווען אַ מאַן, וואָס האָט ענטדעקט דאָס ראָד, און זיין נאָמען איז פערגעסען געוואָרען, אָבער אין אַלע שפּעטערדיגע ענטדעקונגען דרעהט זיך אַלץ דאָס ראָד ביז אויף היינטיגען טאָג. מענדעלע האָט ענטדעקט דאָס ראָד אין אונזער ליטעראַטור. און יעדער איינער פון אונז, ביז דעם יונגסטען פון די יונגע, דרעהט אָט דאָס ראָד...

מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט: צו וואָס רעפאָרמען, צו וואָס אַ השכלה? — דאָס פאָלק איז הונגעריג, גיט איהם צו עסען...

און דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט און ערפונדען דאָס ראָד — ער איז פערגעסען געוואָרען... ווי איז זיין נאָמען?

מ ע נ ד ע ל ע.

דאָס פאָלק רופט איהם מענדעלע. ווען ער וואָלט געשריבען איין ווערק, וואָלט איהם דאָס פאָלק גערופען אויף'ן נאָמען פון זיין ספר, ער האָט אָבער געשריבען פיעל ספרים. און דער אקס אויף וועלכען אַלץ דרעהט זיך איז „מענדעלע מוכר ספרים" — און אַזוי איז זיין נאָמען אויף שטענדיג און אויף אייביג. און צוליב קיצור — מענדעלע.

שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש איז בעקאַנט נאָר יחידים; זיין פּריוואַטע נאָמען וועט זיין אויסגעקריצט אין די געשיכטע-ביכער פון דער יודישער ליטעראַטור; אין פאָלקס מויל אָבער וועט ער הייסען: „מענדעלע", — און דאָס איז זיין נאָמען אויף אַלע צייטען און דאָס איז זיין לויב.

מיכה יוסף בן גריון
(בערדיטשעווסקי)

# מענדעלע מוכר ספרים

אַצינד וויל איך רעדען פון מענדעלען, פונ'ם גרויסען מענדעלע-מוכר-ספרים, פונ'ם זיידען. איך ווייס נישט, צי ס'איז איטליכען ידוע, אַז מענדעלע-מוכר-ספרים, שכולנו חייבים בכבודו וכולנו-שתינו-מבארו, און אַלע האָבען מיר זיך געלאָבט פון זיין ברונען, האָט אַמאָל געהייסען שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש, און האָט געשריבען דעם „האבות והבנים". דעם „תולדות-הטבע" און דעם — „משפט-שלום" און נאָך אַנדערע זאַכען אויף לשון-קודש. דאָס איז געווען אין יענע יאָהרען פון דער אַלטער השכלה מיט חיים-צבי לערנערען, מיט די מדקדקים און מיט די ראַבינער-שוהלען, וואָס פון זיי האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. — אַמאָל האָב איך בעקומען אַ העפטעל „השחר" און איך האָב דאָרט געפונען אַנ'אַרטיקעל פון אַבראַמאָוויטשען „מה אנו?" און דאָס איז געווען אַ ביסעל גוט און אַ ביסעל שלעכט. איטליכער פון אונז, וואָס האָט שטאַרק געלייענט ליליענבלומען און סמאָלענסקינען און גאָרדאָנען, וואָלט נישט געקאָנט זאָגען, אַז פון אַבראַמאָוויטשען האָט ער גענאַשט. עפּעס איז דאָס געווען אַ מין נישט פיש און נישט פלייש,

נאָר דער לשון איז געווען גוט, אָבער וואָס האָט מען פונ'ם לשון אליין? —

און דאָ נעמט זיך אבראַמאָוויטש און הייבט אָן צו שרייבען ביכער אויף יודיש, און וואָס נאָך פאַר ביכער! אויף איינמאָל האָט זיך געעפענט א נייע וועלט עפעס אזוינס און אזא מין דרך האָבען מיר נאָך קיינמאָל נישט געזעהען. פערשטעהט זיך, אז אין „התועה-בדרכי-החיים“, און אין „גמול-ישרים“, צי אין „שמחת חנף“ זענען אויך געווען געשיכטען פונ'ם לעבען. אָבער „די קליאַטשע“ איז געווען עפעס אנדערש: „פישקע דער קרומער“ איז שוין גאָר עפעס אנדערש; און „דאָס קליינע מענשעלע“ און „הערשעלע“ זענען ווידער גאָר עפעס אנדערש. — דאָ דערצעהלט איינער מיט א שמייכעל אויף די ליפען און שניידט אונז די קישקעס. דאָ איז די כנסת ישראל, ווי זי לעבט און ליידט און ריכט אָב חצות, אז סע ציטערט די נשמה און אליין טוט מען אויך א וויין... איהר פערשטעהט, ס'זענען פאַראַן מענשען, וואָס זיי זענען גאָר נישט קיין משכילים: ס'איז א פּראָסטער גראָבער עולם, שטיקלעך גנבים און נאָך אזוינע פיינע לייט און פונדעסטוועגען האָבען זיי אויך א נשמה... איהר פערשטעהט, א יוד איז אזא מין מענש, וואָס צו איהם דאַרף מען זיך צוהערען. און דווקא אריינקריכען אין איהם, כדי תופס צו זיין איהם מיט אלע זיינע אברים... מענדעלע-מוכר-ספרים דערצעהלט נישט צו אונזער דערקוויקעניש, ער וויל נישט פערשאַפען אונז קיין פערגעניגען און דערצעהלען גלאַט אזוי א מעשה; פערקעהרט: ער וויל, מיר זאָלען זיך אנידערזעצען און איהם אויסהערען און זיך דערוויסען פון איהם, וואָס זענען מיר אליין. און דאָס איז דער גרויסער מורה-דרך, און ער ווייסט איטליכעס ווינקעלע אין הארצען. עפעס טהוט ער משפטען און איז א מוכיח, און דאָס אלץ זאָגען מיר זיך אליין... האָט איהר אמאָל געלערנט אויך? מענדעלע פרעגט נישט קיין קשיות, נישט אויף גאָט און נישט אויף דער השגחה, און סע בלייבט פאָרט א קשיא... ביז מענדעלען האָבען מיר אלץ געמיינט, אז מיר זענען ערב





פאַר יענעם נאָר, אז מע גיט פאַר איהם א וועקסעל צו א חתימהלע: לייענט מען אָבער מענדעלען קומט אויס, אז מע איז ערב פאַר זיך אליין. איהר פערשטעהט, דער אנדערער איז נאָר א שפּיגעל פון אונז אליין.

איך וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך א סך מעלות פון מענדעלען, אָבער טאָמער וועט זיין גענוג, אז איך וועל אייך געבען אָט דעם משל. איטליכער פון אונז האָט אמאָל גענאַשט פון א שטיקעל אבן-עזרא, צי פונ'ם רלב"ג און פונ'ם חובת-הלבבות און פונ'ם בעל-עקדה אויך. אלע זענען זיי געווען די גרויסע בעלי-מוחות מיט די טיעפע השגות; אָבער ס'איז דאָך אלץ גאָרנישט קעגען דעם רמב"ם. יענע האָבען געבויט שעהנע הייזער, און דער רמב"ם האָט אויסגעבויט א גאַנצע פעסטונג. מענדעלע-מוכר-ספרים, דער זיידע מיט זיינע גרויסע חיבורים, איז דער רמב"ם אין דער יודישער ליטעראַטור, און יודען וואָלטען געווען א פאָלק מיט אלע פעלקער צוגלייך און וואָלטען געהאַט זייער מדינה, און דאָס יודישע לשון וואָלט געווען נכתב ונחתם בטבעת-האומה ובטבעת-המלכות, ווייס איך, אז הונדערטער יאָהרען נאָך וואָלט מען מענדעלען געלייענט און פערשטאַנען, און ווייטער געלייענט. וואָס טוט אָבער גאָט? זענען מיר נאָר שברים פון א פאָלק. און אונזער לשון שאָקעלט זיך און שאָקעלט זיך... וואָס קען מען חושד זיין מענדעלען, אז ער איז געוואָרען עלטער און האָט דערזעהען, אז דאָס יודישע לשון איז שוין אויך נישט אזא בטוח, וואָרום די קינדער רעדען שוין גאָר אנדערש, האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו שרייבען אויף לשון-קודש, און דווקא גוט, און שוינעדמאָל בעסער ווי פריהער. ווי זאָגט דער פסוק: „אם יבוא עשיו אל המחנה האחת והכהו, והיה המחנה הנשאר לפליטה!“ אז דער קורס פון לשון-קודש איז געשטאַנען נישט גוט, און ס'האָט געהאַלטען אָט-אָט ביים אָנזעץ, האָט מענדעלע גענומען זיין פערמעגען און אריינגעלעגט איהם אין יודיש, און ס'האָט אונז געטראָגען צינזען און צינזען פון צינזען; דערנאָך, אז ער האָט אָנגעהויבען צו קווענקלען בנוגע

דעם יודישען לשון, טאָמער האָט עס חס-ושלום אויך נישט קיין קיום, האָט ער גענומען זיינע פּאָזיטען און זיי ווידער אַריינגעלעגט אין לשון-קודש. אוי, איז דאָס אַ האַרצוועהטאָג פון אַ שרייבער: ער מוז ציטערן אי פאַר דער נשמה, אי פאַר דעם גוף...





# מענדעלע׳ס צייט און מענדעלע׳ס פּערזענליכקייט

(מענדעלע מוכר ספרים אין זיינע בריעף)

## 1

אַ גליקליכער צופאַל האָט אונז געגעבען די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט אַ גרויסער זאַמלונג אונגעדרוקטע בריעף פון ש. י. אַבראַמאָוויטש׳ן (מענדעלע מוכר-ספרים), וועלכע זענען אַלע אַדרעסירט צו איין פּערזאָן — ל. בינשטאָק׳ן.

עטליכע ווערטער וועגען אַבראַמאָוויטש׳ס קאָרעספּאָנדענט. ער האָט עס זיכער פערדיענט שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער איז געווען דער נאָהענטסטער פריינד פון אונזער בעריהמטען שריפטשטעלער. לייב בינשטאָק, אין זיין צייט אַ צימליך בעוואוסטער רוסיש-יודישער פּובליציסט און געזעלשאַפטליכער אַרבייטער, איז געבוירען געוואָרען אין וואָלין, אין יאָהר 1836. ער איז, אַלזאָ, געווען אין איינע יאָהרען מיט אַבראַמאָוויטש׳ן: אין זיין בעוואוסטער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז געווען געדרוקט אין נ. סאָקאָלאָוו׳ס „ספר זכרון", שרייבט אַבראַמאָוויטש וועגען זיך, אַז זיין געבוירענס-טאָג איז נישט פערצייכענט געוואָרען אין די מעטריקעס, אָבער ער האָט אַ קבלה, אַז ער איז געבוירען אין יאָהר 1836. געענדיגט אין יאָהר 1858 די זשיטאָמירער ראַבינער-שול, איז בינשטאָק באַלד דערנאָך אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ ראַבינער אין זשיטאָמיר. די שטעל האָט ער פערנומען ביז׳ן יאָהר 1862. דערנאָך איז ער אַ לאַנגע צייט געווען געהילף-רעדאַקטאָר פון „וואָלינסקיא גוב. וועדאָמאָסטי" און צוגלייך „געלעהרטער יוד" — „אוטשאָני יעווריי" (געווען אַ מאָל אַזאַ משוגה׳דיגע שטעל!) ביים וואָלינער גובערנאַטאָר. מיט ליטעראַרישער אַרבייט האָט ער זיך אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען כמעט אין איין צייט מיט אַבראַמאָוויטש׳ן — אין יאָהר 1860, אין דעם ערשטען רוסיש-יודישען זשורנאַל "ראַזסוועט" (אָדעס); שפּעטער איז ער געווען אַ מיט-

אַרבייטער פֿונ'ם פּעטערבורגער „וואָסכאָד", אויך האָט ער זיך באַטייליגט אין דער אַלגעמיינער רוסישער פּרעסע. בינשטאָק האָט אויך געשריבן יודיש. ווי אַבראַמאָוויטש דערצעהלט אין זיין אויבן-דערמאָהנטער אויטאָביאָגראַפֿיע, האָט בינשטאָק איהם מיטגעהאָלפֿן ביים פֿערפֿאַסען די בראָשורען: „דער לופֿט-באַלאָן" (זשיטאָמיר, 1869) און „דער פֿיש, וואָס האָט איינגעשליגען יונה הנביא" (אָדעס, 1870), ווי אויך ביי דער איבערזעצונג פֿונ'ם „אוסטאַוו" וועגען מיליטער-דינסט (זשיטאָמיר, 1874). די אַלע דריי ווערק זענען אַרויס אַנאָנים — ביידע פֿערפֿאַסער זענען באַצייכענט נאָר דורך די ערשטע בוכשטאַבען פֿון זייערע פֿאַמיליעס: „א. ב." אין שלום עליכמ'ס „פֿאָלקס-ביבליאָטעק" (2-טער באַנד, 1889) איז געדרוקט בינשטאָק'ס ערצעהלונג „זכות אבות" אין אָנהויב 80-ער יאָהרען, נאָכדעם ווי י. ל. גאָרדאָן, דער סעקרעטאַר פֿון דער פּעטערבורגער יודישער געמיינדע און צוגלייך פֿון דער יודישער בילדונגס-געזעלשאַפֿט („מפיצי השכלה"), איז אַרעסטירט און פֿערשיקט געוואָרען, האָט בינשטאָק אַ געוויסע צייט פֿערטרעטען אין פּעטערבורג זיין שטעל. נאָכהער האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק קיין זשיטאָמיר. אין יאָהר 1892 האָט דער אָדעסער קאָמיטעט פֿון די „חובבי ציון" איהם בעשטימט פֿאַר אַ בעפֿולמעכטיגטען אין פּאַלעסטינע. בינשטאָק האָט זיך בעזעצט אין יפו און אַרויסגעוויזען פֿיעל ענערגיע און טאַקט ביי דער אַרבייט, וואָס איז אויף איהם אַרויפֿגעלייגט געוואָרען; ס'איז איהם אָבער נישט בעשערט געוועזן לאַנג צו פֿיהרען זי — אין יאָהר 1894 איז ער געשטאָרבען אין יפו.

מיט בינשטאָק'ן האָט זיך אַבראַמאָוויטש בעקענט, בעת ער האָט נאָך געלעבט אין בערדיטשעוו. דאָס יאָהר פֿון זייער ערשטער בעקאַנטשאַפֿט איז אונז גענוי נישט בעוואוסט, אַבראַמאָוויטש'ס ערשטע בריעף צו איהם זענען דאַטירט מיט 1863. נאָר פֿון זייער אינטימען טאָן איז צו זעהן, אַז זייער בעקאַנטשאַפֿט איז שוין געוועזן אַ לאַנג-אָניגע. קומענדיג אָפֿט קיין זשיטאָמיר, פֿלעגט אַבראַמאָוויטש דאָ שטענדיג זיין אַ געווינשטער





גאַסט ביי בינשטאָק'ן. ער האָט זיך בעפֿריינדעט אויך מיט זיין פֿרוי און איז געוואָרען ביי זיי אַן אייגענער מענש. זייערע באַציאונגען זענען געוואָרען נאָך נעהנטער, זייט אַבראַמאָוויטש האָט זיך אין יאָהר 1869 בעזעצט אין זשיטאָמיר, וואו בינשטאָק האָט שטענדיג געלעבט. בינשטאָק האָט שוין פֿון אַבראַמאָוויטש'ס ערשטע ליטעראַרישע שריט געשפּירט וואָס אַזוינס מען קאָן פֿון איהם ערוואַרטען און איז געוואָרען אַ טיעפֿער פֿערהערער פֿון זיין טאַלאַנט. ער האָט זיך געסטאַרעט בעהילפֿיג צו זיין דעם יונגען שריפֿט-שטעלער, פּאָפּולאַריזירען זיין נאָמען. אין יאָהר 1868 האָט ער אַרויסגעגעבען אַ רוסישע איבערזעצונג פֿון אַבראַמאָוויטש'ס ראָמאַן „האבות והבנים"; צו מענדעלע מוכר-ספרים'ס 25-יאָהריגען יובילעאום האָט בינשטאָק אין „וואָסכאָד" (1884) געדרוקט וועגען איהם אַ גרויסען קריטישען-ביאָגראַפֿישען אַרטיקעל. „דער יום-טוב פֿון דער יודישער ליטעראַטור". פּערזענליכע סימפּאַטיעס, נאָהענטע בעציהונגען פֿון יוגענד אָן, געמיינשאַפֿטליכע ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטליכע אינטערעסען און אָנדענקען — דאָס אַלץ האָט בעשאַפֿען אַ הייסע פֿריינדשאַפֿט צווישען אַבראַמאָוויטש'ן און בינשטאָק'ן; מיט די יאָהרען איז זייער בונד געוואָרען אַלץ פֿעסטער, אינטימער — און אַז בינשטאָק איז פֿריהצייטיג געשטאָרבען אין יאָהר 1894, האָט אַבראַמאָוויטש אין איהם פֿערלירען דעם נאָהענטסטען, סאַמען איבערגעגעבענעם און געליעבטען מענש.

ביי אַזאַ אינטימער נאָהענטקייט איז, נאַטירליך, געוועזן אַנ'אָפֿטע שריפֿטליכע אייניגונג. אונזער קאָלעקציע ענטהאַלט אין זיך ביז הונדערט בריעף פֿון אַבראַמאָוויטש'ן צו בינשטאָק'ן. זיי הויבען זיך אָן פֿון יאָהר 1863 און ציהען זיך ביז סוף 1867; די אַלע בריעף זענען געשריבען געוואָרען אין בערדיטשעוו, אַ חוץ עטליכע צופֿעליגע פֿון אַנדערע שטעדט. ווייטער פֿאָלגען, אין יאָהר 1868, צוויי בריעף פֿון אָדעס און איינער ווידער פֿון בערדיטשעוו; ווי עס איז צו זעהן פֿון איין בריעף (4-טען אַפּריל, 1868), פֿעהלט אין דער קאָלעקציע נאָך איין פֿריהערדיגער בריעף, וועלכען אַבראַמאָוויטש האָט געשיקט פֿון

בערסאָן. דערנאָך ציהט זיך אַ לאַנגע פויזע, פון 1869 ביז 1881 — דאָס זענען יענע יאָהרען, ווען אַבראַמאָוויטש האָט שוין געלעבט אין זשיטאָמיר אין איין שטאָדט מיט זיין פריינד, און נישט געברויכט קאָרעספאָנדירען מיט איהם. צו דעם פעריאָד געהערען אָן נאָר צוויי צופעליגע בריעף פון פעטערבורג, וואוהין אַבראַמאָוויטש'ן איז אויסגעקומען צו פאָהרען, פון 1871 און 1880. די רעגעלמעסיגע קאָרעספאָנדענץ הויבט זיך אָן פונסניי אין יאָהר 1881, ווען אַבראַמאָוויטש האָט זיך בעזעצט אין אָדעס, און ציהט זיך כסדר ביז סוף 1829 (די ווייטערדיגע בריעף ביז 1834, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט אַדרעסירט בינשטאָק'ן קיין יפו, פעהלען אין דער קאָלעקציע). אַבראַמאָוויטש'ס בריעף זענען געשריבען: ביז 1881 — העברעאיש (אַ חוץ איין בריעף רוסיש) און פון 1881 אָן, אַלע פון אָדעס, — רוסיש; פון דעם פעריאָד האָבען מיר נאָר געצעהלטע דריי יודישע בריעף. אַבראַמאָוויטש'ס רוסישע שפראַך איז אַ האַרטע, אָפטמאָל נישט פריי פון גרייזען, וואָס דער גרעסטער יוד׳שער שריפטשטעלער און סטיליסט בענוצט זיך אין דער קאָרעספאָנדענץ מיט זיין נאָהענטסטען פריינד (אויך אַ יודישער שרייבער!) נישט מיט יודיש, נאָר מיט דער רוסישער שפראַך, וועלכע איז איהם נאָך בעצם געווען פרעמד, אַלענפאַלס געווען פאַר איהם נישט אַ היימישע, נאַטירליכע, נאָר בלויז אַ מין „בוך-שפראַך", — דאָס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַבראַמאָוויטש'ן אין זיינע דעמאָלטיגע אָנזיכטען, ווי פאַר יענער צייט און איהרע שטימונגען בכלל.

עס איז פולקום איבעריג צו ערקלערען די גרויסע ביאָגראַפישע און היסטאָריש-ליטעראַרישע בעדייטונג פון דער זאַמלונג בריעף, וועגען וועלכע עס האַנדעלט זיך דאָ. אין די בריעף וואו אַבראַמאָוויטש בענאַכריכטעט זיין אינטימסטען פריינד גענוי און אויספיהרליך מכוח אַלץ, וואָס ס'קעהר זיך צו איהם אָן, וואו ער גיסט פאַר איהם אויס זיין האַרץ, שפיגעלט זיך קלאָר אָב זיין לעבען אין פערלויף פון גאַנצע 17 יאָהר. אַלע אויסער-ליכע אומשטענדן, וואָס האָבען געווירקט אויף מענדעלע מוכרי-





ספרים, זיין גאַנצע אומגעבונג, די געשעהענישען אין זיין פאַמיליע, זיינע לייד און פרייד, זיינע ליטעראַרישע פלענער און אַרבייט, זיינע שטימונגען און שטרעבונגען, געזעלשאַפטליכע אָנזיכטען, זיין וויץ און ערנסט — אַלץ געפינט אַן'אָבקלאַנג אין די שריפטליכע געשפרעכען מיט זיין אַלטען אינטימען פריינד. און מיר רעכענען, אַז די לעזער וועלען אונז נישט נעהמען פאַראיבעל, אויב מיר וועלען זיך כאָטש אין קורצען אָבשטעלען אויף די וויכטיגסטע פון די בריעף און אויף זייער הויפט אינהאַלט.

פאַר יענע, וועלכע האָבען פערזענליך געדענקט אַבראַמאָוויטש'ן, מיט זיין געוועהנליכער איינגעהאַלטענקייט, מיט זיין געוויסען גראָד טרוקענקייט, שטעלען די בריעף, בכלל גענומען, זייער אַלגעמיינער טאָן, איהם אַרויס אין גאָר אַן'אַנדערער, גאַנץ נייער בעלויכטונג. ערגיץ טיעף, אונטער זיין רוהיגער, קאַלטער, עטוואָס בערעכענטער אויסערליכקייט און האַלטונג, האָט געשלאָגען אַ פערבאָרגענער רייכער קוואַל האַרציגקייט; ער איז אָבער געווען אָפען נישט פאַר יעדערען, נאָר פאַר ווייניגע אויסדערוועהלטע, — בנוגע צו זיי פלעגט ער זיך ענטפלעקען אין זיין גאַנצער רייכקייט. די בריעף צו בינשטאָקן זענען דורכגעדרונגען מיט אַ ריהרענדער וואַרימקייט, האַרציגקייט. אָפטמאָל מיט אַ מין סענטימענטאַליזם. אַלץ, וואָס קעהר זיך אָן צו זיין געליעבטען פריינד, פערכאַפט טיעף אַבראַמאָוויטש'ן, ער אינטערעסירט זיך לעבהאַפט מיט יעדער זאַך, וואָס בעריהרט בינשטאָקען, ביז דער מינדסטער קלייניגקייט. ער וויל וויסען גענוי וועגען אַלץ, וואָס עס קומט מיט איהם פאָר, ער פרעהט זיך מיט יענעמס פרייד פונקט ווי מיט אַן'-אייגענער שמחה, בשעת יענעמס אַ לייד קומט ער גלייך מיט אַ טרייסט, מיט אַ בערוהיגונג — און די זעלטענע האַרציגקייט פערשפרייט ער אויך אויף בינשטאָק'ס פרוי און קינדער, אויף דעם גאַנצען הויז זייערן, וואָס איז איהם אַזוי טייער און ליעב. פריינדשאַפט האַלט אַבראַמאָוויטש פאַר איינס פון די העכסטע גיטער, וואָס דער מענש פערמאָגט. „אייער פריינד.

שאַפט — שרייבט ער אין בריעף פון 17-טען אַפּריל, 1886 — איז פאַר מיר אַ מאָראַלישע קרעפטיגונג. קיין זאַך קאָן נישט אַזוי וואויל אויף מיר ווירקען, אַזוי צוגעבען מיר חשק צום לעבען און צו אַרבייט, ווי דער וואַרימער הויך פון פריינד-שאַפט — פון אָט דעם פריהלינג אינ׳ם מענשענס לעבען". זייענדיג ווייט פון דעם געליעבטען פריינד, בענקט ער שטענדיג נאָך איהם און נאָך די זייניגע, ער טראָגט זיך איבער אין די געדאַנקען צו זיי און געפינט זיך אין זייער אומגעבונג. „איהר האָט קיין בעגריעף נישט — לייענען מיר אין בריעף פון 12-טען מערץ 1882 — ווי שטאַרק איך בין צוגעבונדען צו זשיטאָמיר. איך האָב דאָרטען פערבראַכט די בעסטע יאָהרען פון מיין לעבען צווישען אייער משפּחה. וואָס איך האָב האָלט געקראָגען פון גאַנצען האַרצען א׳ן וואָס קיינער און קיין זאַך אין דער וועלט קאָן מיר עס נישט פערבייטען. רבונו-של-עולם, ווי גליקליך וואָלט איך געווען, ווען מיר וואָלטען ווידער געקאָנט לעבען אין איין שטאָדט! גלויבט מיר, דאָס איז מיין טיעפסטער פערלאַנג פון גאַנצען האַרצען, און ס׳איז מיר זיס וועגען דעם צו טרוימען, אין די געדאַנקען מיינע בין איך צווישען אייך. איך שמועס מיט אייער פרוי, מיט טינא און די איבעריגע קינדערלעך. איך צוגעה פון פערגניגען, ווי וואָלאָדיע, מישע און די קליינטשיקע אַניוטקע טרעטען מיך אַרום, צופּען מיך און פערהילכען מיר די אויערן מיט זייער בלאַפּלעריי. איך פרוב מיך אַרויסצומאַכען, נאָר זיי בעלאַגערן מיך ווי די פליגען... ליעבע קינדערלעך, טייערע קינדערלעך!"

צו „בר מצוה" פון בינשטאָק׳ס זוהן מישע שרייבט ער דעם 11-טען סעפּטעמבער 1884: „איהר וועט מיר גלויבען? בעת איך האָב געלייענט, ווי מישיק הזר׳ט איין די ברכות, וואָס דער פאָטער לערענט מיט איהם, מאַכענדיג בלויז זיין קינדיש הענ-טעלע, אויף צו לעגען תפילין, זענען מיר אַרויסגעטראָטען טרעהרען אויף די אויגען, און דאָס, וואָס איך האָב ליידער אין דער מינוט נישט געקאָנט אַליין ערפילען. בעט איך אייך איצט טהון פאַר מיר — איהם אַרומנעהמען און צו קושען שטאַרק".





פאַר איטליך קינד בינשטאָק׳ס געפינט איהר אין יעדען בריעף פון אַבראַמאָוויטש׳ן אַ וואַרים, צערטליך וואָרט, און ער פאַסט זיך דערביי צו צו יעדערענס כאַראַקטער, געוועהנהייטען און אַפילו צו איטליכענס צונעמעניש. זיין בריעף פון 7-טען יאַנואַר 1885, ענדיגט זיך מיט אַ צושריפט, אַדרעסירט צו בינשטאָק׳ס עלטע-רער טאָכטער: „טייערע טינע! איך גיב דיר אָב מזל-טוב פון אַנ׳אמת׳ען איבערגעגעבענעם פריינד: דער פריינד, נעמליך, בין איך ש. י. אַבראַמאָוויטש! אַניוטע׳ן גיב אָב פאַר מיר פיעל קושען. וואָס מאַכען איהרע קראָליקעס, קעץ, הינדטלעך א. ז. וו. א. ז. וו.?"

אין יאָהר 1881 איז בינשטאָק אָהן דער ערלויבעניש פונ׳ם וואָלינער גובערנאַטאָר (ביי וועלכען ער האָט געהאַט אַ שטעל) אַוועקגעפאָהרען אויף איינינע טעג קיין פעטערבורג, כדי צו בעטייליגען זיך אינ׳ם צוזאַמענפאָר פון יודישע כלל-טהוער; מחמת דעם האָט ער פערלוירען זיין שטעל, קיין אַנדערע בע-שעפטיגונג האָט ער אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט געפינען, און זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרען זעהר אַ שווערע. אַבראַ-מאָוויטש נעהמט די זאַך זעהר נאָהענט צום האַרצען. ער טרייסט און בערוהיגט איהם אין יעדען בריעף, סטאַרעט זיך מיט אַלע כוחות אויסווירקען פאַר איהם אַ שטעל, אַ בעשעפטיגונג, קרעפטיגט איהם דעם מוט. אָבער נישט שטענדיג האַלט ער אויס דעם טאָן פון טרייסט, בערוהיגונג – דעם פריינדס צער בעריהרט איהם טיעף. אין איין בריעף פון יענער צייט רייסען זיך ביי איהם אַרויס אַזוינע ווערטער: „איך דערמאָן זיך אייער לאַגע, וואָס איהר האָט בעשריבען אין אייער לעצטען בריעף, און מיין האַרץ בעגיסט זיך מיט בלוט. עס איז מיר ביטער און טרויעריג, וואָס איך בין נישט אומשטאַנד אויסהעלפען דעם פריינד אין אַ שווערער צייט. איך שווער ביי גאָט, כ׳האָב מורא צו זאָגען אייך, ווי ווייט איך בין געקרענקט. שרייבט מיר אָן, פריינד מיינער, וואָס הערט זיך ביי אייך אין יער היים, ווי פערברענגען אייערע קינדערלעך די וואַקאַציעס... אָט האָבען זיך אַ לאַז געטהון טרערען, און איך וויין. באמנות, איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר טהוט זיך. נעהמט מיר אַרויס, איך בעט

איך, דאָס הארץ — ס'איז מיין אונגליק. פע!" — אין יאָהר 1888, ווען עס זענען פאָרגעשטאנען ראבינער-וואהלען אין אָדעס, האָט זיך אבראמאָוויטש, אין איינעם מיט דעם בעוואוסטען אָדעסער כלל-טהוער מנשה מרגליות און מיט אנדערע פאָרשטעהער פון דער דאָרטיגער אינטעליגענץ, געסטארעט, עס זאָל אויסגעקליבען ווערען בינשטאָק. וועגען די הכנות צו די וואהלען און מכוח די אויסזיכטען פלעגט ער איהם אָפט בענאכריכטען. איין צייט האָט אבראמאָוויטש שטארק געהאָפט אויף ערפאָלג. „שיקט ארויס — שרייבט ער בינשטאָק'ן — די מעלדונג וועגען אייער קאנדידאטור אויף מרגליות'עס נאָמען, ער וועט שוין אליין דערלאנגען וואוהין מען בעדארף. מען מוז דערווייל האלטען די זאַך בסוד. שיקט איהם ארויס אויך אלע דאָקומענטען, אייער פאָרמולאר, בקיצור — אלץ, וואָס מען ברויך". און ער גיט איהם דערביי אַן'אָנצוהערעניש וועגען א גוטער אויסזיכט, אויפ'ן עכטען שטייגער פון מענדעלע מוכר-ספרים, אליין אונטערשטרייכענדיג די גאנצע פראזע: „גאָלט שוין מעהר נישט די באָרד. אין גיכען האָפען מיר ארויסרופען אייך מיט א דעפעש". דער אנדערער קאנדידאט אָבער ח. גורלאנד, וועלכער האָט געזוכט אויסצונעהמען ביי די דיינים און די פינסטערע עלעמענטען, האָט אינאיינעם מיט זיינע הילפסלייט געארבייט אויף אלע כלים; עס האָבען נישט געפעהלט אי „גענזלעך מיט לאטקעס", אי געדרוקטע מסירות אויף בינשטאָקן — או. אויסגעקליבען געוואָרען איז גורלאנד. אבראמאָוויטש איז געווען טיעף געקרענקט און אויפגעבראכט פון די וואהלען און זייער מיאוסען רעזולטאט. און עס איז כדאי צו באָטירען, אז דאָס מאָל האָט ער — פסיכאָלאָגיש אזוי נאטירליך! — אויסגעגאָסען זיין הארץ נישט אין א רוסישען בריעף, נאָר טאקע אויף מאמע-לשון. מיר ברענגען דאָ איינעם פון די ווינציגע יודישע בריעף, וואָס געפינען זיך אין דער קאָלעקציע: ער קעהר זיך אָן צו די ראבינער-וואהלען:





אָדעסא, 23 פעברואר 1888.

טהייערער פריינד!

„היינטיגס מאָל שרייב איך אויף פראָסט יודיש אזוי: „הדודאים נתנו ריח" — די יודעלעך האָבען געגעבען די שמוכט! עטליכע טעג פאר די וויבאָרעס האָבען ווייסע חברה געגעבען די שמוכט אין דער גאזעטע „נאָוואָראָסייסקי טעלעגראף", עס האָט געשטינקען איין עיפוש, און פון דעם עיפוש איז ארויסגעקראָכען זייער רב גורלאנד! שפּירא האָט אייך מסתמא וועגען דעם פאָדראָבנע שוין געשריבען. ער האָט נעמ'יך די לעצטע צייט געארבייט, מרגליות האָט אויך געארבייט, אָבער די שמוכט פון יודישע דאָנאָסען איז שרעקליך שטארק, מיר איז דער עיפוש פערגאנגען אין נאָז אזוי, אז איך בין אצינד ערנסט קראנק. דער קאָפּ איז מיר פערבונדען, און איך בין נישט אימשטאנד צו שרייבען. — איך האלט מיך טאקע ביי מיינס: אז וואויל איז דעם מענשען, וואָס קעהר זיך מיט אונזערע יודעלעך נישט אז. א ברודער, שלעכט צו דינען, צו לעבען פון יודישע קינדער!

„מיין גאנץ הויז-געזונד גריסט אייך און אייערע טהייערע ווייב. אצינד איז מיר אונמעגליך א סך צו שרייבען. איך קאָן פון שטינקענדיגען ענין „רבנות" נישט רעדען. עס קאָכט זיך מיר איבער דאָס בלוט. פע, אַן'עיפוש! — זייט מיר בעסער געזונד און גליקליך, נישט צובעדארפען זיין ביי יודען א רב.

אייער געטרייער פריינד ש. י. אבראמאָוויטש".

אין די בריעף פון די 60-ער קלאָגט זיך אבראמאָוויטש אָפט אויף זיין מאטעריעלער לאגע. „ס'איז געקומען די צייט — לייענען מיר אין זיין בריעף פון 2-טען אויגוסט, 1864 — ווען איך מוז עטוואָס טהון פאר מיין הויז-געזינד, און איך ווייס נישט וואָס צו אונטערנעהמען. ביז איצט בין איך געווען אינגאנצען פערטהון אין ליעבע צו אונזער הייליגער שפראך, איך פלעג טאָג ווי נאכט האָרעווען, כדי אויסצוהעלפען מיט מיין ביסעל קענטעניש מיינע מיטברידער (ער מיינט דערמיט זיין זאַמלונג קריטיש-פובליציסטישע

אַרטיקלען „משפט שלום“ און זיין העבּרעאישע בעאַרבּייטונג פון לענץ׳ס נאַטור-געשיכטע, אונטערן נאָמען „תולדות הטבע“), פערגעסענדיג, אַז איך האָב אַ ווייב מיט קינדער; איך האָב געהאַלטען אין איין טראַכטען וועגען דעם נוצען פון מיין פאָלק און אין האָב פערגעסען צו זאָרגען וועגען מיינע קליינע קינדער. און איצט ווען עס שטעהט פאַר מיר קלאָהר מיין גרויסע פליכט געגען מיין הויז-געזונד, ווער איך פערציטערט דערזעהענדיג, אַז נאָך אַלע מיינע מיה און האָרעוואַניע קומט מיר קיינער נישט צוהילף“. אַבּראַמאָוויטש האָט אויף זיך גוט געפיהלט דעם טרויעריגען גורל פון די דעמאָלסטיגע העבּרעאישע „מחברים“, איהם איז אויך אויסגעקומען פערזענליך, אָדער דורך בעקאַנטע צו פערשפּרייטען זיינע ווערק. און לסוף פלעגט מעהרסטענטיילס נישט געלונגען אויסצושלאָגען אפילו די הוצאות אויף דרוק און פּאַפּיער. „דערהערענדיג, אַז איהר געפינט זיך איצט אין דובּנע, — שרייבּט ער בּינשטאָקן דעם 17-טען אַפּריל, 1863 — האָבּ איך בעשלאָסען אָנצושרייבּען אייך אַהין און בּעטען אייך, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין מיר מיטצוטיילען וועגען מיינע בּיכער, וואָס איך האָבּ לויט אייער עצה מיט אַ האַלבּ יאָהר צוריק אַרויסגעשיקט אייער געהרטען שוועהר; איך האָבּ איהם שוין עטליכע מאָל וועגען דעם געשריבּען, האָבּ איך אָבּער פון איהם קיין ענטפער נישט. טהוט מיר דעם חסד, ליעבּער פריינד, זאָרגט צו פערשפּרייטען מיינע פערוואָגעלטע בּיכער צווישען די משכּילים אין דובּנע. איך האָבּ אַרויסגעשיקט סך-הכּל זעקס עקזעמפּלאַרען, און דובּנע פערמאָגט דאָך פיעל ליעבּהאָבּער פון העבּרעאיש!“ „איך בּעט אייך — לייענען מיר אין אַנ׳אַנדער בּריעף — איבּערגעבּען דעם שילער (פון זשיטאָמירער ראַבּינער-שול) ה׳ גאָלדפאַדען (דער קומענדיגער גרינדער פון יודישען טעאַטער), אַז זיין בּריעף האָבּ איך ערהאַלטען, און איך בּעט ענטשולדיגונג, וואָס איך האָבּ איהם נישט געענטפערט — איך האָבּ נישט געקאָנט, ווייל איך בּין געוועזען זעהר פערנומען; דאָס געלד, וואָס ער האָט געלייזט פאַר מיינע בּיכער, זאָל ער אַזוי גוט זיין אַרויסשיקען מיין פרוי“.

צוליעבּ פערקויפען זיינע בּיכער קומט אויס אַבּראַמאָוויטשן





פיעל אַרומצופאָהרען. אינם בּריף פון 24-טען אויגוסט, 1867, קלאָגט ער זיך אויף די „מאַטערניש, קאָפּ-דרעהעניש און נישט-ליעגע מיה מכוחן פערקויפען“ זיינע בּיכער. ער זוכט אַ בּעשעפטיגונג, סטאַרעט זיך בּעקומען אַ לעהרער-שטעל, אָבּער אַ לאַנגע צייט קומט דערפון גאָרנישט אַרויס. „מיין לאַגע איז איצט שלעכט — שרייבּט ער דעם 10-טען מאַי, 1868, פון אָדעס — איך האָבּ, גאָט צו דאַנקען, אַ פרוי מיט קינדער, און איך קום נאָך אַלץ אָן צו מיין שוועהר׳ס קעסט, און פון אַלע הבטחות פון בּעקאַנטע און פריינד צו טהון וואָס פאַר מיר ווערט גאָרנישט. דער אויבּערשטער ווייסט, וואָס איך בּין אויסגעשטאַנען, ווען איך בּין געצוואונגען אַוועקצו וואַנדערען העט-ווייט פון מיין הויז-געזונד, טאָג ווי נאַכט בּין איך אין איין קומער, און מיין איינציגע האָפנונג איז נאָר — אפשר וועט מיר געלינגען צונויפקלייבּען עטוואָס געלד, איך זאָל קאָנען אומקעהרען זיך אַהיים און זעהן זיך ווידער מיט מיינע קינדער“.

ווי געדריקט עס איז נישט אַבּראַמאָוויטש׳ס פּערזענליכע לאַגע, סטאַרעט ער זיך אָבּער שטענדיג פאַר יוגענדלייט, וואָס שטרעבּען צו בּילדונג. אין זיינע בּריעף פון יענער צייט טרעפען זיך אָפטע בּקשות וועגען מענשען, וועלכע זוכען אַריינצוטרעטען אין זשיטאָמירער ראַבּינער-שול. „זאָגט וועגען זיי אַ גוט וואָרט די קריסטליכע און יודישע לעהרער, זיי זאָלען זיי מקרב זיין; העלפט זיי אַרויס אין אַ שווערער כּינוט.“ „איך האָבּ צו אייך אַ בּקשה — ווענדט ער זיך דעם 15-טען דעצעמבּער, 1864, צו בּינשטאָקן — און איך האָף, אַז איהר וועט זי ערפילען. טהוט, טייערער, אַ חסד מיט דעם אָרימען שילער פּ. און סטאַרעט זיך, מען זאָל איהם פון גימנאַזיום נעבּען אַ געלד-שטיצע, כּדי ער זאָל קאָנען ענדיגען דעם קורס און נישט שטאַרבּען פון הונגער. העלפט איהם אויס, וואָרום ער איז אומגליקליך!“ „זייט אַזוי גוט, טייערער פריינד — לייענען מיר אין בּריעף פון 5-טען סעפּטעמבּער, 1867 — זעהט זיך פערזענליך מיט ה׳ ח. ז. סלאָנימסקי (אינספּעקטאָר פון

זשיטאָמירער ראַבינער־שול) און בעט איהם פון זיך (אָבער נישט פון מיין נאָמען) וועגען דעם שילער ב. מען זאָל איהם אַריינגעהמען אין צאָהל פון די, וועלכע לערנען זיך אויפ'ן חשבון פון דער רעגירונג. ער נויטיגט זיך, און זיינע גוטע פעהיגקייטען און אויפפיהרונג גיבען איהם דערויף רעכט... פערגעסט אָבער נישט, בעט ה' סלאָנימסקי'ן מכוח דעם שילער ב. נאָר פון אייער אייגענעם נאָמען, אָבער נישט פון מיינעם, וואָרום איך בין זיכער, אַז אין גיכען וועל איך איהם מוזען בעטען נאָך מכוח אַנ'אַנדער שילער. וואָס זאָל איך טהון, אַז איך האָב רחמנות אויף די אָרימע שילער, און זייער נויט ריהרט מיך טיעף אין הארצען? ווער וועט פיהלען צו זיי מיטלייד, אויב נישט מיר?"...

אַזוי פלעגט אַבראַמאָוויטש אַפילו ביי די שווערסטע אומשטענדען נישט פערגעסען אָן די יונגע לייט, וואָס שטרעבען צו ליכט און בילדונג. מען מוז אָבער בעמערקען, אַז פון די בריעף איז צו זעהן, אַז זיין מאַטעריעלער מעמד איז קיינמאָל נישט געוועזען אַ געזיכערטער, אַז אויך שפּעטער, שוין האָבענדיג אַ שטעל אין אָדעס און זייענדיג אַ בעריהמטער יודישער שריפטשטעלער, האָט ער געהאַט גענוג גרונד צו בעקלאָגען זיך אויף זיין לאַגע. „אַך, הארציגער פריינד, כ'האָב קיינמאָל נישט — שרייבט ער דעם 21־טען מערץ, 1886 — איך האָב קיינמאָל פונ'ם לעבען אַ סך נישט געפאָדערט, נישט קיין רייכטום, נישט קיין לוקסוס. מעהר נישט ווי די מעגליכקייט פון אַ זעלבסטשטענדיגער אַרבייט, וואָס זאָל שטימען מיט מיינע שטרעבונגען און אידעאַלען. איך פלעג מיט זודיגע טרערען בעטען דעם שיקזאַל וועגען פרייער אַרבייט, אונאָבהענגיגער עקזיסטענץ, — אָבער ער בעהאַלט זיך קעגען מיר ווי אַ בייזע שטיפמוטער". „כאָטש איך בין שרעקליך פערנומען, אי מיט מיין שטעל, אי מיט פערשיעדענע אַנדערע אָנגעלעגענהייטען — לייענען מיר אין זיין בריעף פון 30־טען דעצעמבער 1888 — פון דעסטוועגען האָב איך איבער גוועלד אָבגעריסען עטליכע מינוטען צייט צו גראַטולירען אייך מיט דעם נייעם יאָהר־





הלואי זאָל דאָס קומענדיגע יאָהר אייך ברענגען גליק און טרייסט פאַר אַלע הארץ־קלעמעניש און צרות, וואָס איהר זייט אויסגעשטאַנען אין דעם אַלטען, פערגאַנגענעם יאָהר; זייט גליקליך, מיינע טייערע! און נאָך איינס וועל איך בעטען ביים אַלמעכטיגען גאָט. ער זאָל האָבען רחמים אויך פאַר מיר, זינדיגען, און אַ ביסעל מיר פערגרינגערען די שווערע משא פונם אַרבייטס־לעבען. אַך, ס'איז שווער אויף דער עלטער שטענדיג צו האָרעווען, שלאָגען זיך, ווי אַ פיש אָהן וואַסער, אַלץ צוליב דעם שטיקעל ברויט!"...

קיין אָדעס איז אַבראַמאָוויטש אַריבערגעפאָהרען אין יאָהר 1881. צוליב דער שטעל, וואָס ער האָט דאָרטען בעקומען. ער האָט אויך געשפּירט דעם טעם פון יענער קללה, וואָס איז געלעגען אויף אונזערע בעסטע שריפטשטעלער: ווי פרץ האָט געמוזט, כדי צו דערנעהרען זיך און זיין פאַמיליע, אָבגעבען זיין בעסטע צייט דער וואַרשעווער „גמינע" מיט איהרע ווענעגצוציהענדע קהל'שע ענינים, ליליענבלום — דער אָדעסער „חברה קדישא", אַזוי איז אַבראַמאָוויטש גענויטיגט געוועזען צו נעהמען אויף זיך די פערוואַלטונג איבער דער „תלמוד־תורה" פון אָדעס. די שטעל האָט איהם געגעבען אַ שטיקעל ברויט, אָבער זי האָט געפאָדערט פון איהם אַ מאַסע צייט, אַרבייט און מיה. אויף איהם איז געלעגען די גאַנצע פעדאַגאָגישע זייט פון דער אנשטאַלט. — ער האָט געמוזט אַליין געבען שטונדען, אָנפיהרען די אַרבייט פון די איבעריגע לעהרער, אַכטונג געבען אויף די שילער, פיהרען אין נויטיגע פאַלען אונטערהאַנדלונגען מיט זייערע עלטערען און קרובים; צוגלייך האָט ער געהאַט צו פערוואַלטען אויך איבער די אַדמיניסטראַטיווע אָנגעלעגענהייטען פון דער שול, זאָרגען וועגען איהרע מאַטעריעלע בעדערפענישען, פיהרען אַ גרויסע אָפיציעלע קאָרעספּאָנדענץ, און אַ חוץ דעם — האָבען שטענדיגע עסקים מיט די גבאים פון דער „תלמוד־תורה", וואָס פלעגען, געוועהנליך, קומען מיט אַ ברייטער דעה, זיך האַלטען פאַר גרויסע מבינים, און יעטוועדער זאַך זיך מישען. א. ז. וו. דאָס אַלץ האָט גערויבט ביי אַבראַמאָוויטש'ן

א מאַסע צייט, געפאָדערט אַרבייט אָהן אַ ברעג, שטענדיג אַרויסגערופען קאָפּ-דרעהעניש, זאָרג און עגמת-נפש. אין די בריעף בעקלאָגט ער זיך תמיד אויף זיין שטעל. „די לעצטע צייט אַרבייט איך ווי אַנ׳אָקס, סיי טאָג, סיי נאַכט, און איך האָב פאַר זיך קיין איין פרייע מינוט נישט. די שטענדיגע עסקים מיט פערשיעדענע אָנגעלעגענהייטען פון מיין שטעל מאַכען פון מיר ממש אַ תל״. (בריעף פון 30-טען דעצעמבער, 1886). „עס איז נישט קיין גוזמא — שרייבט ער דעם 11-טען פעברואַר, 1887 — ווען איך וועל אייך זאָגען: די אַרבייט פערשלינגט מיין גאַנצע צייט, נישט איבערלאָזענדיג מיר אפילו איין פרייע מינוט אויף צו בעשעפטיגען זיך מיט עטוואָס אַנדערש אַ חוץ מיין פערשאָלטענע שטעל, איך בין אויף דער עלטער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מין „קליאַטשע״, פון פריהמאָרגען ביז שפעט אין דער נאַכט ציה איך די קליאַמקע, זיפצענדיג וועגען דער פערלוירען-געגאַנגענער פרייהייט און וועגען די אידעאַלען, פון וועלכע איך האָב געטרוימט. זיין אַ קליאַטשע מיט אַ פיהלענדער נשמה און מיט א מענשליכער נאַטור — אך, דאָס איז אַ גיהנום׳שער קוואַל, הונדערט מאָל גליקליכער איז דער, וואָס פערמאָגט ביי אַ מענשליך אויסזעהן די נאַטור פון אַ קליאַטשע!״... אַ חוץ די שווערע אַרבייט אָהן אויפהער, האָט די שטעל געהאַט נאָך אַ ביטערע זייט. — די מאַטעריעלע אָבהענגיגקייט, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט שטענדיג טיעף געפיהלט. „איך וועל אייך אין קורצע שטריכען — ליינען מיר אין זיין בריעף פון 6-טען יוני, 1891 — געבען אַ בילד פון מיין היינטיגען טאָג. דער זוהן פון מיין פריינד, דעם פערשטאָרבענעם האַלפערין, אַ יונגערמאַן פון 20 יאָהר, אַ געראָטענער אין אַלע הינזיכטען, איז מיט דריי טעג צוריק פערהאַלטען געוואָרען אָהן אַ שום נאַכריכט (זייער פאַמיליע לעבט איצט אויף דאַטשע). נאָך פיעל זוכעניש האָט זיך נעכטען אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט זיך דערשאָסען אין אַ נומער פון אַ היגען האָטעל. די גאַנצע פאַמיליע איז אויסער זיך, מען לויפט, מען האַוועט, שלינגענדיג די טרערען, סטאַרענדיג זיך





בעהאַלטען דעם שרעקליכען טויט פון דער, צערטליך ליבענדער מוטער. היינט אין דער פריה האָט מען געבראַכט די אונגליקליכע מוטער גלייך פון דער דאַטשע צו מיר אַ היים, וואו עס האָבען זיך צונויפגעקליבען איהרע קינדערלעך און אייניגע פון די קרובים, און אויף מיר איז אַרויפגעלעגט געוואָרען צוגרייטען זי צו דעם שרעקליכען קלאַפּ. וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין מיין געמיט ביים ערפילען די שרעקליכע פליכט — דאָס קאָנט איהר אַליין פערשטעהן; איך בין שיר נישט געשטאָרבען אינאיינעם מיט דער מוטער. גוט, וואָס איך האָב צוגעגרייט פערשיעדענע מעדיקאַמענטען און אַ פריהער איינגעלאַדען אַ דאָקטאָר. וואָס, אַנ׳אָנגענעהם בילד? און דאָ, אין מיטען דעם געפילדער, רופט מען מיך אין פעדאַגאָגישען קאָמיטעט: מען וואַרט אויף מיר, ס׳איז דאָך אַ „סלוזשבע״, אַ שטעל. פינף אַ זייגער זענען די אונגליקליכע אַוועקגעפאָהרען צו זיך אַהיים, און איך — אַ בזיון! — בין אַוועק צו איינעם פון מיינע גבאים אויף... אַ התונה! נישט געהן איז געווען אונמעגליך, איך וואָלט דערמיט זיך פערשאַפט אונאַנגענעהמליכקייט״.

פון אָדעס און פון די דאָרטיגע רעדעל-פיהרער קלויבט אַבראַמאָוויטש בכלל ווייניג נחת... „איהר האָט איבערהויפט אַ פאַלשען בעגריף וועגען אָדעס, און כדי עס אייך צו בעווייזען אין אמת׳ע בעלויכטונג, וואָלט מען געדאַרפט אָנשרייבען אַ גאַנץ בוך. איך וועל זאָגען בקיצור, אַז די יודישע קינדער זענען געגליכען איינס צום אַנדערן אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט. אייערע (זשיטאָמירער) בעקערס, ר׳ פנחס׳עס, עקזיסטירן אומעטום, דער אונטערשיעד איז נאָר, אַז דער, וואָס הייסט ביי אייך טאָדרעס, הייסט דאָ ביי אונז כוויאַדאָר. די קליינע מענשעלעך אינטריגירן אומעטום, לאָזען שטויב אין די אויגען, און די אָרענטליכע לייט טרעטען זיי אָב דעם וועג, אויסמיידענדיג צו האָבען מיט זיי עסקים. און עס ענדיגט זיך שטענדיג מיט דעם, אַז די נאַרישקייטען, עזות פייערן דעם נצחון״.

(5-טען נאָוועמבער, 1887).

אָדעס, בכלל, האָט צו ווייניג פערמאָגט אין זיך יענע אַטמאָספערע, יענע בעדינגונגען, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט גע-ברויכט צום שאַפען, און נאָר זיין גרויסער טאַלאַנט און זיין אונגעוועהנליכע גייסטיגע רייכקייט האָבען איהם געגעבען די מעגליכקייט בייצוקומען די אונגינסטיגע אומשטענדען, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט. „מיין מוזע געפינט זיך נישט אין אָדעס — שרייבט ער אין בריעף פון 9-טען דעצעמבער, 1886 — נאָר דאָרטען אויף די ברעגעס פון גניל-אָפּיאַטקע (בערדיטשעוו) און טעטערעוו (זשיטאָמיר). ווי אַזוי, זאָגט מיר, זאָל איך זי טראַנספּאָרטירען אַהער? אַ העלפט פון מיין רייכטום פאַר איין יודען!! אמת, די אָדעסער יודען האָבען די בערדיטשעווער צייט אָנגעהויבען נאָכטהון די בערדיטשעווער... אָבער זייער נאַרישקייט איז פון גאָר אַנ'אַנדער מין און האָט אין זיך עטוואָס פון לימאַנער*) בלאָטע“.

די אונצופרידענקייט מיט דער ווירקליכקייט, וואָס שטימט נישט מיט זיינע אינערליכע בעדערפעניששען און שטרעבונגען, דער האַרבער קאָנטראַסט צווישען זיין אינדיווידואַליטעט און דער רעאַלער אומגעבונג — דאָס איז יענער מאָטיוו, וואָס קלינגט אָפט אין אַבראַמאָוויטש'ס בריעף. „אין מיין מהות — שרייבט ער דעם 12-טען דעצעמבער, 1882 — שטעלט זיך ארויס קלאָהר אַ מאָדנער טעות אָדער פון דעם בורא אַליין, אָדער פון זיין מלאך: אַרויס-נעהמענדיג פונ'ם קעסטעל מיט אַזאַ און אַזאַ נומער איינער פון יענע נשמות, וואָס זענען בעשטימט פאַר פּריווילעגירטע, פּול-בערעכטיגטע מענשען מיט אַ ברייטער נאַטור, האָט ער זי עפּעס על-פּי-טעות פערטראָגען ערגיץ, אין שטעדטעל קאַפּוליע און אַריינגעטהון — ס'איז אַ טיפּש! — אין לייב אַריין עפּעס אַ יודענע אַנ'אָרענטליכער, אָבער אַנ'אָרימער, דערשלאָגענער אז. וו. — און אָט אַזוי איז געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט אַ מאָדנע בעשעפעניש, וואָס האַרמאָנירט נישט מיט זיך אַליין!“ — „אַרום מיר איז אַזאַ פּראָזע, וואָס ווירקט ווי דער טויט. דו בלאָנזשעסט

*) לימאַן — אַ קוראָרט נעבען אָדעס מיט בעוואוסטע מאָר-בעדער.





אויפ'ן לעבענס-וועג, און פאַר דיר ציהט זיך אָהן אַ ברעג און סוף אַ וויסטעניש פון פּראָזע“ (9-טען דעצעמבער, 1886).

צופרידען און גליקליך פיהלט ער זיך נאָר דעמאָלט, ווען עס געלינגט איהם אָבצוגעבען זיך מיט דער שאַפונגס אַרבייט. „איך האָב די לעצטע צייט געאַרבייט ווי אַנ'אָקס — לייענען מיר אין בריעף פון 21-טען יוני, 1888 — און כ'האָב זעהר פיעל געשריבען. איך בין איצט אינגאַנצען אַוועק אין וועלט פון פּאָעזיע. דאָרטען איז מיין טרייסט, דאָרטען רוה איך אָב פון די לעבענס-זאָרג. די מוזע איז צו מיר וואויל-געניגט, און איך שרייב אָן שרייב מיט אַ ברען, ווי אין די יונגע יאָהרען. לאָזט דעם אַלטען קינד אַ ביסעל שפּיעלען זיך, און זייט נישט ברוגז אויף איהם פאַר זיין אונפּינקטליכקייט. אָ, מיין פריינד, וואָסער ווערט האָט מיין צובראָכען לעבען, פול מיט דאגות, אָהן אָט דער קינדעריי! דאָס ווירקליכע לעבען פערמאָגט פאַר מיר גאָרנישט, אַ חוץ ביטערניש, אויף יעדען טריט בעגעגען איך דאָ מענשליכע נאַרישקייט, קריוודע און כל'ערליי שמוץ — אָבער דאָרטען, דאָרטען אין דער וועלט פון אידעאַלען, פערגעס איך אָן אַלץ, און עס ווערט גרינגער אויפ'ן האַרצען. אַנדערע, כדי צו דערגרייכען אָט דאָס גליק, ד. ה. כדי אָבצוטרייסלען פון זיך די לעבענס-דאגות און קומער, לאָזען זיך אַריין אין שיכרות, און זיי, די אונגליקליכע, זוכען זיך ראַטעווען אויף אַזאַ אופן. מיט וואָס אָבער, זאָגט מיר, איז פּאָעזיע ערגער פון בראָנפען?“ אָבער זעלטען ווען עס גיט זיך איהם איין אַרויסצוטהון זיך פון דער דריקענדער ווירקליכקייט. פונקט ווי דער „ביטערער טראָפּען“ לאָזט איבער נאָך זיך אַ טשאַד, אַ „קאַצען-יאָמער“, אַזוי ווערט נאָכ'ן קורצען פערווייַלען אין דער שענער וועלט פון פּאָעזיע די פּראָזע פון דער מיאוס'ער ווירקליכקייט נאָך פיעל שווערער און דריקענדער. און עס רייסט זיך ביי איהם אַרויס אַ ביטער געשריי „אַך, מיין האַרציגער פריינד, די כוחות געהען ביי מיר אויס אין דעם שטענדיגען קאַמף פאַר עקזיסטענץ! די וועלט פון מיינע אידעאַלען זינקט פּאַמעליך אין אַ נעפּעל, און די ווירקליכקייט איז פינסטער און טרויעריג (24-טען אָקטאָבער, 1886)... „צי ווערט

אַמאָל זיין אַ שטיקעל יום-טוב אויך אויף אונזער גאַס ? — קלאָגט ער זיך אין בריעף פון 29-טען דעצעמבער 1889 — שוין צייט, כ'לעבען, כאָטש אויף דער עלטער אָבאָטמען עטוואָס פרייער ! אונזער לעבען איז פון סאַמע יוגענד אָן געווען שוין צופיעל גראָה, איז אַוועק אין זאָרג, אין שטרייט פאַר די נויטיגסטע בעדערפעניששען. ווען-זשע, רבונו-של-עולם, וועט נאָך אַזאַ גראָה-קאַלט לעבען, פול מיט דאגות, ענדליך קומען פאַר אונז דער פריהלינג ? !..“

## 2

די, וואָם זענען עטוואָס נעהנטער בעקאַנט מיט דער היסטאָריע פון ש. י. אַבראַמאָוויטש'ס לעבען און פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, ווייסען, אַז נאָך זיין יודישער ערצעהלונג „קיצור מסעות בנימין השלישי“ (ווילנע, 1878) קומט אין זיין שאַפונג פאַר אַ לאַנגע הפסקה און ער ווערט פערשוואונדען פון ליטעראַרישען האָריזאָנט ביז'ן יאָהר 1884 ווען ער איז אַרויס געטראָטען מיט זיין דראַמע „דער פריזיוו“. וועגען דער פויזע, וואָס האָט זיך געצויגען כמעט אַ יאָהר זעקס, האָט ל. בינשטאָק דערמאָנט אין זיין ביאָגראַפיש-קריטישען אַרטיקעל, וועלכען ער האָט געדרוקט צו אַבראַמאָוויטש'ס 25-יאָהריגען יובילעאום אין יאָהר 1884, אָבער ער האָט דעמאָלט נישט געפונען פאַר מעגליך אָבצושטעלען זיך גענויער אויף איהר ערקלעהרונג.

„פון יאָהר 1877 — שרייבט ער דאָרטען — ענטשטעהען אין'ם לעבען פון ש. י. אַבראַמאָוויטש'ן וועמען דער שיקזאַל איז קיינמאָל נישט געווען איבעריג גנעדיג, אַזוינע אומשטענדען, וואָס נעהמען ביי איהם אָב יעדען חשק צו ליטעראַרישער אַרבייט. צו רעדען אויספיהרליך וועגען יענע אומשטענדען האַלטען מיר פאַר איבעריג און אונפּאַסענד. מיר וועלען נאָר





בעמערקען, אַז אונטער דער ווירקונג פון אומשטענדען, וואָס האָבען געדריקט ווי אַ שווערע משא, איז דער קוואַל, וואָס האָט געהאַלטען אין איין שלאָגען, פלוצלינג ווי אויסגעשעפּט געוואָרען און ער האָט פולקום אויפגעהערט צו ווירקען. נישט זעלטען פלעגט אַבראַמאָוויטש דעמאָלט פאַר מיר קלאָגען זיך אויף זיין מאָראַליש געדריקטען צושטאַנד. „אויפהערען טראַכטען, — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט — דאָס בעדייט: אויפהערען לעבען; און טראַכטען, דוכט זיך, איז פאַר מיר שוין אונמעגליך. מיין מוח איז בעגאָסען מיט בליי, און דאָס האַרץ איז מיר פערוואנדעלט אין אַ שטיין“, אויף אויסצוהאַלטען די קלעפּ וואָס דער שיקזאַל האָט אַ צימליך לאַנגע צייט מיט אַ ברייטער האַנד געשאָטען אויף זיין פּלייצע, האָט מען געברויכט די אייזערנע נערווען און דעם אייזערנעם, אויסגעקאָוועטען כאַראַקטער, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט אין זיך פערמאָגט, און נאָר אַ דאַנק אָט דער מאָראַלישער קראַפט זיינער איז ער נישט געפאַלען אונטער די קלעפּ פונ'ם ביטערן מזל און מיט פעסטקייט אויסגעשטאנען יענע אָנשיטעניששען פון אַלע זייטען, וואָס וואָלטען געקאָנט אומברענגען אפילו אַ גיבור“... („וואָסכאָד“, 1884, 12 ז. 31). דער מורא'דיג שווערער פעריאָד אין אַבראַמאָוויטש'ס לעבען, האָט, זעלבסטפאַרשטענדליך, געפונען דעם אָבקלאַנג אין די בריעף צו זיין נאָהענטסטען פריינד. אָבער כאָטש עס זענען כמעט גאַנצע 40 יאָהר פאַראיבער זייט בינשטאָק האָט געשריבען זיין אַרטיקעל, פונדעסטוועגען איז נאָך אפילו איצט נישט געקומען די צייט צו רעדען אויספיהרליך וועגען די אַלע אומשטענדען, וואָס האָבען אין פערלויף פון יאָהרען געדריקט אַבראַמאָוויטש'ן און שיר נישט געמאַכט פון איהם אַ תל. מיר וועלען נאָר אָנווייזען, אַז אַ חוץ וואָס ער האָט אין יענער צייט פערלוירען זיין טאָכטער ראשעל (אַ יונגע, זעהר בעגאַבטע קינסטלערין), וואָס זיין איינציגער זוהן איז מחמת פּאָליטישע סיבות אַרעסטירט און דערנאָך אויף עטליכע יאָהר פערשיקט געוואָרען, זענען געווען נאָך אויסערליכע שווערע אומשטענדען, אויך פאַמיליען-אָנגעלעגענהייטען, וואָס האָבען

איהם זעהר טיעף בעריהרט צוגלייך אי אַלס מענש, אי אַלס יוד — און די אַלע צרות, וואָס האָבען זיך נאָכאַנאַנד, ווי פֿון דער „תוכחה״ געשאָטען אויף אַבראַמאָוויטש'ן האָבען אויף לאַנג פֿולשטענדיג פּאַראַליזירט זיין שאַפֿונגס-פֿעהיגקייט. אַ בעגריף וועגען זיין שטימונג פֿון יענער אויסערסט ביטערער צייט גיט אונז דער בריעף, וואָס מיר ברענגען דאָ מיט איינעגע פֿערקירצונגען״):

אָדעססאַ, 22, דעצעמבער 1881.

„מיינע טייערע, מיר אין האַרץ איינגעבאַקענע פֿריינד, מאַדאַם און הער בינשטאָק!

„עס גלוסט זיך מיר עפּעס צו שרייבען אייך היינט אין פּראָסט יודיש, אין דעם לשון, וואָס מיר האָבען געוועהנליך גערעדט און איינער דעם אַנדערן אויסגעגאָסען אונזערע געפֿיהלען, אונזערע געדאַנקען אין דער גאַנצער צייט פֿון יענע גוטע יאָהרען, וואָס מיר האָבען פֿריינדליך, ברידערליך געלעבט אינאיינעם. יענע צייט קאָן איך נישט און וויל זי נישט פֿערגעסען אייביג, זי איז מיר דער מאַי, דער זומער פֿון מיין לעבען, זי האָט זעהר פֿיעל בלומען, כאָטש מיט שפּיצעכדיגע, שאַרפֿע דערנער, אָבער דאָך וואונדער-שענע בלומען, זיס שמעקענדיגע מחיה-נפש, זי איז פֿול מיט ליכטיגקייט, וואַרימקייט, פֿול מיט פּאָעזיע, מיט פֿרישע, לעבעדיגע, וואַרימע געפֿיהלען, וואָס קוויקט דאָס האַרץ און מאַכט בעטאַמט דאָס לעבען, ווי דאָס טייערסטע געווירץ. די דאָזיגע צייט שוועבט מיר איצט ווי אַ בלישטשענדיגער שטערן פֿאַר מיינע אויגען, איך שטעה איצט אין דער שלעכטער, ביטערער צייט, אין דעם קאַלטען, ווינדיגען, שמוציגען אָסיען פֿון מיינע יאָהרען און קוק שמאַכטענדיג אויף יענער גוטער געוועזענער צייט, איך שטעה און קוק אויף איהר פֿון דער ווייטענס, אַזוי ווי אדם-הראשון אויף דעם גן-עדן נאָכדעם, אַז ער איז פֿון דאָרט אַרויסגעטריבען געוואָרען, איך שטעה און קוק און בעוואַש מיך מיט טרערען. איך שטרעק אויס די הענד, שריי און רוף צו אייך, מיינע טייערע פֿריינד, איך וויל אייך אויסוויינען מיין האַרץ, איך





וויל אייך אויסגיסען מיין שווער ביטער געמיט און אייך אַרויסזאָגען מיינע שרעקליכע ווייטאָגען, אַרויסווייזען מיינע בלוטיגע וואונדען, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג בעקומען, איהר זאָלט זיי מיר אָבוועצען מיט אייערע וואַרימע טרערען, זיי אָבשפּרעכען מיט אייערע טיעף פֿון'ם האַרץ אַרויסגעהענדיגע ווערטער, איך שריי און רוף אין איינע צרות — אָבער אומזיסט, מיר זענען ווייט, ווייט, מיר זענען צושיידט! פֿאַר מיר ליגען אייערע בריעף, אַ סך לייען זיי און קוש זיי, איך פֿערטיעף מיך אין די געדאַנקען און וויל מיר פֿאָרשטעלען אייך, ווי איהר שטעהט אַקעגען מיר און אונטערהאַלט מיך מיט אייער געשפּרעך, אָבער די פֿאָרשטעלונג דויערט נישט לאַנג, זי ווערט באַלד צורינען ווי אַ זייפֿענבולבע, איך געפֿין מיך ווידער עלענד, אַליין, איך זוך אייך מיט די אויגען און זעה, איהר זייט נישטאָ, איהר זייט ווייט און אָנשטאָט אייך ליגט פֿאַר מיר בריעפֿלעך — שטיקלעך פּאַפּיר מיט טויטע אותיות. אָט וואָס אונזער זינדיג לעבען איז אויף דער וועלט. מיר האָרעווען, אַרבייטען און בייטען אויס אונזער מיה, אונזער שווייס אויף פּאַפּירלעך. מיר האָבען קינדער, פֿריינד, וואָס אין זיי הענגט אונזער לעבען, און מיר בייטען זיי לסוף אויך אויס אין פּאַפּירלעך, זיי אַליין ווערען דערווייטערט, צוזייט, צושפּרייט און אָנשטאָט זיי, האָבען מיר זייערע פּאַפּירלעך — שטומע בריעפֿלעך. נאַרישער מענש, זינדיגער מענש! דיין לעבען, דיין מיה, דיין גאַנצע אַרבייט, דיין פֿרייד, דיין תענוג אין קינדער, אין פֿריינד — אַלסדינג איז גאָרנישט, פּוסטע חלומות, זייפֿענבולבעס און פֿוילע פּאַפּירלעך. ביי מיר איז אַצינד אַ צייט, וואָס מיינע קינדער, מיינע בעסטע פֿריינד זענען אויסגעוועקסעלט פֿון מזומנים אין פּאַפּירען. במזומנים האָב איך גאָרנישט, נאָר לויטער צרות, אַ האַרץ פֿול מיט מכות און יסורים!

„איך דאַנק אייך טויזענד מאָל, מיינע איינציגע, בעסטע פֿריינד, פֿאַר אייערע בריעף. פֿערגעסט מיך נאָר נישט, איך בעט אייך, אויף ווייטער, שרייבט מיר עפּטערס ווי נאָר מעגליך. בעדאַרף איך אייך דען זאָגען, ווי טייער אוז ליעב איהר

זייט מיר? דאַכט זיך, איהר ווייסט עס און פיהלט עס אַליין זעהר גוט. גאָט זאָל נאָר וועלען רחמנות האָבען און מיר בעשעהרען אַ קליין געווינסעל פון אַ פּאָר הונדערט טויזענד רובעל, וואָלט איך, כ׳לעבען, שוין פערשפּאָרט אייך צו שרייבען בריעף און איהר אויך דעסגלייכען — מיר וואָלטען נישט געווען צושיידט.

„...מיין מעטאָדע אין לערנען*) געפעלט זעהר גוט דעם עולם, מען האָט אויף מיר אויסגעטראַכט, אַז איך בין זעהר אַ גוטער פּעדאַגאָג. מילא, לאָז זיין אַזוי, מען קאָן קיין מענשליכע מיילער נישט פערשטאָפּען. איך לאַך אַ מאָל ביי מיר, אַז אַזאַ לעגער סחורה ווי איך בין ביז איצט געווען האָב פּלוצלינג אויף דער עלטער אָנגעהויבען צו גילטען. בעהאַלט למע״ש אייערע שמאַטעס, אייערע פינפגילדענדיגע גאַרדעראָבע, אייערע קאַפּילישלעך מיט די ווענטילאַטאָרס, זיי קאָנען אפשר אַמאָל נאָך אַריין אין דער מאָדע און מען זאָל זיי אויסכאַפּען ווי אַנ׳אַנטיק, צאָהלען פּאַר זיי אין טאָג אַריין... אַז וואויל, זאָגט מען, דעם מלך, וואָס בעגליקט אויף דער עלטער.

„מיין ווייב, נעבעך, איז שטאַרק בעטריבט. לפנים, האַלט זי זיך שטאַרק ווי אַ העלד, נאָר אין האַרץ טראָגט זי אַ וואונד, אַ ים מיט יסורים. מיר, צווישען זיך, רעדען זעהר וועניג איבער דעם שלאַק, וואָס האָט אונז געטראָפען, מיר האָבען מורא איינער דעם אַנדערען נישט מצער צו זיין, מיר מאַכען זיך כלומרשט האַרץ און נאַרען איינער דעם אַנדערען. איך פיהל ביי מיר אין האַרץ אַ ריס, וואָס ער וועט אייביג זיך נישט פערהיילען. — זייט מיר געזונד, טייערע, ליעב-האַרציגע פריינד, איך האָב אייך שטאַרק, שטאַרק ליעב, איך לעכץ נאָך אייערע בריעף, איהר זייט מיינע, מיינע, אויף אייביג מיינע, און איך אייערער ש. י. אַבראַמאָוויטש.״ —

אין עטליכע בריעף טרעפען מיר אַנ׳אָבקלאַנג פון דעם איינדרוק, וועלכען עס האָבען אויף אַבראַמאָוויטש׳ן געמאַכט

*) אַבראַמאָוויטש רעדט דאָ וועגען זיין אַרבייט אין דער „תלמוד-תורה״ פון אָדעס, וואוהין ער איז נאָך נישט לאַנג אַריבערגעפאָהרען.





די פּאָגראָמען פון אָנהויב 80-ער יאָהרען. אייגענטליך רעדט ער ווינציג וועגען זיי, אָבער דאָס וועניגע, וואָס מיר געפינען דאָ, און די איינציגע בעמערקונגען, וואָס ער מאַכט מכּוח די דעמאָלטיגע געשעהענישען, זענען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדעלע מוכר-ספרים. „צי וועל איך — שרייבט ער דעם 12-טען מערץ 1881 — אַמאָל ווידער דערזעהן מיינע זשיטאָמירער וועלדער, וואו איך פּלעג פערברענגען די זומער-טעג און וואו איך האָב אַזוי פיעל גוטע בעקאַנטע צווישען דער פרעהליכער הילכיגער חברה פויגעלעך! איהר שמייכעלט, טראַכדענדיג ביי זיך — ס׳איז אַ קינד איך בין, וואָס איצט, וואו עס איז דאָ צו רעדען וועגען וואָס אַנדערש און וויכטיגערס שמועס איך מכּוח וועלדער, פויגעלעך. ניין, מיין פריינד, כ׳וויס נישט ווי אַנדערע, נאָר די איצטיגע געשעהענישען און די טרויעריגע לאַגע פון אונזערע יודעלעך רופען ביי מיר אַרויס גראָד טאַקע דעם געדאַנק וועגען וועלדער און וועגען די חיות, וואָס געפינען זיך דאָרטען. דאָרטען, דאַכט זיך, לעבט זיך בעסער און רוהיגער. איך בין איצט פולקום אייניג מיט רוססאָ, וואָס האָט גערופען די מענשען אַוועק צוואוואַרפען צום טייוועל זייער נאַרישע ציוויליזאַציע און צוריק אומקעהרען זיך אין די וועלדער״. „איך בין — לייענען מיר אין בריעף פון 11׳טען אַפּריל 1882 — אַזוי געוועהנט געוואָרען צו אַלעם דעם, וואָס ס׳קומט איצט פאָר, אַז עס דאַכט זיך, אַז ס׳דאַרף אַזוי זיין און אַז די אַלע „אונאָרדנונגען״ זענען עטוואָס, וואָס געהער זיך אָן צו דער אָרדנונג. דער יוד, בכלל, ווערט גיך געוועהנט צו זיין לאַגע; דערפאַר אַקלימאַטיזירט ער זיך אומעטום גרינגער פון אַלע צווייפיסיגע בעשעפענישען און ער קאָן מיט רעכט גערעכענט ווערען פאַר אַ הויז-טהיר. דער יוד איז פון שטענדיג אָן געווען, ער איז און — וועה! — וועט זיין אַ שטילע מעלק-קוה אָדער פּשוט אַ „קליאַטשע״ אויף צו שלעפען משא. צי ער וועט אַוועק קיין אַמעריקע, צי קיין פּאַלעסטינע, — אָבער אַ „קליאַטשע״ וועט ער פאָרט בלייבען״..

אַבראַמאָוויטש איז געווען צופֿיל סקעפּטיקער, רעאַליסט, און אויך צו טיף האָבען אין איהם געוואָרצעלט די אָנזיכטען און אידעאַלען פֿון זיין יוגענד-צייט, ער זאָל קאָנען ווערען אַ נ'אָנהענגער פֿון „חיבת-ציון". „אייער קוק אויף דער פֿראַגע וועגען דער יודישער עמיגראַציע — שרייבט ער בינשטאָק'ן דעם 16-טען מאַי 1882 — איז זעהר ריכטיג און איך בין פֿולקום מסכים מיט אייערע אַרגומענטען, וועלכע בילדען נאָר אַ טייל פֿון מיינע גרונד-געדאַנקען מכוח דעם ענין. ליידער אָבער זענען מיר אַ ווינציגע מינדערהייט אין פֿערגלייך מיט יענע, וואָס האַלטען זיך אָן דער קעגענזייטיגער מיינונג, און שטרייטען מיט זיי איז נאָר אַ נ'אומזיסטע זאַך, און מען קאָן נאָך דערמיט אַרויסרופֿען קעגען זיך טענות און אַלגעמיינע אונצופֿרידענקייט. און דאָס איז איינע פֿון די הויפּט-אורזאַכען, פֿאַרוואָס איך האָב אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט מיין פֿעדער און שרייב איצט גאָר נישט. רעדען נישט דאָס, וואָס איך האַלט פֿאַר ריכטיג, קאָן איך נישט, אַרויסזאָגען דעם גאַנצען אמת אָבער, דאָס בעדייט — אויפֿהויבען קעגען זיך די גאַנצע ווילדע חברה שרייער, וואָס זענען גרייט בעשיטען אייך מיט אַלערליי בעשולדיגונגען, זיי וועלען אייך אַרויסשטעלען פֿאַר אַ בוגד, פֿאַר אַ שונא-ישראל א. ז. וו. אָבער אָט דאָס שטיל-שווייגען קאָסט מיך פּיין, עס נאָגט און עסט מיין אויסגעוועהטאָגט האַרץ, פּונקט ווי אַ וואָרים. אָט די גיהנום'שע פּיין ווירקט צושטערענד אויף מיין אויסזעהן און אויף מיין גאַנצען אָרגאַניזם. איך בין די לעצטע צייט שרעקליך מאָגער און אַלט געוואָרען, איהר וואָלט מיך נישט דערקענט". —

נאַטירליך, בענאַכריכטיגט אַבראַמאָוויטש רעגעלמעסיג זיין אינטימען פֿריינד מכוח אַלץ, וואָס ס'קעהר זיך אָן צו זיין טעטיגקייט אַלס שריפֿטשטעלער. ער טיילט איהם שטענדיג מיט וועגען זיינע ליטעראַרישע פּלענער, וועגען זיין אַרבייט און איהר גאַנג; האַלטענדיג שטאַרק פֿון בינשטאָק'ס מבינות, וויל ער תמיד וויסען יענעמס מיינונג וועגען זיינע נייע זאַכען. ס'איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז אַבראַמאָוויטש אַליין האָט „דאָס ווינשפֿינגערעל" געשעצט העכער פֿון אַלע זיינע אַנדערע ווערק. „איצט שרייב איך — לייענען מיר אין זיין בריעף פֿון 19-טען מאַי 1888 — אַ נייע זאַך, „דאָס ווינשפֿינגערעל"; ס'ועט, דאַכט זיך, אין איינציגע הינזיכטען זיין דאָס גרעסטענסטע פֿון אַלע מיינע ווערק". „אין גיכען — שרייבט ער בינשטאָק'ן דעם 21-טען יוני, 1888 — וועט איהר אין אַ זשורנאַל, וואָס עס גיט אַרויס איינער אַ קיעווער,*) לייענען מיינס אַ ניי ווערק — „דאָס ווינשפֿינגערעל". דאָס איז אַ געלונגענע זאַך". צום „ווינשפֿינגערעל," אויף וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געאַרבייט לאַנג און מיט פֿיעל ליעבע, קעהרט ער זיך שטענדיג אום אין זיינע בריעף. „עס איז מיר נויטיג — שרייבט ער דעם 11 יוני 1891 — צו פֿערענדיגען די עפּאָכע „דאָס ווינשפֿינגערעל", וואָס איך האָב אָנגעהויבען, און האָס אין איהר פּלאַן זענען אַריין גראָד די פֿראַגען פֿונ'ם איצטיגען מאָמענט — איך האָב זיי מיט צוויי יאָהר צוריק פֿאָראויסגעזעהן.**) אין סאַמע אָנהויב טרעט דאָך דאָרטען אַרויס מיין הויפּט העלד מיט דעם אויפֿטראָג פֿון איינער אַ נ'אויכלענדישער הויכער פּערזאָן — אַרומצופֿאָהרען איבער דער „טשערטאַ" כדי צו בעקענען זיך מיט דעם לעבען פֿון אונזערע „קאַבצאַנסקער" יודעלעך, און מענדעלע הויבט דאָך אָן (זיין הקדמה) מיט דעם וואָס ער גיט אָב „קאַבצאַנסק" און „טונעיאַדעווקע" מזל-טוב מיט אַ נייעם פּראָיעקט... יאָ, מיין פֿריינד, אָט די איצטיגע בעוועגונג מיט אַלע איהרע איינצעלהייטען האָב איך דערשפּירט שוין מיט אַ לאַנגער צייט צוריק; אַ שאָד נאָר, וואָס די ערצעהלונג איז נישט געענדיגט געוואָרען פֿריהער: מען דאַרף זיך איילען פֿערענדיגען זי". אָבער אַזאַ זאַך, ווי „דאָס ווינשפֿינגערעל", לאָזט זיך נישט בעשאַפֿען אין איילעניש. „איך שרייב אַלץ מיין „ווינשפֿינגערעל" — טיילט ער מיט דעם 28 יאַנואַר 1892 — די זאַך איז אַ נ'ערנסטע און שווערע. איך אַרבייט פּאַמעליך, נישט איילענדיג זיך".

*) שלום עליכם'ס „יודישע פֿאָלקס ביבליאָטעק"

**) אַבראַמאָוויטש האָט דאָ אין זינען באַראָן הירשס פּראָיעקט וועגען אַרגענטינע.

ווי בעוואוסט, האָט אבראַמאָוויטש אין יאָהר 1886 ווידער אָנגעהויבען צו שרייבען טיילווייז אויף העברעאיש. ס'פערשטעהט זיך, אַז דער ערשטער דערוויסט זיך וועגען דעם ל. בינשטאָק. אינם בריעף פון 21 מערץ, ברענגט איהם אבראַמאָוויטש אַ נייעס: „אונזער מענדעלע מוכר-ספרים האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ נייע ערצעהלונג אויף העברעאיש!! דאָס ערשטע קאַפּיטעל וועט איהר די טעג לייענען אין דער צייטונג „היום". זעלבסטפערשטענדליך, וועט איהר מיר אָנשרייבען אייער מיינונג וועגען דעם ווערק". — „צי האָט איהר — פרעגט ער אין דעם בריעף פון 17טען אַפּריל, 1886 — געלייענט דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון מיין נייער ערצעהלונג אין היום נומער 41?*). די טעג וועט ערשיינען די פאָרטזעצונג. לייענט דורך די קאָרעספּאָנדענץ פון וואַרשע אין נומער 55, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז קלעמענס יונאָשאַ דריקט איצט אינ'ם פוילישען זשורנאַל „רייזענדער" מיין „קליאַטשע" און מאַכט מיט איהר אויפזעהן... אונזערע יודעלעך שרייבען קיין וואָרט נישט וועגען מיינע ווערק, און די קריסטען איבערזעצען זיי!!"

דאָ קומען מיר צו אַן'אינטערעסאַנטען שטריך, וואָס שטעלט זיך אַרויס זעהר אָפּט אין די בריעף: אבראַמאָוויטש נעהמט זיך זעהר צום האַרצען אי דאָס, וואָס מען שווייגט וועגען איהם אין דער פּרעסע, אי איטליך וואָרט, וואָס ווערט געזאָגט אָדער געדרוקט מכּוח אים און זיינע ווערק. מיר וועלען דאָ ברענגען אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע ביישפּיעלען. ווי מיר האָבען שוין דער-מאָנט, האָט בינשטאָק אין יאָהר 1867 איבערזעצט אין רוסיש אבראַמאָוויטש'ס ראָמאַן „האבות והבנים". ער האָט זיך, דורך זיין בעקאַנטען גאָלדענווייזער (אַ מיטאַרבייטער פון מאָסקווער צייטונ-גען), געסטאַרעט דרוקען די איבערזעצונג אין איינעם פון די מאָסקווער זשורנאַלען, אָבער דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבען איהם. די, וואָס זענען בעקאַנט מיט אבראַמאָוויטש'ס ערשטען בעלעטריסטישען ווערק, ווייסען, אַז „האבות והבנים" איז אַ

*) בסתר רעם.





שוואַך, נישט-געלונגענע זאַך, וואו עס איז כמעט נישט צו בע-מערקען אבראַמאָוויטש'ס אָריגינעלער, קינסטלערישער טאַלאַנט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען ערשט שפּעטער. גאָלדענווייזער האָט אָפענהערציג אַרויסגעזאָגט בינשטאָק'ן זיין מיינונג, אַז מיט דער איבערזעצונג פון „האבות והבנים" האָט ער גענומען אויף זיך אַן'אונדאַנקבאַרע אַרבייט, — און יענער האָט געהאַט די אונפּאָר-זיכטיגקייט וועגען דעם מיטצוטיילען אבראַמאָוויטש'ן. ווי טיעף אויפגעבראַכט אבראַמאָוויטש איז געוועזען פון גאָלדענווייזער'ס מיינוג, איז צו זעהן פון זיין בריעף, וואָס ער האָט תיכּף אָב-געשיקט בינשטאָק'ן. „איך ערלויב מיר — שרייבט ער איהם דעם 8-טען פעברואַר, 1867 — אַרויסזאָגען אייך מיין השערה, אַז דער גאָלדענווייזער, וואָס רופט זיך אַליין: „אייער פריינד", איז זעהר אַ שלעכטער מענש, און אַ חוץ דעם איז ער נישט בעהאַוועגט אינ'ם לעבען פון די יודען, צו וועלכע ער פיהלט געוויס אין האַרצען אַ פעראַכטונג, אַזוי ווי די איבעריגע הייני-טיגע נאַרישע יונגעלייט, און דערצו נאָך האָט ער בעקומען בריעף פון מיינע שונאים אין קיעוו, און די פריינד מיינע האָבען זיך אָהן שום ספק געסטאַרעט ערנידעריגען מיך און זיך געקליגט, מיין ראָמאַן זאָל נישט געדרוקט ווערען... דאָס איז מיין השערה, וואָס איז נאָהענט צום אמת, און איהר מערקט עס זיך"...

אָבער אַז צי דער זאַך האָט זיך נישט אָנגעקעהרט גאָלדענ-ווייזערס „שלעכטסקייט" אָדער די אינטריגע פון „שונאים", און אַז אבראַמאָוויטש'ס „השערה" איז געוועזען זעהר ווייט פון דער ווירקליכקייט, — קאָן מען דרינגען דערפון, וואָס אויך אין פּע-טערבורג, וואוהין די איבערזעצונג איז דערנאָך אַריבערגעשיקט געוואָרען, האָט קיין רעדאַקציע נישט געוואָלט דרוקען זי, און בינשטאָק'ן איז לסוף אויסגעקומען אַרויסלאָזען די רוסישע בעאַר-בייטונג פון „האבות והבנים" אַלס בעזונדערע אויסגאַבע.

אַז די אייגענטימליכקייט, וואָס איז געוועזען גאַנץ פערשטענד-ליך ביי אַ יונגען אָנהויבענדיגען שרייבער, האָט זיך ביי אבראַ-מאָוויטש'ן מיט די יאָהרען נישט געמינערט און אַז ער פלעגט

אויך שפעטער זיך נעהמען זעהר נאָהענט צום הארצען, איטליך וואָרט, וואָס איז געווען וועגען איהם געדרוקט, — בעווייזט דאָס צווייטע, אפשר נאָך מעהר כאַראַקטעריסטישע ביישפיעל, וואָס מיר וועלען דאָ ברענגען.

אין יאָהר 1882 איז אין „וואָסכאָד" (יאַנואַר — פעברואַר) געווען געדרוקט אַנ'איבערזעצונג פון נ. סאַמועלי'ס אַרטיקעל „די בעלעטריסטיק אין דער ניי-העברעאישער ליטעראַטור". וואָס איז ערשינען אין זאַכער מאַזאָק'ס דייטשען זשורנאַל „אויף דער העהע". דאָס אַרטיקעל איז פול מיט מליצה און גראָבע פעהלערן. ביי סאַמועלי זענען אַלע העברעאישע שריפטשטעלער אָהן איין אויסנאַהם, אפילו נחמן קראָכמאל און ש. י. ראַפּאָפּאָרט (שי"ר) — בעלעטריסטען. ווי אונוויסענד ער איז אין דעם פאַך, וואָס ער בעהאַנדעלט, בעווייזט למשל זיין בעהויפּטונג, אַז אונטער מ. מענדעלסאָנ'ס לייטונג איז אין בערלין ערשינען דער ערשטער העברעאישער זשורנאַל „בכורי עתים". ווער עס איז אָבער כאָטש וויפיעל עס איז בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער ניי-העברעאישער ליטעראַטור, דער ווייסט, אַז די „בכורי עתים" זענען נישט געווען דער ערשטער העברעאישער זשורנאַל און אַז זיי האָבען אַרויסגעגעבען אין גאַליציען (געדרוקט און וויען) אין יאָהר 1821, ד. ה. שוין 25 יאָהר נאָך מענדעלסאָנ'ס טויט. ווימלענדיג מיט אַזעלכע שווערע פעהלערן, האָט סאַמועלי'ס אַרטיקעל נישט געטויגט אפילו פאַר אַנ'אַלגעמיין-דייטשען זשורנאַל, און בפרט נאָך פאַר אַ ספּעציעל-יודישען. אָבער דער „וואָסכאָד" האָט איהם ביי זיך איבערזעצט, אמת, מיט אַנ'אָנמערקונג, וואו די רעדאַקציע זאָגט: „מיר געפינען פאַר נישט אונאינטערעסאַנט איבערצוגעבען אונזערע לעזער נ. סאַמועלי'ס אַרטיקעל, כאָטש ער האָט נישט קיין ערנסטע בעדייטונג. דער פערפאַסער שוועבט צו אויבערפלעכליך איבער דעם ענין... מיר וועלען נישט ממלא זיין אַלע די בלויזען, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט, אויך נישט אויסבעסערן אַלע זיינע טעות'ן... מיר וועלען נאָר אָנווייזען אויף אייניגע אונפּינקטליכקייטען וועגען די העברעאישע שריפטשטעלער פון רוסלאַנד, מכוח וועלכע דער פערפאַסער האָט, הפנים, זעהר אַ





ווינציגען בעגריף. ער מישט צונויף די ניי-העברעאישע ליטעראַטור אין גאַנצען גענומען, מיט איין צווייג איהרען — מיט דער בעלעטריסטיק, און בעלעטריסטען זענען ביי איהם אַזוינע, ווי דער מאַטעמאַטיקער סלאָנימסקי, דער היסטאָריקער פין, דער פובליציסט צעדערבוים. אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט אָנגעשריבען אַ לעהרבוך פון נאַטור-געשיכטע (!)" א. ז. וו.

אויב סאַמועלי'ס אַרטיקעל איז אַזוי שלעכט, ווי די רעדאַקציע פון „וואָסכאָד" האַלט פולקום ריכטיג, איז געווען קאָמיש צו איבערזעצען איהם ביי זיך. און נאָך קאָמישער איז געווען, וואָס, אויסבעסערענדיג סאַמועלי'ס טעות'ן, האָט די רעדאַקציע אַליין דערביי — ווייניגסטענס וואָס אָנבאַלאַנגט אַבראַמאָוויטש'ן — אויך נישט אַרויסגעוויזען קיין גרויס קענטעניש אין אונזער ליטעראַטור.

שטאָף צום לאַכען האָט די מעשה מיט סאַמועלי'ס אַרטיקעל אין „וואָסכאָד" אַלענפאַלס געקאָנט געבען. נישט אַזוי אָבער האָט זיך פערהאַלטען צו דעם עפּיזאָד אַבראַמאָוויטש. „איך ערלויב מיר — שרייבט ער בינשטאָק'ן אין בריעף פון 16-טען מאַי 1882 — מאַכען אייך אויפמערקזאַם אויף סאַמועלי'ס נאַרישען אַרטיקעל אינ'ם ביכעל „וואָסכאָד" פאַר יאַנואַר-פעברואַר און אויף די נאָך צעהן מאָל נאַרישערע אָנמערקונג פון דער רעדאַקציע. אויב דער אַרטיקעל בעווייזט דעם פערפאַסער'ס פולשטענדיגע אונבעקאַנטשאַפט מיט דער ליטעראַטור, איז די אָנמערקונג — אַ בעווייז פון דער רעדאַקציעס אונעהרליכקייט און פאַלשקייט, אויס'ן עכטען שטייגער פון סובאָרינען*)... ווער זענען זיי, פרעג איך אייך, אָט די בעלעטריסטען אונזערע? מיט וואָסערע פראַגען האָבען זיי זיך פערנומען דעמאָלט, ווען איך בין אַרויסגעטראָטען אויף דער ליטעראַרישער אַרענע מיט מיינע ערצעהלונגען, וואָס בעריהרען די לעבענס-אינטערעסען פונ'ם יודישען פאָלק? אַך, ס'אַר אַ אונדאַנקבאַרקייט, ס'אַר אַ געוויסענלאָזיגקייט!" און אַבראַמאָוויטש איז אַזוי ווייט אויפגע-

*) דער אַרויסגעבער פון „נאָוואָיע וורעמיאַ".

בראַכט פון דעם, אייגענטליך, נישט מעהר ווי קאָמישען עפּיזאָד. אַז עס רייסען זיך ביי איהם אַרויס די ווערטער: „אַנ׳עכטע זשידאָווסטוואָ !״.

אינטערעסאַנט איז אַבראַמאָוויטש׳ס שטענדיגע שטרעבונג אַרויסצוגעבען אַ צייטונג, וואָס שפּיגעלט זיך אָב אין זיינע בריעף. פון זיין קאָרעספּאָדענץ מיט בינשטאָק׳ן דערוויסען מיר זיך, אַז נאָך אין יאָהר 1867, ווען ער האָט געלעבט אין בעדריטשעוו, האָט ער זיך געסטאַרעט צו בעקומען פון דער רעגירונג אַנ׳ערלויבעניש אויף אַ צייטונג; אַרויסגעבען זי האָט ער גערעכענט אינאיינעם מיט דעם בעוואוסטען העבּרעאישען שריפטשטעלער א. ב. גאָטלאָבער און מיט בינשטאָקן. אָבער פון די בריעף איז צו זעהן, אַז אויפגעטהון האָט די זאַך אַבראַמאָוויטש. הפּנים, די צייטונג האָט געזאָלט זיין אַ העברעאישע; דאָס קאָן מען דרינגען פון דעם נאָמען, וואָס זי האָט געזאָלט טראָגען: „בּן-עמי״ (ער ווערט דערמאָנט אין איינעם פון די שפּעטערדיגע בריעף). פון דעם פּראָיעקט איז גאָרגישט אַרויס — קיין ערלויבעניש האָט אַבראַמאָוויטש נישט בעקומען. אָבער ער זאָגט זיך נישט אָב פון דעם געדאַנק, ער סטאַרעט זיך נאָך פיעל מאָל מכּוח דער זעלבער זאַך, און פון איצט אָן האַנדעלט עס זיך ביי איהם שטענדיג וועגען אַ יודישער צייטונג. אין יאָהר 1871 איז אַבראַמאָוויטש צוליב דעם אַפילו געפאָהרען קיין פּעטערבורג; פון דאָרטען האָבען מיר זיינעם אַ בריעף (פון 14 יאַנואַר) צו בינשטאָק׳ן, מיט וועלכען ער האָט געוואָלט אינאיינעם אַרויסגעבען אין זשיטאָמיר די צייטונג. דער בריעף ענטהאַלט אין זיך אויך די הוספה, געשריבען פון י. לעווין — אַ זוהן פון באַראָן נ. ה. גינצבורג׳ס סעקרעטאַר און מקורב, מענדעל לעווין. פון דעם בריעף און בעזונדער׳ס פון לעווינ׳ס צושריפט איז קענטיג, אַז באַראָן גינצבורג און בכלל די „אָפיציעלע״ יודישע קרייזען אין פּעטערבורג זענען געווען אונצופרידען מיט צעדערבוים׳ס יודישען „קול מבשר״ און מיט זיין ריכטונג, און אַז זיי האָבען געוואָלט מיטהעלפען אַבראַמאָוויטש׳ן צו בעקומען אַנ׳ערלויבניש אויף אַ יודישער צייטונג. אָבער אויך דאָס מאָל איז דער פּראָיעקט נישט פערווירקליכט געוואָרען: די רעגירונג האָט נישט געגעבען די נויטיגע ערלויבניש.





ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, האָבען מיר נישט פון יאָהר 1871 ביז 1881, ווען אַבראַמאָוויטש האָט געלעבט אין איין שטאָדט (זשיטאָמיר) מיט בינשטאָק׳ן קיין בריעף פון איהם צו זיין פריינד; עס פעהלען אונז, אַלזאָ, שריפטליכע ידיעות וועגען זיינע ווייטערדיגע שריט אין דער הינזיכט.

אַבראַמאָוויטש׳ס פערלאַנג צו גרינדען אַ יודישע צייטונג איז אָבער געווען צו שטאַרק, מען זאָל קאָנען רעכענען, אַז אין פערלויף פון צעהן יאָהר זאָל ער נישט האָבען אין דער ריכטונג קיין זאַך געטהון. ווענינגסטענס פון איין שפּעטערדיגען בריעף (1885) דערוויסען מיר זיך, אַז אין יאָהר 1879 האָט ער זיך פונסביי — און ווידער אָהן ערפאָלג — בעמיהט אויסצוווירקען אַנ׳ערלויבניש אויף אַ יודיש בלאַט. פון יאָהר 1881 אָן, ווען אַבראַמאָוויטש האָט זיך בעזעצט אין אָדעס, האָבען מיר ווידער רעגעלמעסיגע בריעף פון איהם צו בינשטאָק׳ן — און ביי יעדער געלעגענהייט קעהרט ער זיך דאָ שטענדיג אום צו דעם פּלאַן מכּוח אַ צייטונג.

אין יאָהר 1882 איז בינשטאָק אַוועקגעפאָהרען קיין פּעטערבורג, וואו ער האָט בעקומען בעשעפטיגונג אויף אַ געוויסער צייט. „ס׳איז זעהר מעגליך — שרייבט איהם צוהין אַבראַמאָוויטש דעם 20-טען אויגוסט, 1882 — אַז מיר זאָלען זיך אין גיכען זעהן אין פּעטערבורג. אַז גאָט וועט געבען, און אונזער פּלאַן וועט זיך פערווירקליכען, וועל איך אויפלעבען און זיך ווידער נעהמען צו דער פעדער... מען דאַרף זיך דורכאויס סטאַרען צו בעקומען אַנ׳ערלויבניש אויף אַרויסגעבען די צייטונג. דאָ אין אָדעס קאָן איך ליטעראַריש אויף קיין פאַל נישט אַרבייטען״. אין יאָהר 1883 סטאַרעט ער זיך פונסביי וועגען אַ צייטונג, און ווידער אָהן אַ שום רעזולטאַט. ער פערלירט אָבער נישט דעם מוט און ביי דער ערשטער געלעגענהייט הויבט ער ווידער אָן צו אַרבייטען אין דער זעלבער ריכטונג. אין בריעף פון 11-טען סעפּטעמבער 1884, טיילט ער מיט בינשטאָק׳ן, אַז ער האָט זיך

בעקענט מיט פראָפעסאָר פ. בעזסאָנאָוו׳ן; יענער איז געווען א מיטגליד פון דער בעוואוסטער פאלען׳שער קאָמיסיע מכּוח דער יודען-פראגע און האָט געהאט א געוויסע ווירקונג אין די רעגירונגס-קרייזען. אבראַמאָוויטש׳ן קומט תּיכּף אויפ׳ן געדאנק — אויסצונוצען די נייע בעקאנטשאפט אויף צו בעקומען די גע-ווינשטע ערלויבניש. ער ווענדט זיך מכּוח דעם צו בעזסאָנאָוו׳ן פערפיהרט מיט איהם א קאָרעספּאָנדענץ; ער איז רעגעלמעסיג מודיע בינשטאָק׳ן וועגען דעם ענין און איז זיך מישב מיט איהם וועגען יעדען שריט. כּדי אויפצוקלעהרען דעם פראָפעסאָר בעזסאָנאָוו׳ן (וועמען די פראגע איז, הפּנים, געווען גאנץ פרעמד) די נויטווענדיגקייט פון א יודישער צייטונג, האָט אבראַמאָוויטש איהם צוגעשטעלט אַן׳אויספיהר-שריפטליכען בעריכט, זעהר אַנ׳-אינטערעסאנטען, און צוגעשיקט בינשטאָק׳ן א קאָפּיע; זי געפינט זיך צווישען אונזערע בריעף. די זאך האָט זיך געצויגען לאנג. איין צייט איז אבראַמאָוויטש געווען פול מיט האָפנונג, אז דאָס מאָל וועט זיך דער פלאן ענדליך איינגעבען. „פון בעזסאָנאָוו׳ן — לייענען מיר אין בריעף פון 20 נאָוועמבער, 1885 — ערוואַרט איך א תּשובה אין דעצעמבער פון פעטערבורג וואוהין ער איז אוועקגעפאָהרען (פון כאַרקאָוו), און איך האָף, אז דאָסמאָל וועט זיין ענטפער שוין זיין אַנ׳ענדגילטיגער. אָך, ווי עס ווילט זיך שוין נעהמען די פעדער אין האנד און שרייבען, שרייבען!״...

די זאך געהט אבראַמאָוויטש׳ן פון זין נישט ארויס. „פון בעזסאָנאָוו׳ן — שרייבט ער ווידער דעם 27-טען דעצעמבער, 1885 — איז קיין ענטפער נישטאָ, דאָס וואונדערט מיך. נאָר די האָפנונג האָב איך נישט פערלוירען און איך האַלט אין איין וואַרטען״. אָבער אויך דאָסמאָל איז איהם בעשערט געווען אַנ׳ענטוישונג, „איך האָב אייך, טייערער פריינד — לייענען מיר אין בריעף פון 21-טען מערץ, 1886 — שוין א היבשע צייט נישט געשריבען, וואַרטענדיג אויף עטוואָס נייעס, וואָס איך זאָל קאָנען מיטטיילען אייך. ליידער אָבער איז קיין שום נייעס נישטאָ, און פון די אַלע ערוואַרטונגען איז קיין איינע נישטאָ.





איך האָב שוין פערלוירען די האָפנונג און א מאך געטהון מיט דער האנד אויף אַלץ, אך, הארציגער פריינד, איך האָב קיין מזל נישט!״...

אָבער גאָר אין גיכען זעהען מיר אבראַמאָוויטש׳ן ווידער סטאַרען זיך וועגען א צייטונג. „איך האָב אָבגעשיקט ספּעקטאָר׳ן — שרייבט ער בינשטאָק׳ן דעם 20-טען אויגוסט, 1886 — דעם פּראָגראַם פון דער צייטונג, וועלכער איך האָב א נאָמען גע-געבען „דער שפּיגעל״. איך שיק אייך דערביי א „פּראָשעניע״ — לייענען מיר אין בריעף פון 30-טען סעפּטעמבער, 1886 — און איך ריכט זיך אין גיכען אויף א גוטען רעזולטאַט״.

די אָפּטימיסטישע שטימונג ווערט אָבער באַלד פערשוואונ-דען; דעם 24-טען אָקטאָבער 1886 שרייבט ער בינשטאָק׳ן: „ספּעקטאָר אין זיין לעצטען בריעף זאָגט זיך שוין אָב פון דער זאך, ווייל עס איז נישט צו פערווירקליכען זי״...

בעזייטיגען די מניעות, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט סיסטעמאַטיש א לאנגע צייט געשטעלט קעגען גרינדען א יודישע צייטונג איז געווען אונמעגליך, און ביז׳ן יאָהר 1903, ווען עס איז ענדליך געלונגען צו בעקומען אַנ׳ערלויבניש אויף ארויס-געבען אין פעטערבורג דעם „פריינד״, זענען אַלע אונצעהליגע בעמיהונגען, פון פערשיעדענע פערזאָנען אין דער היניזיכט געווען אומזיסט.

וואָס פאַר א ריכטונג עס וואָלט בעקומען אבראַמאָוויטש׳ס טעטיגקייט, ווען ס׳וואָלט זיך איהם איינגעגעבען אויסווירקען אַנ׳ערלויבניש אויף א יודישער צייטונג, צי וואָלט נישט אפשר דער זשורנאַליסט אין איהם איינגעשלונגען דעם קינסטלער, און די יודישע ליטעראַטור וואָלט אפשר נישט זוכה געווען צו זיינע בעסטע בעלעטריסטישע ווערק — וועגען דעם קאָן מען נאָר בויען השערות. אָבער זיינע שטענדיגע בעמיהונגען אין דער היניזיכט, די ענערגיע, מיט וואָס ער האָט זיך כּסדר, נישט קוקענדיג אויף אַלע ענטוישונגען, געסטאַרעט צי גרינדען א יודיש בלאַט, דאָס אַלץ בעווייזט אונז קלאָהר, אז מיר האָבען דא צו טהון נישט מיט א צופעליגער זאך נאָר מיט אַנ׳ערנסטער

שטרעבונג צו זשורנאַליסטישער אַרבייט, וואָס האָט טיעף גע־וואָרצעלט אין אַבראַמאָוויטש׳ן.

מיר האָבען געגעבען אַ קורצע איבערזיכט פון אַבראַ־מאָוויטש׳ס בריעף צו בינשטאָק׳ן און געהאַט די מעגליכקייט אָבצושטעלען זיך נאָר אויף אַ קליינעם טייל פון זיי. מיר רעכענען אָבער, אַז אויך דאָס ווייניגע, וואָס מיר האָבען דאַ געקאָנט ברענגען, האָט קלאָהר געמאַכט די לעזער, ס׳אַר אַני־אינטערעס און בעדייטונג עס האָבען די בריעף. ווען זיי וועלען פולשטענדיג פובליקירט ווערען, וועט יעדער ביאָגראַף און קריטיקער פון מענדעלע מוכר-ספרים אין זיי געפינען אַ רייך און פיעל-זייטיג מאַטעריאַל וועגען זיין פערזענליכקייט און פסיכיק און וועגען דער היסטאָריע פון זיין לעבען, שאַפען און ווירקען.



## ש. דובנאָוו

# מענדעלע-אַבראַמאָוויטש

(זכרונות)

### I

ער איז געקומען אויף דער וועלט אין די פינסטערע צייטען פון ניקאָלאַי דעם ערשטען און איז אויפגעוואַקסען אין די טעג פון באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. ער איז געוועזען אַ חדר-יונגעל, און דערנאָך — אַ ישיבה-בחור. אין דער ליטע, אין יענע יאָהרען, ווען מען פלעגט זיינע חברים „כאַפען און אָבגעבען" פאַר קאַנטאָניסטען. ער איז אַרומגעפאָהרען איבער וואָלינער שטעדטליך, אין דעםביידעל פון אברהמ׳לע דעם הינקעדיגען, אין דער צייט פון „ראַזריאַדען" און „פאָימאַניקעס", ווען נאָך-זיין אייגענעם אויסדרוק — „געפאַטשטע האָבען גע־פאַטשט זיך אַליין, צודראַפעטע האָבען געדראַפעט איינער דעם אַנדערען" („ווינשפיגגערל"). ער איז געוואָרען אַ לערער אין דער קאַזיאָנער יודישער שול אין קאַמעניץ-פּאָדאָלסק אין די ערשטע יאָהרען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דער קאַזיאָנער היטעל מיט דער קאָקאַרדע

ליגט די גאַנצע ישועה פאַר יודען. אין בערדיטשעוו און זשיטאָמיר האָט ער דורכגעמאַכט די תקופה פון השכלה און האָט זיך בעטייליגט אין דער מלחמה צווישען די השכלה-קרייזלעך און חסידים-קרייזלעך, וואָס האָט געבערענט אַרום איהם. אין דעם אַסימילירטען אָדעס האָט ער איבערגעלעבט די פּאָגראָמען פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען און ניקאָלאַי דעם צווייטען, די בעוועגונגען פון חיבת-ציון, ציוניזם, נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם; ער האָט דערלעבט, שוין האַלב פּאַראַליזירט, צו דער לעצטער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר ער איז שוין געלעגען כמעט אָן בעוואוסטזיין אין די טעג, ווען פינסטערע וואָלקענס פון אַנאַרכיע און טעראָר האָבען בעדעקט די זון פון דער רעוואָלוציע. מיט איהם איז אָבגעשטאָרבען כמעט אַ גאַנצער יאָהרהונדערט פון אונזער געשיכטע. ער האָט אונז געלאָזען שטעהען אויף דער שוועל פון גאָר אַ נייער היסטאָרישער עפּאָכע, וואָס דאַרף קומען נאָך דעם היינטיגען מבול.

דריי דורות זענען דורכגעגאַנגען פאַר זיינע קלוגע אויגען וועלכע פלעגען טיעף אַריינדרינגען אין אַלץ, צו וואָס זיי האָבען זיך צוגעקוקט. געשטאַלטען פון דריי תקופות האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין זיינע ווערק, וועלכע האָבען איהם געמאַכט פאַר דעם „זיידען'' פון דער יודישער ליטעראַטור. זיין טאַלענט איז, ווי בעוואוסט, אויסגעוואַקסען אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבען אויף אַזוי פיעל, אַז ער האָט געמוזט איבער-מאַכען פון דאָס נײַ כמעט אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשריעבען אין דער יוגענד. אין דער דאָזיגער צייט האָט ער געשאַפען זיין אייגענעם סטיל אין ביידע שפּראַכען, אין יודיש און העברעאיש, זיין אייגענעם קוק אויפ'ן לעבען, און ער האָט שוין נישט געקאָנט אָנערקענען פאַר זיינע גייסט-קינדער יענע ווערק, וואָס ער האָט אַ מאָל געשריבען אונטער דעם איינפלוס פון דער סביבה. יעדער שרייבער מוז די ערשטע יאָהרען זיצען אויף קעסט, שפּייזען זיך און מפרנס זיין אַנדערע מיט פאַרטיגע מאכלים, פאַרטיגע געדאַנקען, וואָס זענען אָנגעטאָן אין מלבושים נאָך דער מאָדע; נאָר דאָס איז אַ סימן פוי אַן אמת'ען שרייבער,





אויב ער געהט אַראָב פון קעסט, שטעלט זיך אויף זיינע אייגענע פיס, הויבט אָן צו שאַפען זיינע אייגענע געדאַנקען, זיין שפּראַך, זיין סטיל, ווען ער ווערט אינדיווידועל אָנשטאָט קאָלעקטיוו, ווען ער ווערט אַליין אַ טיפּ אין ,דער ליטעראַטור, אַ מוסטער פאַר אַנדערע. אָט אַזאַ איבערגאַנגס-צייט האָט איבערגעלעבט אַבראַמאָוויטש אין די זיבעציגער און אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט ווען ער איז געוואָרען מענדעלע מוכר ספרים.

צום סוף פון דער דאָזיגער איבערגאַנגס-צייט, ווען זיין טאַלענט האָט זיך אויפגעהויבען צו דער הויכקייט פון „ווינשפינגערל'' — די גרויסע עפּאָפּעיע פון יודישען לעבען, — בין איך מיט איהם בעקאַנט געוואָרען. דרייצעהן יאָהר בין איך דערנאָך נאָהענט געווען צו איהם, און האָב געזעהן, ווי פון יאָהר צו יאָהר וואַקסען זיינע שעפּפערישע קרעפטען, ווערט טיעפער זיין קוק אין לעבען, ווי אין איהם ווערט מקוים די פּסיכאָלאָגיש-ריכטיגע בעמערקונג פון דער אגדה: „תלמידי-חכמים כל זמן שמזקינים חכמה נתוספת בהם'' — ביי עכט-גייסטיגע נאַטורען וואַקסט די שאַפונגס-קראַפט אויף די עלטערע יאָהרען'' אַזוי ווי ביי מיטעלע מענשען, פערקערט, זינקט דער גייסט אויף דער עלטער. ביז דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען האָט דער 85-יאָהריגער זקן איינגעהיט אין זיך די קראַפט און דעם וואוקס פון זיין גייסט.

דאָס איז געווען אין שפּעטען הערבסט פון יאָהר 1890. איך בין ערשט אָנגעקומען פון פּעטערבורג קיין אָדעס און האָב נאָך נישט פערגעסען דעם געוואַלדיגען איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דער צווייטער טהייל „ווינשפינגערל'', וואָס איז געווען געדרוקט אין יענעם יאָהר אין שלום-עליכם'ס „פאָלקס-ביבליאָטעק''. ערשט מיט אַ פּאָר חדשים פאַר מיין אָנקומען, האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגען דעם ווערק אין אַ קריטישען איבערזיכט פון דער יודישער ליטעראַטור (וואָסכאָד, 1890, בוך 9: „פאָלקס-ליטעראַטור און המון-ליטעראַטור'', פון קריטיקוס), וואו איך האָב פערגליכען „די מערקווירדיגע

עפּאָפּעיע פון אבראַמאָוויטש" מיט גאָגאָל'ס „טויטע נפשות", נאָך דעם אַרט שרייבען — אַ געמיש פון עפּאָס און ליריק. אין אַ גרויען נאָוועמבער־אָוועגד האָב איך געמאַכט מיין ערשטען וויזיט צו מענדעלע'ן. פון מיין וואוינונג אין יענעם עק פון דער לאַנגער באַזאַרנע גאַס, וואָס איז געווען נאָהענט צום גרויסען פּאַרק אויפ'ן ברעג ים, בין איך געגאַנגען אויף דעם אַנדערען עק, וואו די באַזאַרנע, דורכגעהענדיג דורכ'ן אַלטען מאַרק, שפּאַרט זיך אָן אין די אָרימע טהיילען שטאָדט, אַרום „טאַלטשאָק". נאָהענט צו מאָלדאַוואַנקע. דאָרטען, אין אַ אַלט גרויס הויז צווישען קאַזאַרמעס, וואָס האָט אַליין אויסגעזעהען ווי אַ קאַזאַרמע, האָט דענסטמאָל פּערנומען אַ גאַנצען שטאָק די רעפאָרמירטע אָדעסער תּלמוד־תּורה, וואָס וועגען איהר האָט אַמאָל געשריבען דער בעוואוסטער הומאַניסט פּיראָגאָוו. העכער מיט איין שטאָק איז געווען די וואוינונג פון סאָלאָמאָן מאָיסיעוויטש אבראַמאָוויטש, דעם פּערוואַלטער („זאַוויעדויושצי") פון דער תּלמוד־תּורה. די דאָזיגע שטעלע האָט מענדעלע פּערנומען שוין אַ יאָהר צעהן, און האָט זיך געהאַלטען פאַר גליקליך, וואָס נאָך די שווערע יאָהרען און דחקות אין זשיטאָמיר האָט ער געקראָגען אַ זיכער שטיקעל ברויט און האָט בעקומען די מעגליכקייט צו שרייבען רוהיג אין דער פרייער צייט.

איך בין אַריין צו איהם אין קאַבינעט. אַ הויכער שלאַנקער מאַן, מיט אַ היבש ביסעל גרוי אין די געדיכטע שוואַרצע האָר, מיט אַ קליין בערדעל, מיט קלוגע אויגען און אַ ליב שמייכעלע, האָט מיך בעגעגענט. און בעגריסט ווי אַן אַלטען בעקאַנטען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאַנגער שמועס וועגען ליטעראַטור, פּאָליטיק, פּעטערבורג, אדעס, וועגען זיין „ווינשפינגערעל" און דעם פּלאַן פון די קומענדיגע, נאָך נישט געשריבענע טהיילען. מענדעלע האָט ליעב געהאַט צו רעדען, נאָר ווי לאַנג ער האָט נישט גערעדט, האָט דער צוהערער נישט בעמערקט די צייט: אַזוי שיין און טיעף, כאָטש אָפּט פּאַראַדאָקסאַל, זענען געווען די געדאַנקען, די ווערטער; אַלץ איז געווען אייגענס, נישט פרעמדס, נישט גענאַשט פון ביכער.





טאַקע אָט דאָ בשעת דעם שמועס געשאַפען מיט קנייטשען דעם שטערען, אַ דרעה מיט'ן פינגער, עפּעס ווי אין אַ האַרבע סוגיא אין דער גמרא. מיר האָבען ביידע נישט בעמערקט, ווי דער שמועס האָט זיך פערצויגען ביז שפּעט אין אָוועגד; און אַז מיר האָבען אַ קוק געטהון אויפן זייגער, האָבען מיר זיך ביידע צעלאַכט: מיר זענען אָבגעזעסען אַ שעה פיער־פינף.

„אָט — זאָגט ער — איהר האָט זיך געאיילט אַ היים (פון אָנהויב האָב איך געזאָגט, אַז איך בין געקומען אויף אַ קורצער צייט און וויל איהם נישט שטערען), ניין, פון מיר געהט מען אַזוי גיך נישט אַוועק; בישקשה, מיר וועלען נאָך אַ ביסעל שמועסען"... און אין פאָרהויז האָט ער מיך נאָך פערהאַלטען אַ היבשע ווייל, אַזוי ווי עס וואָלט געווען נויטיג ענדיגען אַ וויכטיגען ענין...

שפּעט, אַרום האַלבער נאַכט, האָב איך זיך אומגעקעהרט אַ היים. עס איז געגאַנגען דער ערשטער שניי און האָט אָנגעטהון אין ווייסען די פּוסטע גאַסען, איך האָב געטראַכט וועגען דעם אַלטען יונגען מאַן, וואָס האָט גערעדט מיט אַזאַ היץ, אַזוי אָריגינעל און קלוג — כאָטש נישט אַלץ נאָך מיין שטימונג, — וועגען דעם טיעפען קוואַל פון געדאַנקען און געפיהלען, וואָס שפּרודעלט אין דעם מחבר פון דער „קליאַטשע" „פישקע דער קרומער" און „ווינשפינגערעל".

אין יענע יאָהרען איז מענדעלע אַלט געווען 55 יאָהר, לויט דער אָפיציעלער רעכנונג פון זיין ביאָגראַפיע, וואָס איז געשריבען דורך זיין חבר ל. בינשטאָק אין יאָהר 1885. צו זיין ערשטען ליטעראַרישען 25־יאָהריגען יובילײ. נאָר ביי אונז אַלעמען, די אָדעסער, איז געווען אַ גרויסער ספק אין דער ריכטיגקייט פון דער רעכנונג, מען האָט דעם „זיידען" געהאַלטען פאַר עלטער אויף היבשע עטליכע יאָהר. מענדעלע אַליין האָט נישט ליעב געהאַט אַריינצולאָזען זיך אין חשבונות וועגען דעם ענין; עס איז ביי איהם געווען עפּעס אַזוי ווי אַ מין פאָראורטייל, וואָס איז געקומען בירושה פון אַלטפרענקישע יודען זקנים, וואָס וועלען אייך בשום אופן נישט אויסזאָגען

זייערע אמת'ע יאָהרען. אָפטמאָל, בעת געסט פלעגען זיך ביי איהם צונויפקומען אין זיין געבורטס-טאָג, דעם 20 דעצעמבער, און איינער פון די נישט-געבּ'טע פלעגט זיך צו איהם ווענדען מיט אַ פראַגע: „זיידע, ווי פיעל יאָהר איז אייך היינט געוואָרען?“ פלעגט ער ענטפערען: „איך ווייס נישט, אָט פרעגט ביי איהם (אָנווייזענדיג אויף מיר): ער איז אַ היסטאָריקער און דאַרף וויסען כראָנאָלאָגיע“. און איך האָב שוין געמוזט זאָגען די אָפיציעלע דאַטע 1835, ווי עס שטעהט געדרוקט אין בינשטאָקס ביאָגראַפיע, נישט מאַכענדיג צו איהר קיין „קריטישע“ בעמערקונגען. מענדעלע האָט אַפילו נישט ליעב געהאַט, אַז מען פלעגט איהם אין יענע יאָהרען רופען „זיידע“, אַ נאָמען וואָס ס'האָט איהם געגעבען דענסטמאָל „שלום-עליכם“, וואָרום דער בעגריף „ליטעראַרישער זיידע“ גיט שוין אַן אָנצוהערעניש אויף אַלטקייט. און אין דער אמת'ן האָט זיך מענדעלע געפיהלט יונג און שטאַרק, אפשר יונגער און לעבעדיגער פון וועמען עס איז פון זיינע „אייניקלעך“.

אין גיכען האָט זיך אַרום אונז געבילדעט אַ קליין ליטעראַריש קרייזעל. אין אָנהויב זענען אַריין אין אונזער חברה מענדעלעס אַלטע בעקאַנטע — בן עמי און ראַווניצקי, און שפּעטער זענען ביסלעכווייז צוגעקומען נאָך שרייבער און — גלאַט אינטעליגענטען. דערהויפּט האָבען מיר געפיהרט שמועסען און ויכוחים וועגען אונזער ליטעראַטור, נאָר אַרום פסח-צייט פון יאָהר 1891 האָבען ביי אונז דעם ערשטען אָרט פערנומען פּאָליטישע ענינים. דאָס איז געווען יענער שרעקליכער פסח — די צייט פון גירוש מאָסקווע און אַנדערע גזירות, ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער און זיין רעגירונג האָבען אונז אָנגעמאַכט אַזוי פיעל אָפיציעלע פּאָגראָמען, עפּעס ווי אַ זכר לחורבן — צום צעהניאָהריגען יובל פון די ערשטע גאַסען-פּאָגראָמען אין די דרום-קאַנטען אין די 80-ער יאָהרען. אַ טיעפער שמערץ האָט אונז אַלעמען אַרומגענומען. מיר האָבען געפיהרט הייסע ויכוחים, יעדערער לויט זיין שטאַנדפונקט: איינער האָט געזעהען די ישועה אין פערשטאַרקען דעם ישוב ארץ-ישראל, דער אַנדערער—אין עמיגראַציע נאָך





אַמעריקע, וואָס האָט אָנגענומען בקרוב אַ גראַנדיעזען כאַראַקטער, דער דריטער האָט פאָרגעשלאָגען אַן אַגיטאַציע-רייזע אין אייראָפּע אויפצוהויבען די וועלט קעגען דעם דעספּאָטישען רוסלאַנד (מיין פאָרשלאַג); איין מענדעלע נאָר האָט זיך נישט געשטעלט אויף קיין פּרינציפּיעלען שטאַנדפונקט און האָט יעדעס מאָל אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג לויט דער שטימונג, וואָס האָט דאַן געהערשט ביי איהם. פערשטעהט זיך, אַז פון איין מאָל צו דעם אַנדערען האָט זיך ביי איהם די מיינונג געביטען אַזוי ווי די שטימונג. נאָר יעדעס מאָל זענען זיינע ווערטער געווען קלוג און אָריגינעל, און האָבען געגעבען שטאָף צום טיעפען נאָכדענקען. — אין יענער צייט האָט מען זיך גערעכט אויף אַ פּאָגראָם אין אָדעס, און איך געדענק, ווי מענדעלע האָט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: „מיין ווייב האָט שוין איינגעפּאַקט די זאַכען אין די גרויסע קאַסטענס אויף רעדלעך, מיר זענען שוין מוכן ומזומן מקיים זיין די מצוה פון ויברח“.

אַ פּאָעטיש טרויעריגער זומער איז אָנגעקומען נאָך יענעם פריהלינג. איך האָב זיך בעזעצט אין דער דייטשער קאָלאָניע לוסטדאָרף, אויפ'ן שענעם ברעג פון ים, אַ פּאָר שעה גאַנג פון אָדעס, דער „בּורח“ שלום עליכם האָט זיך אומגעקעהרט פון אויסלאַנד, נאָך זיין געשעפטס-אומגליק, און האָט זיך בעזעצט אונטערן שטאָדט, אויפן „גרויסען פאָנטאַן“ אויפן וועג קיין לוסטדאָרף. אין גיכען איז צו אונז געקומען פרוג, וואָס פּאָליציע האָט איהם אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג, ער האָט געבלאָנקעט דעם גאַנצען זומער צווישען אָדעס און לוסטדאָרף*). אין לוסטדאָרף האָט אויך געוואוינט בן-עמי. דער זיידע מיט ראַווניצקין פלעגען אָפט אָנפאָהרען צו אונז פון שטאָדט, פערראַפּענדיג אַמאָל אויפן וועג דעם „אייניקעל“ — שלום-עליכם'ען. יענעם זומער איז שווער צו פערגעסען, יעדען פון אונז איז גע-

*) זעה מיינע זכרונות וועגען שלום-עליכם'ען און פרוג'ן אין „יעווריסקאיא סטאַרינאַ“ 1916 און אין זאַמעלבוך „צום אָנדענק פון שלום-עליכם“ (אויסגאַבע פון פרץ-פאָנד 1917).

ווען שווער אויפ'ן הארצען, הן פון אייגענע צרות הן פון צרות הכלל, און דערפאר טאקע זענען מיר געווען צוגעבונדען איינער צו דעם אנדערען. אט צולייגען מיר זיך אלע אויפ'ן ווייסען זאמד פון ברעג ים, קוקען שעהן לאנג אויף דעם געוואלדיגען וואסער פעלד, וואס ציהט זיך העט-ווייט ביז סטאמבול, און מען רעדט. מענדעלע איז בעזונדערס גוט געשטימט. עס שיטען זיך ביי איהם פערעל פון מויל: אנעקדאטען, גלייכווערטלעך, און אפטמאל ערנסטע דערצעהלונגען פון זיין לעבען, קינסטלערישע שילדערונגען מיט טיפישע געשטאלטען פון זיינע בעקאנטע (בעזונדערס פון דעם לערער-קרייז אין זשיטאמירער ראבינער שוהל: צווייפעל, גאטלאבער, לערנער, סלאנימסקי, סוכאסטאווער און אנדערע), וואס מען וואלט זיי געקאנט אריינשטעלען אין דער רייהע פון זיינע בעסטע ווערק. אט געהען מיר איבער די בערגלעך און גריבער ארום ים, און מענדעלע שפרינגט מיט זיינע לאנגע פיס און קלעטערט וואו מען דארף, נישט ערגער פאר אונזערע יונגע לייט. מיר געהען אריין אין גרויסען גארטען פון אונזער קאלאניע, — דער בעריהמטער „שולצע גארטען", — טרינקען טיי און וויין, עסען וויינטרויבען און אנדערע פרוכטען, — און דער שמועס ציהט זיך ווייטער.

איך געדענק בעזונדערס א שיינע זומער-נאכט אין אלול, נאך אזא שפאצירען, ביי מיר אין הויף פון דער דאטשע. מיר זענען אלע געזעסען אין דער „בעס־עדקע", ביי דעם ליכט פון די אלול-שטערען, און האבען געזונגען יודישע פאלקס-לידער. פרוג האט וואונדערליך שיין געזונגען דאס ליד: „וואס וועט זיין, אז משיח וועט קומען?" מיט אזא פרומען פנים און אזעלכע חסידישע העויות, אז קיינער וואלט נישט געזאגט, אז מיר האבען דא צו טהון מיט א נאכגעמאכטער פאראדיע פון א מתנגד:

די בויד וועט זיין כון פארמעט און די רערער חעלען
זיין פון עצי-גופר,
און די בייטש וועט זיין ציצית צוגעבונדען צו א שופר. —





האט זיך צעגאסען דאס לידעל אין דער שטילקייט פון דער נאכט, אין דער שטילער דייטשער קאלאניע. צו אמת'ע דביקות און התלהבות האט אונז געבראכט א חסידישער ניגון אהן ווערטער, וואס בן-עמי האט געזונגען. אלע האבען דאס אונטערגעכאפט און עס האט זיך אנגעהויבען א כאר-געזאנג מיט פערגלאנצען די אויגען צום הימעל, מיט צוקלאפען מיט די פינגער. מיר זענען געזעסען אזוי ווי די חסידים ביים רבין צו שלוש סעודות, און עס האבען זיך געטראגען ווייט צום ברעג ים טרויעריגע נגונים, עפעס ווי פערטראגען אהער מיט א ווינד פון די פעלדער פון וואלין אדער פאדאליע, און דער ים האט עפעס פון דער ווייטען צוגעברומט... מענדעלע איז געזעסען פערטראכט. איהם האט זיך אפשר גע'חלומ'ט דאס ביידעל, אין וועלכער דאס יונגעל פון קאפוליע איז ארומגעפאהרען וואלין, די השכלה-מיסיע און דער קאמף מיט חסידים אין קאמענעץ און בערדיטשעוו...

25 יאהר זענען אריבער פון יענער זומער נאכט, און בלויז די לעצטע צוויי יאהר האבען אוועקגענומען פון אונז דריי פון יענע, וואס זענען געזעסען ביים שלוש סעודות אין לוסטדארף — שלום-עליכם'ען, פרוג'ן און מענדעלען.

## II

אונזער אדעסער קרייזעל מיט אבראמאוויטשען בראש האט זיך צוזאמענגעקליבען רעגולער עטליכע יאהר, צווישען 1891 און 1894. די אורחים פונ'ם קרייזעל זענען זיך דערווייל צופאהרען אין פערשיעדענע זייטען. פרוג קיין פעטערבורג, שלום-עליכם — קיין קיעוו, און אין אדעס איז פערבליבען ארום א האלבען טיש „שטענדיגע מיטגלידער", צו וועלכע ס'פלעגען פון צייט צו צייט צושטעהן אויך מענשען פון דער זייט. אונזער קליין קרייזעל איז געווען א ריין-ליטערעריש, אן אומ-

פּאַרטייאיש, און אין דעם איז בעשטאַנען דער אונטערשיעד צווישען איהם און דעם מאַסאָנישען קרייז פון אחד-העם — „בני משה״, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט אין אָדעס. אין יענעם קרייז האָבען אַנטייל גענומען די פּאַלעסטינצעס, די „חובבי ציון״, וואָס האָבען אָנגענומען אחד-העם׳ס תורה: אָהן דער גייסטיגער אויפלעבונג פון דער אומה איז נישט מעגליך די אויפלעבונג פונ׳ם לאַנד. די „בני משה״ (אָדער „די רויטע יודעלעך״, ווי מענדעלע האָט זיי וויציג אָנגערופען אויפ׳ן סמך פון דעם נאָמען פון דער חברה און אויך דערפאַר, וואָס אייניגע אָנגעזעהענע מיטגלידער האָבען געהאַט רויטע האָר) פלעגען זיך צונויפקלייבען יעדען פרייטאָג-צונאַכטס אין הויז פון זייער פיהרער, און דערביי צוגעלאָזט אין קרייז אויך זייטיגע, וואָס זענען נאָך נישט געווען אינגאַנצען בעהאַווענט אין זייערע ענינים. מיר פלעגען זיך צונויפקומען שבת צו נאַכט. מיר דוכט, איין ראַוויניצקי פלעגט בעזוכען גלייכצייטיג ביידע קרייזלעך גאַנץ רעגולער, און מענדעלע האָט איהם אָנגערופען „דער שליח פון יענער זייט סמבטיון״. לכתחילה פלעגען מיר זיך על פי רוב צוזאַמענקלייבען אין דער נייער, גרוימער און ליכטיגער דירה פון אַבראַמאָוויטשען, וואָס מ׳האָט אוועקגעגעבען פאַר׳ן פּערוואַלטער אין דעם ניי-אויסגעבויעטען הויז אויף דעכטיארנער גאַס; שפּעטער האָבען מיר זיך צונויפגעקליבען לויט דער רייהע אויך אין די דירות פון אַנדערע אַנטייל-נעמער — ביי מיר, ביי בן-עמי, ביי׳ם פערשטאָרבענעם וואווילען דאָקטאָר מיכעלסאָן. אויסער די שבת׳דיגע פערזאַמלונגען זענען נאָך געווען אויסערגעוועהנליכע בעגעגענישען: אויף פאַמיליע-אָווענדען, אין ימים-טובים און אין דער נאַכט פון ניי-יאָהר. די שפּראַך אין אונזער קרייזעל איז געווען, ווי געוועהנליך דאַן אין אָדעס, רוסיש, און פערשטעהט זיך, מיט אַ שטאַרקען צומיש פון יודישע ווערטלעך. מענדעלעס רוסיש איז נישט פריי געווען פון טעותים, נאָר מיר האָבען עס וועניג-וואָס בעמערקט: אַזוי רייך איז דער רוסיש געווען מיט אָריגינעלע אויסדרוקען, לעבעדיגע געשטאַלטען, אָפטמאָל פלעגט





ער זיין רוסיש בעפּוצען מיט פליטערלעך פון אונזער פאָלקס-שפּראַך.

אויב צווישען אונז איז געווען אַ מענש, וואָס איז געשטאַנען אויסער וואָסער-ס׳איז פּאַרטיי אָדער פּראָגראַם, — איז עס געווען מענדעלע. ער איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער נישט צוליעב אויסערליכע סבות אָדער צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט איינפּאַסען אין די ראַמען פון די עקזיסטירענדיגע פּאַרטייען, נאָר דערפאַר, וואָס לויט זיין נאַטור האָט ער נישט געקאָנט זיין קיין אַנהענגער פון אַ בעשטימטער אידעאישער ריכטונג אין געזעלשאַפטליכע פראַגען. ער האָט נישט געקאָנט אַנערקענען וואָסער ס׳איז פּראָגראַם פאַר נויטווענדיג, אָדער וואָסער ס׳איז פּרינציפּען-סיסטעם פאַר אַ דורכאויס בעשטימטע זאַך. אין סאָציאַלען און פּאָליטישען הינזיכט איז ער, לויט זיין נאַטור, געווען אַ „ווילדער״. ער האָט געהאַט דאָ שטימונגען, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, אָבער נישט קיין פעסטע פּרינציפּען, און די שטימונגען האָבען זיך ביי איהם אָפט געביטען אין שייכות מיט זיינע פּערזענליכע, סוביעקטיווע איינדרוקען, למשל, פון זיין בעציהונג צו דער אָדער יענער פּערזאָן, פאָרשטעהער פון דער אָדער יענער פּאַרטיי. ער האָט נישט ליעב געהאַט די מאָדערנע און טומעלדיגע פּאָליטישע בעוועגונגען, ווייל וואָס מעהר אָנהענגער די בעוועגונג האָט פערמאָגט, אַלץ מעהר האָט ער געהאַט די מעגליכקייט צו בעאָבאַכטען אין די פּ ע ר ז אָ נ ע ן לעכערליכע אָדער נעגאַטיווע זייטען, די פערקריפּעלונג פון דער אידעע ביי די וועניג-בעוואוסטזיניגע מענשען, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו איהר, און ער, ווי דער קינסטלער פונ׳ם לעבענסשטייגער, איז אין זיין אָבשאַצונג געגאַנגען שטענדיג פון פּערזאָנען צו אידעען און נישט פערקעהרט. אַזוי-אַרום איז ער נישט צוגעשטאַנען צום אָפיציעלען חיבת-ציון (ציוניזם איז ביז 1897 נאָך נישט געווען), וואָס האָט געהאַט אין אָדעס זיין אָרגאַן — דער פּאַלעסטינער קאָמיטעט, הגם ער האָט זייער סימפּאַטיזירט מיט דער אידעע פון ישוב ארץ ישראל און פער-

זענלעך האָט ער שטאַרק געהאַלטען פון איינעם פון די פיהרער מיט דער חברה — פון ד״ר פינסקער. דער אַלטער ,,משכיל׳׳ פונ׳ם קרייזעל פון דער זשיטאָמירער ראַבינער שול, דער יוגענד פריינד פון מ. מרגולית, אַבראַמאָוויטש איז דאָך נישט אַריין אין דער געזעלשאַפט פון די אַסימילירענדע און אסימיליאַטאָרען, ביי וועלכע דער הומאַניסט מרגולית איז געווען דער העכסטער אויטאָריטעט, אַ וואוילער לעהרער, וואָס האָט נישט געפאָדערט פון זיינע תּלמידים קיין שום התחייבותן בנוגע צו דער נאַציע, — אויסער איין זאַך: טעאָרעטיש אָנערקענען די מעלות-טובות פון יודישקייט און איר עטיק. מענדעלע האָט נישט ליעב געהאַט די אַסימילאַציע (יעדענפאַ״ס אינ׳ס אָדעסער פעריאָד פון זיין לעבען), אָבער קעמפען מיט דער אַסימילאַציע צוזאַמען מיט די נאַציאָנאַליסטען, לכל הפחות, אין דעם געביט פון שוהל און קולטור, האָט ער נישט געהאַלטען פאַר מעגליך, וויילl ער האָט נישט אָנערקענט קיין בעשטימטע פּאָזיטיווע סיסטעם פון נאַציאָנאַליזם, נישט פונ׳ם פּאָליטישען, נישט פונ׳ם קולטור-אויטאָנאָמיסטישען. ער איז געווען אי אַ פריידענקער, אי אַ רעליגיעזער: ער האָט צוגעגעבען אַ בעזונדערע בעדייטונג די וויכטיגסטע דינים און מנהגים (ווי אַ פערוואַלטער פון אַ תּלמוד-תּורה האָט ער אָפּיציעל געדאַרפט אָבהיטען שבת, ימים-טובים, היטען כשרות א. א. וו.), און זיך בעצויגען גאַנץ געדולדיג צו דאָגמאַטישער פריידענקעריי. אָבער אויך דאָ ווערט זיין סבלנות דערגרייכט נאָר ביז אַ בעשטימטער גרענעץ, ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגען נישט די חוצפּהדיגע פערלייקענונג פון די אמונה-יסודות, נישט די שטאַרק-עקסטרעמע אויספיהרען פון דער ביבעל-קריטיק, אויף וויפיעל ס׳האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ קאָנקרעטער פאָרם (וועגען דעם — שפּעטער). דא איז ער געווען שטאָל און אייזען, אָדער ריכטיגער — געוואָרען אַלץ פעסטער, וואָס מעהר ער איז געוואָרען עלטער. אין אַלע איבעריגע געביטען איז ער באמת געווען אַ „פרייער קינסטלער׳׳ אין דער שאַפונג און אנשויאונגען. איך האָב נישט איינמאָל געזאגט איהם אַליין





פון אויך ביים ביי-זיין פון אַנדערע: איהר, אַלס קינסטלער קאָנקורירט מיט גאָט, וואָס לויט דער אגדה, פערנעהמט ער זיך דערמיט, וואָס ער בויט וועלטען און צושטערט זיי, כּדי ווידער אויפצובויען: איהר שטעלט-אויף אַ וועלט-אָנשויאונג און דערנאָך וואַרפט איהר זי אום. גאַנץ אָפט איז געווען אַ פערגעניגען צו שמועסען מיט מענדעלען אויג אויף אויג אָדער אין אַ קליינעם קרייזעל: אַזוי טיעף האָט ער אויפגענומען אַ געדאַנק אַפילו מיט זיינע אבנייגונגען אן דער זייט אין דער טעמע און מיט זיינע פּאַראַדאָקסען; אָבער אויף אַ פערזאַמלונג, וואו די אידעאָלאָגישע ויכּוחים האָבען בעדאַרפט ברענגען צו אַ בעשטימטען טעזיס אָדער בעשלוס, האָט מענדעלע נאָר געשטערט, ווי אַ פערקעפערונג כּון אַ אַנטי-טעזיס; ער האָט טאַקע אויסגעמיטען אַזעלכע מיני פערזאַמלונגען.

אין אונזערע שבת-צו-נאַכט-אָווענדען האָט מענדעלע אָפט געלייענט פאַר אונז אויסצוגען פון זיינע ערשט-אָנגעשריבענע ווערק. אין יענער צייט האָט ער אויפגעהערט צו שרייבען יודיש און זיך אומגעקערט צו העברעאיש, ריכטיגער — צו שאַפען אַ נייעם העברעאישען סטיל. די סיבה איז געווען אַ צופעליגע: שלום עליכם האָט אָנגעוואוירען זיינע פינאַנסען און אויפגעהערט אַרויסצוגעבען זיין „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק״, און דער זיידע האָט נישט געהאַט וואו צו דרוקען דעם המשך פון זיין „ווינשפינגערעל״. קיין לייטישע ,פערלעגער אויף צו דרוקען ביכער אין יודיש זענען נאָך דאַן נישט געווען (דערנאָך האָבען זיך בעוויזען דער פערלאַג „אחיאסף״ און אַנדערע, וואָס האָבען אַרויסגעגעבען העברעאישע ביכער), און מענדעלע האָט אָוועקגעוואָרפען זיין בעסטע און גרעסטע ערצעהלונג, און ס׳האָט נישט געהאָלפען, וויפיעל איך האָב אין איהם אַריינגעשמועסט, ער זאָל פערזעצען די אַרבעט אויף שפּעטער. געוועהנליך האָט ער געשריבען, ווען דער רעדאַקטאָר אָדער אַרויסגעבער האָט איהם געצוואונגען, פאָדערענדיג אַ ערצעהלונג צוליעב אַ זאַמעלבוך אָדער זשורנאַל. אין יענער צייט האָט ראַווניצקי אַרויסגעגעבען אין אָדעס אַ גאַנצע פיינע ליטע-

ראַרישע זאַמעלביכער א. נ. „פּרדס״, און מענדעלע האָט בעדאַרפט פאַר יעדן באַנד געבען איין אָדער צוויי מעשיות. ער האָט דאַן אויך געשריבן צוליעב דעם וואַרשעווער „לוח אח־אסף״. פאַר מיינע צייטען זענען אָנגעשריבן און כמעט אינגאַנצען פאָרגעלייענט געוואָרען דורך דעם מחבר פון כתב־יד די ערצעהלונגען פון דעמדאָזיגען לעבען: „בימי הרעש״, „בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה״, דער אריינפיהר אין „שלמה ר׳חיים׳ס״. אין אָט די מעשיות האָבען געפונען אַן אויסדרוק די הייסע ויכּוחים, וועלכע האָבען זיך געפיהרט אין די שבת־צו־נאַכטסען ביי אונזער קרייזעל וועגען חיבת־ציון, אַמעריקאַנער עמיגראַציע, השכלה עפּאָכע א. א. וו. שילדערענדיג די „שטורעם צייט״ פון דער נייער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, האָט מענדעלע גאַנץ־טרעפליך כאַראַקטעריזירט זיך גופא צווישען די קעמפּע־דע פּאַרטייען מיט דער פראַזע: „ויתרוצצו... האָבען זיך אין מיר די צוויי מענדעלעך געבוצקעט אינווייניג, געריסען זיך און געפליקט ווי די הענער״. אָט דער אידעאָלאָגישער „ויתרוצצו״, די וואַקעלניש צווישען די פערשיעדענע געזעלשאַפטליכע שטרעמונגען און דאָס אָבלייקענען אַלע — איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קינסטלער, אָבער נאָר אַזוי־אַרום האָט ער בעקומען די מעגליכקייט צו בעמערקען די שוואַכע זייטען פון די אַלע ריכטונגען און שילדערען זיי אין די דערמאַנטע ערצעהלונגען.

אין 1896 האָט מענדעלע אָנגעהויבען איבערצוזעצען זיין „ווינשפינגערעל״ אויף העברעאיש (אונטערען נאָמען „בעמק הבכא״) צוליעב׳ן זשורנאַל „השלוח״, וואָס אחד־העם האָט דאַן אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אין אָדעס. דאָס איז נישט געווען סתם אַן איבערזעצונג, נאָר אַ נייע קינסטלערישע בעאַרבייטונג מיט אַ בענייטען אינהאַלט און וואונדערליך אויפגעלעבטע פאָרמען פון דער העברעאישער שפּראַך. דער מחבר איז לאַנג געזעסען אויף יעדער שורה, און דער כתב־יד, וואָס ער האָט פאַר מיר געלייענט כמעט ביי יעדען בעזוך, איז געווען פול אָנגעפּיקעוועט מיט מעקעכצען און צוגאַבּיי און צושריפטען.





ווען ס׳האָט זיך געענדיגט דער יודישער טעקסט, און ער האָט בעדאַרפט שרייבען די ווייטערדיגע קאַפּיטלען גלייך אויף העברעאיש, האָט מענדעלע אויף אַזא אופן פערגרינגערט זיך די אַרבעט. ער האָט פריהער געשריבען די קאַפּיטלען אין יודיש, און דערנאָך אַליין זיי איבערגעזעצט אין העברעאיש. „אַזוי איז מיר גרינגער — האָט ער געזאָגט — שאַפען דעם אינהאַלט, די לעבענס־בילדער אויף דער שפּראַך פון אָט דעם לעבען, און דערנאָך ערשט אָנקליידען די בילדער אין די קלאַסישע נאַציאָנאַלע קליידער״. (איך בין נישט ערב פאַר דער פּינקטלעכקייט פון אויסדרוק, נאָר דאָס איז געווען דער אינהאַלט). ס׳איז כאַראַקטעריסטיש נאָך אַ פאַל, וואָס ס׳האָט מיר איבערגעגעבען איינער פון מענדעלע׳ס ליטעראַרישע „אייניקלעך״. דער „אייניקעל״ קומט אריין צום „זיידען״, ער טרעפט איהם ביים שרייב־טיש און ער פרעגט איהם:

— וואָס שרייבט איהר זיידע?

— איך שרייב נישט, איך טרייב צוועק פליגען״ — ענטפערט מענדעלע.

— וואָס׳ הייסט?

— זעהט איהר, — ענטפערט מענדעלע, — אַז איך שרייב העברעאיש, פאַלען אויף מיר אָן אַלע נביאים: ישעיהו, ירמיהו, די מחברים פון שיר השירים און תהילים, און יעדער פון זיי לעגט מיר פאָר צו נעמען פאַר דעם אויסדרוק עפּעס אַ פאַרטיגען פּסוק, אַ פאַרטיגע פראַזע נאָר ביי איהם, כדי אָנצושרייבען עפּעס נישט לויט אַ פאַרטיגען שאַבלאָן, מוז איך לכתחילה אָבטרייבען אָט די אַלע פליגען.

כדי צו בעפרייען זיך פון די מליצה־צוואַנגען, אין וועלכע די בעלי־מליצה האָבען אריינגעפּרעסט דעם לעבעדיגען, מאָדערנעם געדאַנק, האָט מענדעלע אריינגעבראַכט אין זיין לאַבאָראַטאָריע אַ רייכען מאַטעריאַל פון משנה־ און מדרש־אויסדרוקען, און דאָך האָט ער געהאַלטען פאַר מעהר נאַטירליך צו שילדערען דעם היינטצייטיגען לעבענס־שטייגער אויף דער לעבעדיגער שפּראַך פון דעם לעבענס־שטייגער.

נאָר באַנייטער העברעאיש האָט אויפגעלעבט אונטער ידער פעדער פון מענדעלען אויך דערפאַר, וואָס ער האָט איהם צוגעפּאַסט צום סטיל פון דער פאָלקס-שפּראַך פון די רוסישע יודען. אָבער כדי צו פערשטעהען און צו קאָנען אָפּצושאַצען די שעהנקייטען פון דעם ניי-מענדעלישען העבּרעאישען סטיל, איז וויכטיג, אַז אויך דער לעזער זאָל זיין בּעקאַנט מיט די קוועלען און דער העבּרעאישער מיטעלאַלטער-ליטעראַטור, פון וואַנעט דער קינסטלער האָט געשעפּט זיינע רייכטהומער. עס איז די שפּראַך פון די גייסטיגע יחסנים, די קענער פון דער העבּרעאישער ליטעראַטור פון פערשיעדענע תּקופות און פערשיעדענע דיאַלעקטען. איך האָבּ עטליכע מאָל בּעריהרט אָט די פראַגע אין מיינע שמועסען מיט דעם אַלטען פריינד און איהם געזאָגט, אַז גאר-גיך וועט מען מוזען דרוקען זיינע העבּרעאישע ווערק מיט פּירושים, וואָס זאָלען פערטייטשען די אַלטאַלטע אויסדרוקען, ווי ס'ווערען אַרויסגעגעבּען איצט די ווערק פון שעקספּיר און ראַבּלע, אָדער מיט הערות-ערקלערונגען, וואָס בּעגלייטען די טעקסטער פון ר' יהודה הלוי און אבּן-עזרא. די קומענדיגע דורות, וואָס האָבּען נישט געלערענט אין חדר און זענען נישט בּקי אין תּלמוד, וועלען נישט פערשטעהען יענע בּעזונדערע שפּראַך-אויפטהוער, וואָס בּרענגען אונז אַריין אין אַ בּעגייסטערונג. מענדעלע האָט עס נישט געלייקענט, און דערבּיי איז אונז בּיידען געוואָרען שטאַרק אומעטיג...

וויפיעל אָוועטען בּין איך אַזוי אָפּגעזעסען מיט מענדעלען געהערט איהם לייענען די ערשט-אָנגעשריבּענע קאַפּיטלען פון „בּעמק הבּכא“ („ווינשפינגערעל“) און געשמועסט דערנאָך וועגען דעם, וואָס מ'האָט איבּערגעלייענט... אָט ק'מט בּין-השמשות. איך ענדיג מיין אַרבּייט און לאָז מיך דורך דער אוספּענסקי-גאַס צו דער תּלמוד-תּורה. איך קום אַריין. ס'עפענט מיר אויף די טהיר די פרוי, אָדער איינע פון מענדעלעס טעכטער (איך געדענק נישט, אַז אין אָט דער פאַמיליע זאָל זיין וועו אַ דיענסט). שטיל און אומעטיג איז אין די גרויסע צימערען פון דעם תּלמוד-תּורה-פערוואַלטער ערגעץ אין אַ





לעצטען צימער זיצט מענדעלע, איינגעבּויגען אויף אַ כּתב-יד, ווי נאָר ער בּעמערקט מיך רופט ער אָפּטמאָל מיט שמחה אויס: „און איך האָבּ געפיהלט, אַז איהר וועט קומען! ס'ווילט זיך שמועסען מיט אייך. איהר ווייסט, וועגען וואָס איך האָבּ ערשט געטראַכט?“ און ס'געהט אַוועק אַ לאַנגער שמ עס וועגען אַלץ און אַלעמען. קענטיג, אַ גאַנצען טאָג האָט ער אין די ליידיגע צימערען געשוויגען און איצט ווילט זיך איהם דאָ אַבּרעדען פון הארץ, אַראָבּוואַרפען דעם עול פון געדאַנקען, וועלכע האָבּען שטענדיג זיך געקליבּען אין אָט דעם וואונדערבּאַרען קאָפּ, וואָס איז דאַן בּעצירט געווען מיט אַ זילבּערנעם האָר-קרוין. דערנאָך קומט דאָס לייענען פון די קאַפּיטלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבּען זינט אונזער לעצטער בּעגעגעניש. מענדעלע רוקט אַרויף די בּרילען אויפן שטערען, טראָגט-צו צו די קורצזיכטיגע אויגען דעם גרויסען בּויגען-פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעשריבּען מיט אַ געדיכטען פּערלדיגען כּתב, און ער לייענט. ער בּעווייזט מיר דעם בּיליגען בּויגען פּאַפּיר און ער זאָגט מיט אַ שמייכעל: „אַ גאַנצע מעשה וועט אַרויף אויף אָט דעם בּויגען, וואָס קאָסט מיר נור אַ גראָשען — דער פּרייז פונ'ם בּויגען פּאַפּיר אין נאָהענטען קלייטעל“. אָבּער דער בּויגען פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי צוגעשריבּענס, ווערט דערנאָך איבּערגעשריבּען אויף אַ נייעם בּויגען מיט גאַנץ נייע און וויכטיגערע ענדערונגען. מענדעלע לייענט מוסטערהאַפט, אַקצענטירט די אַלע ניואַנסען פון טעקסט. בּיי די לירישע ערטער, בּעזונדערס בּיי די בּעשרייבּונגען פון דער נאַטור און שטילער פּאָעזיע פון שטעדטעל, הערט זיך אין זיין שטימע אַ בּענקשאַפט, ווי אַ געוויין גאָך די יונגע יאָהרען, נאָך דער אַמאָליגער פּאַטריאַכאַלער וועלט. אָט לייענט ער מיר, למשל, אַזאַ לירישען פראַגמענט (פון דעם ערשטען קאַפּיטעל אין צווייטען בּוך „ווינשפינגערעל“): „שאַ, שטיל איז סליחות-צייט אין דעם וואלד, ווי אין קאַבּצאַנסק שבּת, ווען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג, און די שטילקייט דאָרט וואַרפט אַ מרה-שחורה, די בּוימער שטעהען פערטראַכט, פערזאָרגט... זייער שאָקלען מיט

די צווייגען – דאָס איז אַ ברעכען מיט די הענט, זייער זשומען – דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצען, אַ קרעכצען פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין נאָך דעם, ווי אירע קינדער צופאָהרען זיך אין אַלע זייטען"... און מיר דאַכט זיך, ווי אין אונזער צימער וואָלט מען געהערט אָט דעם אומעטיגען גערויש פון וואַלד אין אָנהויב הערבסט, וואָס איז פערטראָגען פון ערגעץ אַ שטעדטעל, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט אַ וואַלד. איך הער מיך איין צו די אומעטיגע סליחות-לייענען פון די פערטראַכטע, פערזאָרגטע ביימער...

ביי מענדעלען האָט דאָס לייענען פון די לירישע ערטער דערמאָהנט באמת אין סליחות-זאָגען אויף טייערע ווייטע קברים.

נישט איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט: „איך בין אויך אַ היסטאָריקער, נאָר אויף אַן'אַנדער שניט. ווען איר וועט קומען צו דער געשיכטע פונ'ם 19-טען יאָהרהונדערט, וועט איהר מוזען זיך באַנוצען מיט מיינע ווערק, כּדי צו שילדערען דעם לעבענסשטייגער פון די דעמאָלסדיגע דורות".

ער האָט מיר אָפטמאָל דערצעהלט עפּיזאָדען פון זיין פּערזענליך לעבען: וועגען יענע יונגע יאָהרען, ווען ער האָט געלערענט אין ווילנע ראמיילעס-ישיבה, ווינטער איז ער דאָרט געשלאָפען אויף דעם קאַלטען פענסטער, ווייל ס'האָבען געפעלט בענק; וועגען דער צייט, וואָס ער האָט פערבראַכט אין קאמעניץ-פּאדאלסק מיט גאטלאבער'ן, אין קרייז פון „קאַזיאָנע" לעהרער און אַקציזניקעס-פראנטען פון דער אָרטיגער בראָנפען-קאַנטאָר פון באַראָן גינזבורג. איך קאָן נישט פערגעסען זיין ערצעהלונג וועגען דער שווערער נויט, וואָס ער האָט געליטען אין זשיטאָמיר אין די לעצטע יאָהרען אַבפאָהרען פאַרן קיין אָדעס (1879 – 1880): די הוצאות זענען געווען גרויס: אַ משפּחה – זאַלבע־זיבען; די רשימות פון מיינע ווערק האָבען אַפילו נישט געקלעקט אויף דירה געלד; די ווילנער און וואַרשעווער פערלעגער האָבען מיך בעגזל'ט: שטילערהייט איבערגעדרוקט די „טאַקסע", „קליאַטשע" און „דאָס קליינע מענשעלע", בגנבה איבערפערקיפט איינער דעם צווייטען די סטערעאָטיפּען פון מיינע ביכער.





איך בין דערגאַנגען דערצו, אַז איך בין נישט געווען זיכער מיט'ן מאָרגענדיגען טאָג. אין אָט דער שווערער צייט האָט מיר אַרויסגעהאָלפען באַראָן האָראַצי גינזבורג, וואָס האָט מיך געקענט נאָך פון מיין יוגענד, פון קאַמעניץ. ער האָט פון די פּעטערבורגער פריינד זיך דערוואוסט וועגען מיין שווערע לאַגע און אָנגעהויבען צו שיקען מיר יעדען חודש אַ בעשטימטע סומע געלט (דוכט מיר — ביז 100 רובעל)

מענדעלע האָט ליעב געהאַט צו דערמאָנען זיך אין זיין נסיעה קיין פּעטערבורג, אין יענע יאָהרען, ווען צווישען דער יודישער אַסימילירטער אינטעליגענץ האָט זיך דערוועקט דער אינטערעס צום פאָלק, און ס'זענען געגרינדעט געוואָרען די רוסישע וואָכענשריפטען „ראַזסוועט", „רוסקי יעווריי" און דער זשורנאַל „וואָסכאָד". לכתחילה האָט מען איהם אויפגענומען, ווי אַן אייגענעם אין דער ליטעראַרישער אַריסטאָקראַטישער משפּחה, ווי ס'האָט זיך דאַן גערעכענט די גרופּע יודען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו דער רוסישער ליטעראַטור. מענדעלע האָט דאַן און אויף אַ צייט שפּעטער שטאַרק געהאַלטען פון דער מיסיע פון דער יודישער ליטעראַטור אויף רוסיש, און ער האָט זיך געפרעהט, ווען מ'האָט זיינע ווערק איבערגעזעצט אויף רוסיש. צו די שרייבער-העברעאיסטען אין פּעטערבורג האָט ער זיך בעצויגען קאַלט. ער האָט מיר, אַגב, דערצעהלט וועגען זיינער אַ בעגעגעניש מיט'ן משורר י. ל. גאָרדאָן. אַבראַמאָוויטש איז געווען עפּעס אָנגעשטויסען אויף גאָרדאָנ'ען, אַלס סעקרעטאַר פון מפיצי השכלה. „איינמאָל — האָט ער דערצעהלט — געה איך מיט מיינע בעקאַנטע אין פּעטערבורג און בעגעגען גאָרדאָנ'ען. מען האָט אונז פאָרגעשטעלט איינער דעם צווייטען. גאָרדאָן האָט זיך געוואָרפען מיך אַרומצונעמען, איך אָבער האָב אויסגעשטרעקט מיינע הענד, ווי אָבשטויסענדיג איהם, און דערנאָך גאַנץ קאַלט דערלאַנגט איהם מיין האַנד. ער האָט זיך פערלוירען און בלייך געוואָרען... דערנאָך האָב איך חרטה געהאַט פון אָט דעם ברוך-הבא, וואָס איך האָב איהם געמאַכט".

מען דאַרף בעמערקען, אַז די שטאַרק סוביעקטיווע, פּניות'דיגע

בעציהונג צו מענשען איז געווען איינע פון אבראַמאָוויטשעס הויפט-חסרונות. ער האָט געקאָנט צו שטאַרק פאַראכטען אַ מענש אויפן סמך פון נישטיגע פערזענליכע מאָטיווען, און אין זיינע שמועסען מיט פריינד האָט ער אָפטמאָל אויסגעגאָסען זיין כעס אויף פיעל מענשען, נאָהענטע און ווייטע. איך האָב איהם אָמאָל געשטראָפט פאַר אָט דער בעציהונג צו מענשען, ביי וועלכע איהם האָט זיך בכלל געוואָרפען אין די אויגען בלויז נעגאַטיווע און נישט פאָזיטיווע שטריכען. דערפון שטאַמט זיין שלעכטע בעציהונג צו די וויכטיגסטע יודישע שרייבער פון זיין צייט.

מענדעלע אָבער איז געווען שטאַרק שטרענג אויך צו זיך און צו זיינע אייגענע ווערק. זיינע זאַכען האָט ער כסדר אָהן אויפהער „געשלייפט", זיי איבערגעמאַכט יעדעס מאָל ווען ער האָט זיי איבערגעדרוקט אָדער איבערגעזעצט פון איין שפראַך אויף דער צווייטער. ער איז קיינמאָל נישט געווען צופרידען מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין די פריי־הערדיגע יאָהרען, און פיעל פון זיינע מעשיות אין דער נייער בעאַרבעטונג האָבען וועניג שייכות געהאַט צום ערשטען וואַריאַנט: דאָס ווייזט, אַז זיין גרויסער פערשטאַנד איז אָהן אויפהער געוואַקסען, ער האָט געקאָנט קריטיקירען זיך אין די אַלע פריהערדיגע מדרגות פון זיין ענטוויקלונג. און אָט דעם כסדרדיגען דורשט צו פערבעסערען זיך — איז דער בעסטער סימן פון אַן אמת'ען שאַפונגס-גייסט.

## III

דאָס 1897-טע יאָדר—דאָס קריטישע יאָהר אין דער געשיכטע פון א נוע געזעלשאַפטליכקייט — האָט אַריינגעבראַכט אַ פרישען שטראָם אין דעם לעבען פון אונזערע אָדעסער קרייזלעך. ס'איז אַוועק די שווערע, אונבעהאָלפענע צייט. ס'האָט גענומען זיך דערהערען און טומלען אַרום אונז אַרום. נייע ציוניסטען, הערצל־





סטען, וואָס האָבען ערשט מקבל געווען די תורה אויפען באַזעלער באַרג-סיני, די אַלטע פאַלעסטינצעס, די קולטור ציוניסטען, — די נאָכפאָלגער פון אחד-העמ'ען, די נאַציאָנאַליסטען, די פולע טייל-ווייזע אַסימיליאַטאָרען פון דער אָרטיגער מפיצי-השכלה-נעסט, — דאָס אַלץ האָט זיך אויפגעפלאָנטערט אין איין קנויל, וואָס האָט זיך געקייקעלט מיט אַ גוואַלדיגען גערויש איבער דער יודישער גאַס אין משך פון עטליכע יאָהר.

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פון מיין אויסלענדישער נסיעה אין הערבסט 1897, האָט אונזער אָדעסער קרייזעל זיך איבערגע-אַנדערשט: מיר האָבען געגרינדעט אַ נייעם קרייז מיטען נאָמען „היסטאָריש-ליטעראַרישע קאָמיסיע" ביי דער אָרטיגער געזעל-שאַפט „מפיצי-השכלה". „מפיצי-השכלה" איז, פאַרשטעהט זיך, ניט געווען קיין שילד פון אונזער אידעאָלאָגיע, נאָר פשוט אַ שוץ געגען די פאָליצעאישע שטערונגען, כדי מיר זאָלען קאָנען פראַנק און פריי זיך צונויפקליבען אין דער לעגאַלער געזעלשאַפט, און ווען עס איז צונויפרופען גרעסערע פערזאַמלונגען צוליב אונזער פאָרטראָגען און לעקציעס. אין בעשטאַנד פון אונזער „קאָמיסיע" זענען אַריין: דער פאָרזיצער פון מפיצי-השכלה מ. מרגולית און זיין טרייער נושא-כלים אין יודישע ענינים ל. סאַקער (נישט לאַנג געשטאָרבען אין פעטערבורג), ש. י. אַבראַמאָוויטש, אחד-העם און איך. מענשען פון פערשידענע ריכטונגען, און צווישען זיי איינער אָהן קיין שום ריכטונג, — מענדעלע — פערשטעהט זיך, — זענען מיר זיך צוזאַמענגעקליבען צו פיהרען דיסקוסיעס וועגען פערשידענע גרונט-פראָבלעמען, און געהאָפט אַזוי-אַרום צו געפינען וואָסער ס'ניט איז אַלגעמיינעם וועג אינ'ם שאַפען אַ באַזע פאַר פעראייניגטער נאַציאָנאַלער אַרבייט. אין משך פון 3—4 יאָהר (ביז 1901) האָבען מיר זיך צונויפגעקליבען אין בעשטימטע אָווענטען איין מאָל אַ וואָך אָדער איין מאָל אין צוויי וואָכען אין דעם קאָמיטעט-לאָקאַל פון מפיצי-השכלה, אין דער רייכער וואוינונג פון איהר פאָרזיצער ג. וויינשטיין אויף נאַדעזשדינסקער גאַס, און דערנאָך אויף דעם גיקאָלאַיעווער בולוואַר. דאָ זענען שוין ביי אונז פאָרגעקומען אמת'דיגע זיצונ-

גען מיט אַ פּאָרזיצער (מרגולית), מיט אַ סעקרעטאַר און פּראָטאָקאָלען-שרייבער (סאַקער), מיט סיסטעמאַטישע ויכּוחים, בכלל מיט אַ באַשטימטער דיסציפּלין, וועלכע האָט פאַרהיט פיל צייט, נאָר האָט שטאַרק געשטערט אונזער „ווילדען" מענדעלע'ן.

עס זענען באַהאַנדעלט געוואָרען דער עיקר טאָג-פּראָבלעמען: דער פּאָליטישער און גייסטיגער ציוניזם, נאַציאָנאַליזם און אויטאָנאָמיזם, די קולטור-אויפלעבונג, דאָס פּראָבלעם פון יהדות. יעדער איינער האָט ענטוויקעלט זיין סיסטעם, באַלויכטען די באַהאַנדעלטע פראַגע פון זיין שטאַנדפּונקט. מרגולית האָט ענטוויקעלט זיין נעבעלדיגע טעאָריע וועגען דער קאָסמאָפּאָליטישער נאַטור פון דער יודישער נאַציאָנאַלער אידעע, וועגען אונזער יודאַיסטישער אָדער עטישער מיסיע, און סאַקער האָט איבערגעלעגט זיינע ווערטער אויף אַ מעהר-קלאָרער שפּראַך פון אייראָפּעאישער פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע; איך האָב באַהאַנדעלט די יסודות פון דעם דאַן נאָך נייעם סיסטעם פון אויטאָנאָמיזם און „נאַציאָנאַלע רעכט", וועלכע איך האָב אין יענע יאָהרען אָנגעהויבען צו באַאַרבייטען אין מיינע „בריעף וועגען אַ יודענטום"; אחד-העם האָט זיך מעהר פאַרנומען מיט דער קריטיק פון אַנדערע אָנשויאונגען איידער צו געבען אייגענע און דורך אַ שטרענגען אַנאַליז האָט ער געצוואונגען דעם געגנער צו קומען נעהענטער צו דער אידעע פון גייסטיגען ציוניזם. נאָר איין מענדעלע האָט אָבגעוואָרפען אַלע מיינונגען, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אויף דער זיצונג, און יעדעס מאָל האָט ער אַרויסגערוקט עפּיס אַ נייע, אויפ'ן אָרט צוגעטראַכטע, טעאָריע. אַט זיצט ער אַזוי, מיט'ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנד, ווי ער וואָלט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די ויכּוחים, נאָר מיר ווייסען, אַז ער הערט זעהר ווייניג דאָס, וואָס עס ווערט אַרום איהם גערעדט; אין זיין קאָפּ ווערט צייטיג עפּעס אַ נייע טעאָריע אָדער אַ שיינער פּאַראַדאָקס. אַט קומט זיין ריי. ער הויבט אָן רעדען נישט צו דער זאַך. ער נעהמט עפּעס איין פּונקט, איין געדאַנק פון דעם, וואָס עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען, אָפטמאָל גאָר אַ זייטי-





גען און באַהאַנדעלט איהם, גראָבט טיעף פאַנאַנדער, דעקט אויף אין איהם אַלע נייע זייטען, פאַרטיעפט איהם, — און ווען ער ענדיגט, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט אונז אַוועקגעפיהרט ווייט-ווייט פון דעם באַהאַנדעלטען ענין. מען באַמערקט עס איהם, נאָר ער פאַרשטעהט נישט דעם פאַרוואורף: ער קען נישט אַנדערש, ער קען נישט געהן אין שפּאַן; ער געהט זיך מיט'ן וועג פון דיכטער, „אַהין וואוהין עס ציהט זיין פרייער פאַרשטאַנד".

זענען געוועזען אויך קוריאָזען: עס עפענט זיך די זיצונג: דער סעקרעטאַר לייענט דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאָריגער זיצונג, וואו עס זענען אויספיהרליך און געוויינליך-פּינקטליך איבערגעגעבען געוואָרען אונזערע ויכּוחים. יעדער איינער באַשטעטיגט דאָס אָנגעשריבענע אָדער טראָגט אַריין קליינע צוגאָבען. אַבראַמאָוויטש אָבער ערקלערט, אַז ער האָט גאָרנישט געזאָגט דאָס, וואָס עס איז פאַרשריבען. דער סעקרעטאַר פּראָטעסטירט, די איבעריגע באַשטעטיגען די פּינקטליכקייט פון פּראָטאָקאָל, און ער, צוגעקוועטשט צום וואַנד, רופט אויס — „איך בין דען מחויב צו געדענקען אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט אויף דער פאָריגער זיצונג?"... און באמת, קאָן מען געדענקען אַ אימפּראָוויזאַציע, ווען אָנשטאָט איהר קומט שוין איצט אַ נייע? — ס'פלעג אָפט דערגעהן ביז שטאַרקע סכסוכים. מיט זיינע פּאַראַדאָקסען האָט מענדעלע פאַרהאַלטען דעם גאַנג פון דער דיסקוסיע, און ער פלעגט דערפאַר בעקומען זיין פּסק פון אונז. דערנאָך האָט ער זיך געקלאָגט פאַר מיר: „וואָס טויג אונז אָט די גאַנצע קאָמיסיע מיט די ויכּוחים און די פּראָטאָקאָלען? אַ סך בעסער איז געוועזען, ווען מיר האָבען זיך שבת-צו-נאַכטס צונויפגעקליבען אין אַ היימישען קרייזעל און זיך געשמועסט וואָס-נאָר אונז האָט זיך געגלוסט". „מען מאַכט אונז אָן אַ בייז לעבען", — האָט ער צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צו מיין פרוי, און געוויזען אויף מיר, ווי אויף דעם אָנטיילנעמער פון דעם פאַרברעך.

די נייטראַלע פּאָזיציע פון אַבראַמאָוויטשען איז בעזונ-

דערס שווער געוואָרען נאָך דעם, ווי די אידעאישע פאַראייניגונגס-ציעל פון דער ליטעראַרישער קאָמיסיע איז נישט דערגרייכט געוואָרען, און אונזערע ויכּוחים זענען אַרויסגעטראָגען געוואָרען פאַר דער עפענטליכקייט, פאַר די שטאַרק-בעזוכטע אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון „מפיצי-השׂכּלה", וואו אָנגעהויבען פון 1900, איז ליידענשאַפטליך דעבאַטירט געוואָרען די פראַגע וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג. דאָ, אויף דעם קאָנקרעטען באָדען פון דער שול-רעפאָרם, האָבען זיך בעגעגענט און צוזאַמענגעשטויסען די נאַציאָנאַליסטען מיט די האַלב-אַסימילאַטאָרען פון קאָמיטעט „מפיצי-השׂכּלה". די ערשטע האָבען געפאָדערט צו פערשטאַרקען די יודישע לימודים אינ'ם פראָגראַם פון די פאָלקס-שולען, און די קאָמיטעט-לייט זענען געשטאַנען אויף דעם אוטיליטאַרישען שטאַנדפונקט און דערמיט האָבען זיי אונטערגעהאַלטען די רוסיפיקאַטאָרישע טענדענץ פון דער רעגירונג אין דער יודישער שול. אין שטאָדט האָט זיך אָרגאַניזירט (אומלעגאַל, פערשטעהט זיך) אַ „נאַציאָנאַליזאַציע-קאָמיטעט", כּדי צו קעמפען מיט דער אַסימילאַציע אין די יודישע אינסטיטוציעס. אינ'ם קאָמיטעט זענען אַריין אויסער מיר און אחד-העמען, אויך אַנדערע געזעלשאַפטליכע טהוער (דיזענהאָף, לעווינסקי, ביאַליק, ראַווניצקי, ש. פען, ד"ר לאַנדעסמאַן און אַנ.); די „מפיצי-השׂכּלה'ניקעס" („פּראָסוועטשענצי") האָבען זיך אָרגאַניזירט אונטער דער פיהרונג פון מרגולית, און אונזער מענדעלע איז פערבליבען אַליין, נישט מיט די, נישט מיט יענע. צו אונזער נאַציאָנאַלער אָפּאָזיציע האָט ער נישט געקאָנט צושטעהן טיילווייז דערפאַר, וואָס זיין אָפיציעלער אַמט, אַלס פערוואַלטער פון תּלמוד-תּורה, איז געשטאַנען אונטער פּאָליציי-אישער אויפזיכט פון דעם בילדונגס-קרייז „נאַטשאַלסטוואָ", וואָס איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצען, — און מענדעלע האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר „נאַטשאַלסטוואָ", און צושטעהן צו דער פּאַרטיי פון מרגולית און אָדעסער „גבירים" האָט ער נישט געוואָלט. זיין נייטראַליטעט האָט איהם פערמשפּט אויף אידעאישער איינזאַמקייט.





אין אָט די טעג האָט ער אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ אויף אַלעמען. איך געדענק אַזאַ שווערע סצענע: ער איז געזעסען אין אַ העלען פרילינגס-טאָג ביי מיר אין קאַבינעט, אין דעם סטורדזאָווער געסעל, וואָס הינטער דער שטאָדט; מיר טרינקען קאַווע און שמועסען וועגען דעם לעצטען צוזאַמענשטויס פון די פּאַרטייען אויף עפּעס אַ פערזאַמלונג. איך שטעל איהם אַ פראַגע, בלי-ספק נישט צום ערשטען מאָל: פאַרוואָס שטעהט ער נישט צו צו די קעמפער געגען דער סכּנה פון אַסימילאַציע צווישען דעם יונגען דור? מעגליך, איך האָב דערביי געברויכט עפּעס אַ שאַרפען אויסדרוק, מענדעלע איז ברוגז געוואָרען. אַן אויפגערעגטער, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, דאָס גלעזעל קאַווע האָט געציטערט ביי איהם אין האַנד, און ער האָט אויסגערופען: „הייסט עס, איך בין אַ שלעכטער יוד, וואָס איך געהער נישט צו די נאַציאָנאַליסטען! ניין, איהר אַלע זענט יודען מיט צוגעקלעפּטע צעטעלעך: נאַציאָנאַליסטען, ציוניסטען, פּאַלעסטינער, און איך בין גלאַט אַ יוד, נאָר פון אַזעלכע גלאַט-יודען בעשטעהט אונזער גאַנץ פאָלק". וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערען דעם בעליידיגטען פריינד? געוויס, מענדעלע איז אָרגאַניש אַ בעסערער. אַ מעהר-אמתער יוד, ווי מיר אַלע; אָבער אין נאַציאָנאַל-פּאָליטישען קאַמף פון דער אינטעליגענץ איז ער לויט זיין נאַטור פערמשפּט צו שטעהן אָן דער זייט: ער דינט דער נאַציע מיט זיין ליטעראַרישען שאַפען, און דאָס איז אויך גענוג.

מען דאַרף בעמערקען, אַז די פראַגע וועגען דער שפּראַך אין דער שול — דאַן נאָך נישט פערשאַרפט אין אַזאַ מאָס, ווי נאָך 1905 — האָט וועניג אינטערעסירט מענדעלען. ער האָט וועניג געהאַלטען פון די נייע דאַן חדרים-מתוקנים, וואו ס'האָבען זיך אויפגעהאָדעוועט קליינע העבּרעאיסטען, און ער האָט חוזק געמאַכט פון די פּרובען צו מאַכען פון העבּרעאיש אַן אומגאַנג-שפּראַך. אויך יודיש איז נישט געווען אין זיינע אויגען קיין וויכטיגער ערציהונגס-פאַקטאָר אין שול. דער פּרינציפּ פון אונטעריכט אויף דער מוטער-שפּראַך איז נאָך דאַן

געוועזן אַ „הלכתא דמשיחא״, אַ ווייטער טרוים, ווייל ביים צאַרישען רעזשים, נאָך פאַר דער קאָנסטיטוציע, האָט וועגן יודיש אַלס אונטעריכטס-שפּראַך נאָך נישט געקאָנט זיין קיין רייד. ווען אַבראַמאָוויטשען וואָלט בעשערט געוועזן צו דערלעבען ביז דער פולער אויטאָנאָמיע פון דער יודישער שול, וואָלט ער געוויס געהאַלטען פאַר יודיש אַלס אונטעריכטס-שפּראַך אין דער אָנפאַנג-שול, נאָר ביי דער געהעריגער גאַראַנטיע סיי פון גרינדליכען לערנען פון דער מלוכה-שפּראַך, וואָס דעם האָט ער צוגעגעבען אַ גרויסע בעדייטונג. וואָס שייך דעם שול-פּראָגראַם, וואָלט ער פערלאַנגט צו לערנען העברעאיש, תנ״ך און די אמונה-יסודית פון יודענטום, מיט דער גאַראַנטיע גוט צוועקצושטעלען דאָס לערנען פון די אַלגעמיינע געגענשטאַנדען.

דער תנ״ך איז פאַר איהם געוועזן אַ הייליגטום. ער האָט דערלאָזט איינציגע מעסיגע השערות פון דער ביבעל-קריטיק, און אליין האָט ער אָפּטמאָל זיך געטיילט מיט מיר מיט זיינע אָריגינעלע פערטייטשונגען פון איינציגע תנ״ך-טעקסטען, גאַנץ נאָהענט צו די אָנשויאונגען פון די ביבעל-קריטיקער. נאָר דערלאָזענדיג אַזאַ מין קריטיק, אַלס אַ מקור פאַר שאַרפזיניגע שפּיצלעך, וואָס מ׳קאָן וועגען זיי פיהרען אַ פּריוואַטען געשפרעך, האָט ער אין שרעק זיך צוריקגעוואָרפען פאַר איהרע דרייסטע אויספיהרען, וואָס מ׳האָט געמאַכט עפענטליך. בעזונדערס האָט איהם אויפגעבראַכט דער אויספיהר וועגען דעם לעגענדאַרישען עלעמענט פון משה׳ס פערזענליכקייט. ס׳איז געוועזן אַזאַ מעשה: פריהלינג 1903 האָט אחד-העם געהאַלטען אַ רעפעראַט אין יודישען קלוב „בעסיעדאַ״ וועגען משה. אחד-העם האָט קלאָר ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אַז אונז איז גאָר נישט וויכטיג צו וויסען, צי ס׳האָט באמת עקזיסטירט משה, צי נישט; דער רעאַלער משה איז אייגענטליך דער, וואָס לעבט אין דער פאָלקס-לעגענדע, אין די מוחות פון הונדערטער דורות, ווי אַ ווירקענדע היסטאָרישע קראַפט; יענער אָבער משה, וואָס ווערט געשאַפען אין די לאַבאָראַטאָריעס פון





קריטיקער-וויסענשאַפטלער, איז אַ רעאַליטעט בלויז פאַר אַ קליינע גרופּע אַרכעאָלאָגען, פאָרשער, און איז נישט קיין רעאַלער, פאָלקס-העלד, אַ בעוועגענדע קראַפט פון דער נאַציע. נאָכ׳ן רעפעראַט, בעת דער הפסקה, בין איך צוגעגאַנגען צו מענדעלען, איך האָב איהם געטראָפען זיצען אַ פערטראַכטען, ערגעץ אין אַ ווינקעל אינ׳ם גרויסען זאַל, וואו דער עולם האָט טומעלדיג אַרומגעשפּאַצירט. איך האָב איהם אַ פרעג געטהון, וואָס זאָגט ער אויפ׳ן רעפעראַט. ער האָט אויף מיר ביין אַ קוק געטהון און געזאָגט: „אין דער תורה שטעהט געשריבען, „ולא ידע איש את קבורתו״, קיינער ווייסט נישט וואו משה איז בעגראָבען, איך אָבער האָב איצט געפונען משה׳ס קבר: משה איז ערשט בעגראָבען געוואָרען אין קלוב „בעסיעדאַ״ דורך אחד-העמען״. נאָר דאָס בעליידיגטע רעליגיעזע געפיהל האָט געקאָנט דיקטירען איהם אַזעלכע הַרבּע ווערטער. איך האָב זיך בעמיהט צו דערווייזען, אַז ער האָט נישט אַריינגעדרונגען אין תוך פון רעפעראַט, אַז דער רעפערענט האָט, אדרבא, פּראָקלאַמירט דעם טראַדיציאָנעלען משה פאַר אַ רעאַלען, לעבעדיגען געשטאַלט, וואָס איז געשאַפען דורך דעם פאָלקס-גייסט, און אָט דאָס איז יעדענפאַלס אַ וויכטיגער צוגאָב צו די עקסטרעמע אויספיהרען פון דער ביבעל-קריטיק. מענדעלע אָבער האָט נישט געוואָלט הערען: ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזען אפילו קיין ספק אין דער רעאַליטעט פון דעם ביבלישען משה ווי אַ פערזאָן, וואָס האָט געלעבט אין דער ווירקליכקייט, און נישט נאָר אין דער פאָלקס-פאָרשטעלונג, אין אַזעלכע מיני אויפקלערונגען האָט ער געזעהען, ווי ס׳גראַבט זיך אונטער אונטער זיין הייליגטהום.

און דאָך, נישט געקוקט אויף די אַלע חילוקי-דעות, זענען מיר געוועזן שטאַרק צוגעבונדען איינער צום אַנדערען. אין דעם לעצטען יאָהר, פאַר מיין אָבפאָהרען פון אָדעס קיין פּעטערבורג, האָבען מיר זיך געוועהנליך געטראָפען נישט אין די קרייזלעך אָבער אויף זיצונגען, נאָר ביים שרייב-טיש אין אונזערע קאַבינעטען. ס׳האָט זיך געטראָפען, כ׳האָב שוין לאַנג

נישט געזעהען דעם אַלטען, און מיר ווילט זיך איהם זעהן, נאָר ס'איז אַלץ קיין צייט נישטאָ: ווייל געהסטו נאָר אַריין צו איהם — וועט ער פריהער פאַר אַ דריי-פיער שעה דיך נישט אָבלאָזען, און דאָך ביי דער ערשטער מעגליכקייט לאָז איך זיך פון מיין ווינקעל ביים ים, אַרום די שטילע ווילעס, אויף אויספענסקי, אַהין, וואו די גאַס, וואָס פיהרט צו דער טיאָרנע, שפאַרט זיך אָן אָן דער געדיכטעניש פון די יודישע קוואַרטאַלען. אָט איז דאָס דריי-שטאָקיגע הויז אין דער תלמוד-תורה, וואָס קיניגט איבער די נידעריגע שכנישע הייזער. איך געה אַריין אין דעם פוסטען הויף, איך הויב זיך אויף אויף דעם העכערען שטאָק, איך געה אַדורך פאַרביי די גרויסע, ברוימע צימערען און טרעף מענדעלען ערגיץ-וואו אין אַ ווינקעל, אָפטמאָל ביים טישעל אין שלאָף-צימער, וואָס איז אָבגעטהיילט מיט אַ פאָרהאַנג פונ'ם קאַבינעט: ער קנייטשט זיין הויכען שטערען און שרייבט... „אַך, גוט! — בעגריסט ער מיך. — אָט וועלען מיר זיך זעצען ביי דער הרובע, ווי גוטע ישיבה-בחורים, און מיר וועלען רעדען...״ און ס'געהט אוועק אַ לאַנגער געשפרעך וועגען אַלץ, דער המשך פון אונזער צוועלף-יאָהריגען געשפרעך, ווי עס וואָלט נאָרנישט איבערגעריסען געוואָרען. ס'איז נישט אָבגעגאַנגען, ווי דער שטייגער איז, אָהן דעם לייענען אַ פראַגמענט פון אַ נייער מעשה. אין יענער צייט האָט מענדעלע געשריבען זיין אויטאָביאָגראַפישע ערצעהלונג: „שלמה ר' חיימ'ס״, — איינע פון זיינע בעסטע ווערק. ביז איצט פיהל איך נאָך דעם אַראָמאַט, דעם צויבער פון יענע פאָרלעזונגען: די אומפערגעסענע בילדער פון אַ יודישער דאָרפישער פאַמיליע, פון אַ שטעדטעל אין די האַרבסטיגע ימים-נוראים, די קיך אין דער נאַכט פון דאָנערשטאָג אויף פרייטאָג, די חדר-יונגלעך, וואָס זענען נאָך נישט אַריבערגעטראָטען די גרענעץ פון זייער היימיש שטעדטעל, נאָר זענען שוין אויסגעוועזן מיט זייער רבין אין ארם-נהרים, מצרים און כנען און ווייסען, וואָס ס'האָט זיך געטהון מיט דריי-טויזענד יאהר צוריק... איך האָב זיך צוגעהערט צו דער אייבי-





גער מעלאָדיע פונ'ם שטעדטעל וואָס האָט אָבגעקלונגען אין אונזער ליטעראַטור, אָנגעהויבען פון „זיידען״ ביז דעם „אייביקעל״ שלום אש, צו אָט דער וואונדערליכער מוזיק, וואָס האָט בעצויבערט און געמונטערט און בעלויכטען די הערצער פון צרות און געוואָרען די לעבעדיגע לעגענדע פון יאָהרהונדערטער... עס ענדיגט זיך אונזער געשפרעך. איך געזעגען זיך און געה אַרויס אין פאָדער-צימער. מענדעלע בעגלייט מיך און זעצט ווייטער פאָר דעם שמועס, האַלטענדיג מיך „פאַר'ן קנעפעל״ (דאָס איז שוין געווען אַ טעכנישער טערמין פאַר די סוף-געשפרעכען). זומער-צייט פלעגט ער אַרויס מיט מיר, מיך בעגלייטען האַלב-וועג, נישט איבעררייסענדיג דעם שמועס, דערנאָך האָב איך איהם אַביסעל אָבגעפיהרט, און אַזוי האָבען מיר אָפטמאָל געבלאָנקעט ביז האַלב-נאַכט.

שווער איז געווען אונזער צושיידונג זומער 1903, צוויי חדשים נאָכ'ן קעשענעווער פאָגראָם, ווען איך האָב מיך פון דעם וואַרעמען אָדעס איבערגעקליבען אין ווייטען, כמורנעם, קאַלטען, אָבער היימישען „צפון״. אַ טיעפער אומעט האָט געקלונגען אין די רייד פונ'ם אַלטען פריינד, אויף דעם געזעגענונגס-באַנקעט, וואָס די פריינד האָבען מיר פאַר מיין אָבפאָהרען איינגעאָרדענט אין סימאָן-זאַל. מענדעלע האָט דערמאָנט אָן די שבת-צו-נאַכטסען אין אונזער קליין קרייזעל, וועגען דעם געמיטליכען ליטעראַרישען ווינקעל, וואָס מיר האָבען געשאַפען אין אָדעס... איך האָב געפיהלט, אַז איך שטיי אויף דער גרענעץ פון אַן אַוועקגעהענדיגער תקופה אין מיין לעבען, אין וועלכער מענדעלע האָט געשפיעלט אַ גאַנץ-וויכטיגע ראָלע.

נאָך צוויי מאָל האָב איך זיך געזעהן מיט אַבראַמאָוויטשען: אין סוף פון 1909 און 1913, ווען איך האָב פערבראַכט אַ פאָר וואָכען אין אָדעס. ביי דער ערשטער בעגעגעניש האָט זיך דער „זיידע״ אינגאַנצען געפונען אונטער דעם איינדרוק פון זיין זומערדיגער טריאומף-נסיעה איבער די שטעדט פון ליטע און פוילען, וואו מ'האָט איהם אַזוי

רוישיג אויפגענומען. דעם לעצטען מאָל האָבען מיר בעגייט אונזערע אַלטע געשפּרעכען, אין די דעצעמבער-טעג פון 1913 אויף אַ צייט האָט ווי אויפגעלעבט דאָס אַמאָליגע. עס איז געווען אַ טומעלדיגער ליטעראַריש-מוזיקאַלישער חנוכה-אָווענד, עס זענען זיך צונויפגעקומען פיעל אַלטע פריינד. און ווידער אַמאָל האָבען מיר זיך צונויפגעקליבען דעם 20 דעצעמבער אין אָווענד אין דער וואוינונג פונ׳ם זיידען — דעם „אימעניניק״ וואָס האָט אויסגעזעהן נאָך גאַנץ מונטער, נישט געקוקט אויף זיינע 80 יאָהר. נאָך איין באַנקעט לכבוד דעם גאַסט איז פאָרגעקומען אין סימאָנס זאַל, וואו ס׳איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע ליטעראַרישע משפחה פונ׳ם אַלטען און נייעם אָדעס. איך בין געזעסען צווישען אַבראַמאָוויטשען און פרוגען, און אויף אונז האָט ווי געשוועבט דער שאָטען פון דער וואונדערליכער לוסטדאָרפער זומער-נאַכט אין 1891...

אָנהויב יאַנואַר 1914 האָבען מיר זיך געזעגענט אויף שטענדיג און אויף אייביג. אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָט זיך אָנגעהויבען דעם אַלוועלטליכער מבול, — דער וועלט-קריג. דער ערשטער איז אַוועק פון דער וועלט מיין יוגענד-חבר פרוג, און צום סוף מענדעלע, מיט וועלכען ס׳איז פערבונדען געווען דער אָדעסער פעריאָד פון מיין לעבען.

מיט יעדען פריינד, וואָס געהט אַוועק אין דער אייביגקייט, געהט אויך אַוועק אַ טייל פון אונזער אייגענעם לעבען. אויף אָט די חורבונות פון לעבען שטעלען מיר איבער׳ן וועג דענקמעלער אין פאָרם פון זכרונות. אָט אַזאַ מין דענקמאָל שטעל איך אויך איצט דאָ צו די שלושים פון מיין אומפערגעסליכען פריינד.

דעצעמבער 1917<br>
צו די שלושים נאָך<br>
מענדעלעס טוידט.



**יעקב דינעזאָן.**

# שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים האָב איך אַ צייט נאָכאַנאַנד אַלץ געמיינט — זענען זיך צוויי גאָר בעזונדערע יודען, וואָס האָבען איינער צום אַנדערען קיין שום שייכות נישט, און קענען זיך איינאַנדער אפשר גאָרנישט.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, מוז זיין אַ יוד אין מיטעלע יאָהרען, אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער קענער, שרייבט לשון-הקודש, אפילו נישט מיט ריין ישעיה-לשון, ווי מאַפּו אָדער קלמן שולמאַן, אָבער וואָס ער שרייבט, לייענט זיך גרינג און בע׳טעמ׳ט. איז אַמאָל וויציג און בייסיג און רעדט מיט העזה אָפט געגען בעריהמטע שרייבער עלטערע פאַר איהם, אָבער אַלע מאָל קלוג און גערעכט. ווייסען ווייסט ער אַ סך, און וואָס ער ווייסט, שרייבט ער.

פאַר איהם האָב איך רעספּעקט געהאַט. פאַר בעקאַנט צו ווערען מיט איהם דורך אַ בריוועלע אַמאָל, האָט זיך מיר געדאַכט, איז ער צו שטאָלץ. אַנדערש האָב איך מיר פאָרגע-

שטעלט ר׳ מענדעלע׳ן. ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים, האָב איך
מיר אויסגעמאָלט, איז שוין געווים אַנ׳עלטערער יוד, אַ זעכ-
ציגער, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אַ הויכער, אַ דאַרער,
מיט טיפע קנייטשען אויף זיין שטערן, מיט אַ פּאָר קלוגע
און גוטע אויגען, וועלכע קוקען תּמיד מיט ליבשאַפט און
רחמנות אויף איטליכען. צייטענווייז זענען די דאָזיגע קלוגע
און גוטע אויגען פערבענקט און פער׳חלומ׳ט און קוקען אַרויס
ווייט־ווייט אַהין, פון וואַנען ער מיינט אָדער האָפט, אַז ס׳דאַרף
איהם אָנקומען אַ גרוס ערגיץ פון וועמען עס איז איהם אין
האַרצען ליעב און טייער, אָדער אַ בשורה טובה אויף ישועות
און נחמות אויף כלל־ישראל. ר׳ מענדעלע׳ן האָב איך קיינמאָל
נישט בעגעגענט זיך אַמפּערענדיג, אַריבערשפּאַרענדיג עמיצען,
נאָר שטיל און רוהיג רעדט ער, און שטענדיג מיט אַ חנוודי־
גען זיסען שמייכעל אויף די ליפּען. ער האָט זיך אין דער
וועלט און ביי יודען אַ סך אַ סך אָנגעזען און אָנגעהערט, —
דערצעהלט ער, מערסטענטייל מיט אַ זיפץ און אַהנמוטיגען טאָן,
אַנ׳אַנדערש מאָל, אויך מיט אַ לצנות׳דיגען און כלומר׳שט־לוס־
טיגען טאָן.

ר׳ מענדעלע אַליין, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אפילו
גאָר קיין שרייבער נישט, דאָס, וואָס איך האָב געלייענט פון
זיינע מעשה׳לעך, האָט ער נאָר דערצעהלט, אויפגעשריבען האָט
עמיץ אַנ׳אַנדערער.

איהם האָב איך ליעב געהאַט מיט מיין גאַנצער נשמה.
מיט איהם זיך אַמאָל צו בעגעגענען און צו קאָנען איהם אַרויס־
זאָגען, ווי ליעב איך האָב איהם, נישט נאָר פאַר דעם, וואָס
ער דערצעהלט, נור אויך פאַר דעם, וואָס ער איז ר׳ מענדעלע
מוכר־ספרים, — איז געווען איינס פון די הייסעסטע וואונשען,
וואָס איך האָב דעמאָלט מיר פערגינט צו ווינשען זיך.

איך געדענק, ווי איינמאָל איז אַריינגעקומען אין בית־
המדרש, וואו איך האָב געדאַווענט, אַ יוד אַ מוכר־ספרים, און
האָט זיין בינטעל סחורה אויפן לאַנגען אָנגע׳חלב׳טען בית־
המדרש־טיש צעלעגט. אַ הויכער בייניגער יוד איז דאָס געווען,





מיט אַזאַ גרוי בערדעל, מיט אַזאַ אַ ביסעל-געבויגענעם רוקען,
און כמעט אויך מיט דער אייגענער פיזיאָנאָמיע, ווי מיין פאַנ-
טאַזיע האָט איהם נאָר געקאָנט אויסמאָהלען. פון ווייטען, פון
וואַנען איך האָב מיך צוגעקוקט אויף איהם, האָב איך שוין
געמיינט: אָט איז ער! אָט איז דער קלוגער, ליעבער און טייע־
רער ר׳ מענדעלע. איך בין שוין גרייט געווען צוצולויפען צו
איהם מיטן גרייטען שלום־עליכם: „ר׳ מענדעלע! וואָס מאַכט
איהר? פון וואַנען קומט איהר? וואו שטעהט איהר איין, מען
זאָל קאָנען פערברענגען מיט אייך עטליכע שעה און אויסהע-
רען עפּעס אַ נייע מעשהלע, וואָס איז נאָך נישט אָבגעדרוקט?
און טאָמער ווילט איהר, וועל איך טאַקי דאָס מעשהלע באַלד
פון אייער מויל אַרויס אויפשרייבען". נאָר אַזוי ווי איך בין
גאָשטאַנען נעבען ביים פענסטער צום בית־המדרש הויף אַרויס,
הוט זיך מיר געוואָלט אין איין גאַנג טאַקי שוין אַ קוק טהון
דרכן פענסטער אויף זיין ביידעל, ר׳ מענדעלעס, אויף זיין
פערדעל, דעם גרויסען סבלן און גרויסען עניו, וואָס כאָטש ער
האָרעוועט נעבעך אַזוי פיל און ווערט גענוג פערשוואַרצט און
אויסגעריסען, אַרומשלעפּענדיג דאָס שווער־אָנגעפּאַקטע ביידעל
מיט יודישע ספרים און יודישע צרות, מעגען איהם פונדעסטווע־
גען אַנדערע, לייטישע פערד אפילו, מקנא זיין, וואָס ער האָט
אַזאַ קלוגען בעל־הבית, וועלכער פערשטעהט איהם אויפן ווינק,
און פיהלט־מיט זיין צער, און געפינט תמיד אַ ליבליך, טריי
וואָרט איהם צו טרייסטען אין זיין שווערען מזל...

נאָר ווי זיין שטייגער איז, זענען די בית-המדרש-פענ-
סטער שוין אַ צייט מיט יאָהרען נישט געוואַשען געווען, און
דורך דעם שטויב און דעם רויך, וואָס האָט זיך פאַר דער
צייט אָנגעקליבען, איז אונמעגליך געווען אַרויסצוזעהן, וואָס
הינטער זיי טהוט זיך... און איך האָב נישט געקאָנט זעהן,
צי זענען דאָ פערהאַן דאָס ביידעל מיטן פערדעל, צי נישט.

מילא, האָב איך אַ קלער געטהון. לאָם איך מיך אָקאָרשט
פריהער בעקענען מיט ר׳ מענדעלען אַליין, וועל איך שוין
מסתמא באַלד בעקאַנטשאַפט שליסען אויך מיט ר׳ מענדעלעס

ביידעל, און דער עיקר — מיט ר׳ מענדעלע׳ס פערדעל, מיט וועלכען איך וועל שפעטער זיך אויפרעדען אויף ר׳ מענדעלע׳ס לשון מיט איהם — און אָט נעם איך און שטרעק שוין מיין רעכטע האַנט, אים, — ר׳ מענדעלען, נישט דעם פערדעל, — מיין פריינדליכען שלום־עליכם צו דערלאַנגען, צעבייזערט זיך גראָד אין דער רגע דער בית־המדרש־שמש מיט אַ טענה, פאַרוואָס האָט ער זיך מיט זיין בינטעל ספרים אַזוי ברייט צולעגט איבערן גאַנצען טיש און ביי איהם גאָרנישט געפרעגט. ווערט דער פאַקענטרעגער אָנגעצונדען פון כעס אויף דעם שמש, רעדט ער אַרויס בעגען איהם אַ פאָר זלזולים. דאַכט זיך, גאַנץ געוועהנליכע זלזולים, וואָס מען הערט אַלע טאָג אַפילו אין אַ מקום־קדוש, פון יודען אָנגעטהוענע אין טלית־און־תפילין אויך אין רעכטען מיטען דאַוונען. נאָר אויף מיר האָבען זיי בעת־מעשה נישט קיין גוטען רושם געמאַכט, און פון דאָרט אינעווייניג אין דער נשמה מיינער האָט צו מיר ווי אַ קול אַרויסגעשריען: „ניין, דאָס איז נישט ער! דאָס איז נישט ר׳ מענדעלע, נישט זיין קול, נישט זיינע ווערטער, נישט אַפילו דער שאָטען זיינער!" און נאָך אַמאָל אַ קוק טהון אויף יענעם מוכר־ספרים האָב איך שוין נישט געוואָלט. איך האָב מיך פאַר זיך אַליין פערשעמט, פאַר אַזאַ מיאוסען טעות, צו דערזעהן אַ רגע מיין ליעבען קלוגען ר׳ מענדעלע אין אַזאַ פשוטען יודען, וואָס האָט אַזאַ קול מיט אַזאַ מין דבור.

עס פערשטעהט זיך, אַז מיינען אַזוי: אַז שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז נישט מענדעלע מוכר ספרים, און מענדעלע מוכר ספרים איז נישט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָב איך נור געקאָנט אין יענע יאָהרען, ווען דער אייגענער ר׳ מענדעלע איז נאָך קיינעם קיין זיידע נישט געווען*), און ווען זיינע

*) זיינע אַלע פריהערדיגע העברעישע ווערק—„משפט שלום" (1860), „תולדות הטבע" (ערשטער טייל—1862, צווייטער טייל—1867, דריטער—1872) „למדו היטב" (1862) און „האבות והבנים" (1868) זענען ערשינען מיטן נאָמען שלום יעקב אַב־





געצעהלטע ׳עזער, וואָס האָבען איהם שוין אויך דעמאָלט דערפיהלט, כאָטש נאָך נישט גערעכענט און זיך רעכנען פאַר אַזעלכע נאָך אפשר גאָרנישט געוואָלט.

עס זענען איבערהויפט דעמאָלט יאָהרען געווען, וואָס מיט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט מען זיך מיחס געווען, און מיט מענדעלע מוכר־ספרים האָבען זיך נאָך די מיוחסים פון דער אַלטער גאָלדענער פאָהן צוגעשעמט ווי מיט עפּעס אַ נחית־דרגא אין דער משפחה. איך בין נאָך דעמאָלט אַ יונג יונגעל געווען, אַ שטיקעל משכיל אַן אָנפאַנגער, וואָס האָט זיך שוין אפילו געריבען אַרום די מיוחסים פון דער אַלטער גאָלדענער פאָהן, אָבער וואָס האָט בשום אופן ר׳ מענדעלע׳ן נישט געוואָלט בעטראַכטען פאַר עפּעס אַ נחית־דרגא חלילה אין מיין יחוס. אדרבא, ווען ר׳ מענדעלע זאָל נאָר אַמאָל אַ קום טהון צו אונז און איך זאָל זיין דער גבאי אין מיין בית־המדרש, וואָלט איך איהם דעם ערשטען מכבד געווען מיט „שלישי". אָדער מיט „ששי", ווי דעם גרעסטען מיוחס, גאָרנישט קוקענדיג, וואָס ער איז אַ יוד נישט קיין נגיד, פאָהרט מיט זיין אייגען ביידעל אויף אַלע ירידים, יודען צו באַזאָרגען מיט קינות און תחינות, אַ לאַנג אָבגעפרעגטע פערשימעלטע סחורה ביי די דעמאָלטיגע מיוחסים, און איז נאָך זאָפט אַליין אי אַ שטיקל בעל־עגלה, אי אַ שטיקל שמייסער פאַר זיין אייגענעם פערדעל.

ראַמאָוויטש. ערשט דאָס יודישע ווערק „דאָס קליינע מענשעלע" (פערעפענטליכט געוואָרען אין „קול־מבשר" און דערנאָך בעזונדער אַרויסגעגעבען אין יאָר 1864) איז אַרויס מיטן נאָמען מענדעלע מוכר־ספרים. דער טיטעל איז געווען: „דאָס קליינע מענשעלע אָדער אַ לעבענס־בעשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף, געדרוקט בהשתדלות מענדעלע מוכר ספרים". פון דאַן אָן איז מענדעלע מו"ס פערבליבען ש. י. אַבראַמאָוויטשס צווייטער נאָמען אויף שטענדיג. אגב, האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש אויף זיין ערשטען יודישען ווערק זיך אָנגערופען „ס ע נ ד ע ר ל מוכר ספרים". נאָר אַלכסנדר צעדערבוים האָט איבערגעמאַכט דעם נאָמען אויף „מ ע נ ד ע ל ע מוכר ספרים".
רעד.

אַזוי האָב איך אַ צייט אַלץ געמיינט און זיך געטראַכט, און האָב גאָר אַנדערש מיינען און טראַכטען נישט געוואָלט. האָט מען מיר אַמאָל שפּעטער אַ זאָג געטהון, אַז עס איז פעראַן אַ יש-אומרים, אַז ר׳ מענדעלע מוכר ספרים איז דער בעריהמטער שרייבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, הוא, הוא בכבודו ובעצמו, הוא ולא אחר. האָב איך עס געהאַלטען פאַר גלאט אַזוי אַ בויך־סברא, ווי אַ שטייגער: דער פּייטן ר׳ אלעזר הקליר איז דער אייגענער ר׳ אלעזר בן ערך פון דער גמרא, וואָס די דעמאָלטיגע לשון־הקודש־שרייבער האָבען עס פון אַזעלכע בויך־סברות געמאַכט זיך אַרויסצודרינגען און אויפצווייזען.

דערוואוסט זיך אַקוראַט, אַז ביידע, — סיי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, סיי ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים — זענען באמת איין און דער זעלבער יוד, און, אַז דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכטער שם אויף דעם ערשטען, ווי נישט אַ צו גרויסער יחוס פאַרן צווייטען, האָב איך ערשט אין מאָסקווע אין דעם זעלבען טאָג און אין דער זעלבער שעה, ווען איך האָב שוין אַליין זוכה געווען מיט מיינע אייגענע אויגען צו דערזעהן מיין ערשט ווערק, אין דער געשטאַלט פון אַ גאַנצען ספר, היפּש דיקלעך אפילו, כאָטש אויף אַ טונקעל ביבולע־פּאַפּיר, אָבער פאָרט מיט געדרוקטע אותיות, שוואַרץ אויף ווייס, בדפוס האלמנה והאחים ראָם בווילנא.

איך האָב שוין צו יענער צייט געדיענט אין מאָסקווע אין אַ קאַנטאָר פון אַ בעוואוסטער טעה־פירמע, צו יענער צייט, ביי מיינעם עפּיס אַ קרוב. אַז איך האָב עפּיס אַ שייכות צו השכלה און שרייבעריי האָט דאָרט אַ ילוד־אשה וועגען מיר נישט געוואוסט, און איך האָב טאַקי אַליין אַלץ געטהון, אַז מען זאָל עס נישט וויסען. די סיבה דערפון, איז דאָ נישט דער פּלאַץ צו דערצעהלען. אפשר וועל איך נאָך אַמאָל דאָס דערצעהלען ביי אַן׳אַנדער געלעגענהייט. — נאָר כאָטש קיינער פון מיינע מקורבים און בעקאַנטע אין מאָסקווע האָבען וועגען דעם נישט געוואוסט, האָב איך אַליין נישט געקאָנט נישט ווי־סען, אַז דאָרט אין ווילנע, טאַקע איז דער בעריהמטער דרו־





קעריי פון האלמנה והאחים ראָם, וואַלגערען זיך אַ פּאָר פון מיינע „כתב־ידן" און אפשר דרוקט זיך שוין איינער פון זיי און וועט איינגיכען אויף דער ווייסער וועלט אַרויס. און וואָס מעהר איך האָב געטראַכט דערפון, אַלץ מעהר האָט זיך מיר געוואָלט, אַז קיינער פון מיינע נאָהענטע זאָלען דערפון נישט געוואָהר ווערען. ביז איינמאָל, אין עפּיס אַ חנוכה־אָוועגד, בין איך אַריינגעקומען צו מיינעם אַ בעקאַנטען פון אַ פיינער פאַמיליע. נאָר אָנשטאָט צו געפינען דעם עולם אַרום טיש ביי די חנוכה-לאַטקעס, צו וואָס מען האָט מיך איינגעלאַדען, אָדער אָנשטאָט צו טרעפען די עלטערע ביי די גרינע טישלעך מיט קריידלעך אין די הענד, ווי דער שטייגער איז ביי אַ פיינער מאָסקווער פאַמיליע אַפילו נישט אום חנוכה, און די יוגענד, סטודענטען און קורסיסטקעס, ביי אַ געשפּרעך, אָדער אַלערליי מיינונגען אַרויסזאָגען וועגען טאָלסטאָיס נייעם ראָמאַן: „אַננאַ קאַרענינאַ", וועלכער האָט זיך אין יענעם יאָהר געדרוקט אין פאָרטזעצונגען, דאַכט זיך אין זשורנאַל „רוסקי־וויעסטניק", — האָב איך איצט דעם עולם, יונג און אַלט, געזעהן זיצען ביים טיש אין גרויסען עס־צימער, און עפּיס איינער אַ גאַסט לייענט פאַר אַ ספּור־המעשה פון אַ יידישען ספר אויף פּראָסט עברי־טייטש און אַזוי אַריינגעטהון זענען אַלע צוהערער, אַז זיי האָבען מיך כמעט נישט בעמערקט אין אָנהויב. און אַז מען האָט מיך שוין יאָ בעמערקט, האָט מען מיך געבעטען פּלאַץ־נעמען ביים טיש און זיך אויך צוהערען, וואָס מען לייענט דאָ פאָר, ווייל עס איז זעהר, זעהר אינטערעסאַנט, און מען קאָן זיך פּשוט אין מיטן נישט אָברייסען פון צו הערען.

איך האָב געמיינט, אַז דאָס לייענט מען מסתמא ר׳ מענדעלעס „קליאַטשע",*) וועגען וועלכען איך האָב שוין פון

*) די ערשטע אויפלאַגע פון דער „קליאַטשע" איז ערשינען אין יאָהר 1873. אויף דעם שער־בלאַט איז געווען אויפגעשריבען: „דיא קליאַטשע אָדער צער־בעל־חיים א. א. וו. אַ מעשה, וואָס האָט זיך פערוואַלגערט צווישען דיא מתבים

מבינים און „יודע־חן" גבורות זיך געהערט אַנדערצעהלענדיג, אָבער אַליין געלייענט זי האָב נאָך אין יענער צייט נישט. איך האָבביים טיש צווישען אַנדערע פלאַץ גענומען, אָבער אַנשטאָט עפּעס פון ר' מענדעלע'ס „קליאַטשע" צו הערען, דערהער איך עפּיס בעקאַנטעס, איך וואָלט שווערען, איך הער זיך אַליין.

דאָס האַרץ הויבט אָן זיך צו צאַפּלען אין מיר. איך שפּיר, איך ווער רויט און בלאַס. איך דאַנק נאָר גאָט, וואָס אַלעמענס נאָז און אויערען זענען געווענדעט צום פאָרלעזער און קיינער בעמערקט נישט, וואָס מיט מיר און אין מיר געהט דאָ פאָר. ווי אויף הייסע קויהלען בין איך נאָך ביי אַ האַלבע שעה געזעסען ביים טיש, מיט אַלע כּוחות כּלומר'שט ווי פעראינטערעסירט מיט דעם לעזען זיך צו ווייזען, כאָטש מיך האָט פון איבעררַאשונג און אויפרעגונג, ווי פון אַ פיבער געטרייסעלט, ביז גאָט האָט געהאָלפען, דער לעזער איז צו ענדע פון אַ קאַפּיטעל צוגעקומען, און דער עולם האָט אַ ביסעל פרייער אָפּגעאָטעמט. דעמאָלט ערשט האָט די ווירטין מיין אויפרעגונג בעמערקט, און מיך געפרעגט, וואָס בין איך אַזוי בלאַס, צי האָב איך מיך צוגעקיהלט.

איך האָב אין איהר פראַגע זיך אָנגעכאַפּט ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, וואָס שווימט אים צופעליג צו. איך האָב באַלד געענטפערט, אַז איך פיהל מיך טאַקע זעהר נישט גוט, און האָב ביי איהר ענטשולדיגונג געבעטען, אויב איך וועל זיך ערלויבען אָבשיעד צו נעמען און אַהיימגעהען.

מען האָט מיר פערשיעדענע מיטלען געראַטען, וואָס איך האָב באַלד צו טהון, וואָס צו טרינקען, מיט וואָס זיך איינצורייבען און ווי צו שוויצען. און געשוויצט האָב איך שוין דערנאָך פון פרייד אַליין, וואָס איך בין פריי געוואָרען פון

פון ישראליק דעם משוגענעם, געדרוקט בהשתדלות מענדע־ע מוכר־ספרים. ווילנא, בדפוס האלמנה והאחים ראָם". רעד.





דער געפאַר ענטדעקט צו ווערען, אַז איך אַליין בין דער שולדיגער, וואָס מען האָט מיך היינט אַזוי קאַלט און טרוקען אויפגענומען אין דער דאָזיגער פאַמיליע.

אָבער דאָס, וואָס איך האָב געקאָנט דאָס מאָל מיין סוד בעהאַלטען פון יענער פאַמיליע און פון נאָך אַזעלכע פאַמיליעס, האָב איך דאָך פון זיך אַליין בעהאַלטען נישט געקאָנט. עס האָט זיך ליידענשאַפטליך מיר געוואָלט זיין צוזאַמען מיט מיין ווערק, ווען קיין זייטיגער מענש וועט דערביי נישט זיין. און איינער אויף איינעם זיך דורכשמועסען, ווי ווייט בין איך צופריעדען פון איהם, און ווי ווייט קאָנען ווירקליך זיינע לעזער צופרידען זיין פון מיר. נאָר ווי מאַכט מען אַזאַ צוזאַמענקומען זיך, אַז קיין זייטיגער זאָל דאָס נישט בעמערקען און צו עפּעס אַ חשד קומען? בעטען לייהען דאָס ווערק ביי די, וואָס האָבען עס שוין דורכגעלייענט און מיט התפּעלות מיר דערצעהלט, וויפיעל הייסע טרעהרען זיי האָבען דערביי פערגאָסען, האָב איך פּשוט מורא געהאַט, מען זאָל נישט בעמערקען, ווי פעראינטערעסירט איך בין דערמיט, און דאָס קאָן זיי ברענגען אפשר צום חשד, אַז דער מחבר דינעזאָן, וואָס שטעהט נעדרוקט אויפן ערשטען בלעטעל, איז נישט אַ ווייטער קרוב מיינער, וועלכען איך קען נישט אַפילו, נאָר איך בין דער מחבר אַליין. שרייבען אין, ווילנע צו די דרוקער, זיי זאָלען מיר צושיקען כאָטש איין עקזעמפּלאַר פּאָסט־רעסטאַנט קיין מאָסקווע, האָב איך שוין אפילו געפּרובט, נאָר זיי האָבען, אפּנים, צייט געהאַט, און זיך נישט צוגעאיילט מיין בקשה צו ערפיהלען מיט דער אומגעהענדער פּאָסט, ווי איך האָב געבעטען. וואָס איז די איילעניש אַזוי גרויס, מאָסקווע ברענט? האָבען זיי זיך אודאי אויסגעלאַכט פון מיין בריף מיטן פערלאַנג: „זאָפאָרט מיט דער אומגעהענדער פּאָסט כאָטש איין עקזעמפּלאַר מיר צושיקען."*)

*) יעקב דינעזאָנס ערשטער געדרוקטער ראָמאַן „הנאהבים והנעימים אָדער

און אַזוי האָט מען שוין אין פערלויף פון אַ פּאָר וואָכען כּמעט אין יעדען יודישען הויז אין מאָסקווע מיין ראָמאַן גע־האַט געלעזען. און איך אַליין האָב נאָך די זכיה נישט געהאַט מיט איהם אַליין זיך צו טרעפען, ווען קיין זייטיקער זאָל דער־ביי נישט זיין. ביז איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אויף זאַראַדיע, אין גליעבאָווסקע פּאָדוואָריע, וואוינט אַ יוד, וואָס מען רופט איהם לידסקי, אַ מוכר ספרים — טאַקע דער פאָטער פון דעם וואַרשעווער לידסקי, — דער געגענוואַרטיגער אַרויסגעבער פון ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים׳ס ווערק, — וואָס ביי איהם בעקומט מען פון כל טוב: ציצית, תפלין, מזוזות, סדורים, מחזורים, טלתים און אַפילו אַלערליי מעשה־ביכלעך אויך. און אין אַ שעה־נעם פריהמאָרגען פון עפּעס אַ רוסישען יום־טוב, ווען מיין קאַנ־טאָר איז געווען צו, האָב איך מיך אַראָבגעלאָזט אויף זאַראַדיע גלייך צו דעם דאָזיגען לידסקי׳ן.

אַ גוטע צעהן מינוטען האָב איך אַרומגעבלאָנדזעט אין אַ פינצטערען פאָדער הויז, טאַפּענדיג מיט די הענט, טאָמער וועל איך ערגעץ דערטאַפּען אַ טהיר, וואָס זאָל מיך אַריינלאָזען אין דעם גרויסען פּאַלאַץ, וואו דער דאָזיגער לידסקי וואוינט און האָט ביי זיך דאָס, וואָס מיין האַרץ גלוסט און בענקט — ביז איך האָב ענדליך פאָרט דערטאַפּט אַ טהיר און האָב אַ פרעג געטהון אויף רוסיש, פערשטעהט זיך, צי דאָ וואוינט דער ה׳ לידסקי?

מען האָט מיר געענטפערט, אַז לידסקי וואוינט אין נו־מער 134 און דאָ איז דער נומער 142. על כן ברויך איך געהן אַ ביסעל צוריק.

— אָבער שטעהט נישט אין דער אָפענער טהיר! — טהוט צו מיר אַ זאָג אַנ׳עלטע מאָסקוויטערין, אויף עלט־שקלאָווער רו־סיש. — דאָ איז מאָסקווע, נישט שקלאָוו און נישט וואַרשע־

דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״ איז ערשיענען צום ערשטען מאָל אין ווילנע אין ראָם־דרוקעריי אין 1877. אין גאָר אַ קורצער צייט איז דער ראָמאַן פערשפּרייט געוואָרען אין פיל טויזענדער עקז. רעד.





די פרעסט זענען דרייסיג גראַדיגע און האָלץ איז דאָ טייערער ווי ביי אייך דאָרט לעקעך!

אָבער ווי קען מען פאָרט דערטאַפּען דעם נומער 134, וואו דער לידסקי וואוינט, אַז דאָ איז אַזוי פינסטער? — פּרוב איך נאָך אַזוי אַ זאָג טהון, טאָמער וועט מען פאָרט אַזוי פריינדליך זיין, מיך וועלען צופירען צו ה׳ לידסקי׳ס נומער.

— הויב זיך אָן מיט אַ פּראָווינציאַל! — בייזערט זיך שוין די יודענע. — אַ מאָסקווער האָט שכל מיטצונעהמען אַ שוועבעלע אין קעשענע, אַז פינצטער, גיט ער זיך אַנ׳עצה, רייבט אויס אַ שוועבעלע און מאַכט זיך ליכטיג און האָט צו קיינעם קיין טענות נישט.

איך האָב נאָך דעמאָלס קיין פּאַפּיראָסען נישט גערויכערט און האָב קיין נויט נישט געהאַט צו טראָגען שוועבעליך מיט זיך, אָבער דער יודענעס ווערטער האָבען מיך די פּראַקטיקע געלערענט, ווי נויטיג עס קען אַ שוועבעלע זיין אַפילו יעדען מחבר, ווען ער געהט זוכען זיין חבור, כאָטש ער רויכערט נישט. אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך ווי אַ נדר געטהון נישט אַרויסצוגעהן פון שטוב אָהן אַ פּעקעל שוועבעליך אין קעשענע, דערווייל אום גיכער פּטור צו ווערען פון מיר, האָט די יודענע מיר דערלאַנגט אַ פידעלע מיט עטליכע שוועבעלעך. איך האָב איהר ענטשולדיגונג געבעטען, פאַר גאַסט־פריינדליכ־קייט הייס בעדאַנקט, אַ שוועבעלע אַרויסגענומען און באַלד גע־טראָפען לידסקי׳ס טהיר.

דעם אַלטען לידסקי האָב איך געטראָפען אין טלית און תפילין, ער האָט געדאַווענט, און, אפּנים, ביי די רעכטע גערדיכ־טע געהאַלטען, וואָרום אויף מיין גוט מאָרגען האָט ער נאָר אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ און אָנשטאָט מיך צו פרעגען, ווע־מען און וואָס ברויך איך, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פרעגענדיגע אויגען מיט אַ ברום נ־נו?.. נישט וועלענדיג מפסיק זיין, חלילה, בין גאולה לתפילה, אָדער אַזוי דאָרט ווי ער האָט געהאַלטען.

איך האָב איהם באַלד געענטפערט אויף זיין שטומע פראַ־

גע, אַז איך בין געקומען עפּעס ספרים האַנדלען ביי איהם.

ער האָט באַלד מיט אַ ברעג טלית אָבגעווישט דעם די-
נ׳ם שטויב פון אַ בענקעל, אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, אַ
רמז, אַז ער בעט מיך זעצען, און אַ ברום געטהון נאָך אַ מאָל
נ—נו, נ—נו איילענדיג, אַ סימן אַז זיין דאַווענען וועט שוין
לאַנג נישט ציען, און, אַז ער בעט מיך וואַרטען אַ רגע און
צ׳לך וועט שוין געהן כּשורה.

איך האָב איהם באַרוהיקט, געזאָגט, איך קען אויפציהען
אַ רגע, און ער ברויך זיין דאַווענען צוליעב מיר נישט אָבקור-
צען. ער האָט עס, אפנים, אָנגענומען פאַר אַ העפליכקייט פון
מיין זייט, אָבער נישט פאַר אַן׳ערענסט, און האָט דאָס דאַווע-
נען צוגעטריבען, און אין קוים פינף מינוט האָט ער שוין נאָך
שמונה עשרה געהאַלטען. ער האָט מיר דערלאַנגט שלום עליכם,
געפרעגט: פון וואַנען איז אַ יונגער מאַן? ווי לאַנג בין איך
שוין אין מאָסקווע, וואו שטעה איך איין און נאָך אַ זעלכע
זייטיגע שאלות. קוים כּאָטש איין תשובה צייט געהאַט צו ענט-
פערען, האָט ער מיך אַ פרעג געטהון די עיקר שאלות: וואָס
פאַר אַ ספרים ברויך איך, צי ספרי רומל, צי ספרי השכלה?

— „די קליאַטשע” קאָן מען בעקומען ביי אייך? — טהו
איך אַ פרעג.

— „די קליאַטשע” אַבראַמאָוויטשעס? פרעגט ער מיך
איבער.

— ר׳ מענדעלע מוכר-ספרים׳ס! — ענטפער איך.

— היינו הך! עגטפערט ער מיר מיט גמרא לשון. אַ יוד
נאָך אַ פאַרצייטיגער געווען דער אַלטער לידסקי, און האָט
נאָך גמרא לשון געוואוסט.

— געהערט האָב איך עס שוין אַפילו אייניגע מאָל,
אָבער עפּיס שיקט זיך מיר עס נישט, — בין איך איהם מודה
און געמיינט האָב איך, נישט אַזוי די צוויי אייניגקייט און די
צוויי בעזונדערע נעמען, ווי די צוויי בעזונדערע כאַראַקטערען
אין איין און דעם זעלבען מענשען, לויט ווי איך האָב מיר
אַלע מאָל פאָרגעשטעלט אונטער די צוויי נעמען.





— וואָס שיקט זיך אייך דאָ נישט? — פרעגט מיך דער
אַלטער לידסקי, — עס איז דוכט זיך אַזוי פשוט, וואָס פשוטער
קען גאָר נישט זיין. ווייסט איהר דען נישט, אַז מיט דער
זיידענער קאַפּאָטע אין וועלכער מען געהט שבת, אַ יום-טוב
אין שוהל אַריין, געהט מען נישט אין דער וואָכען אין מיהל
אָדער אין קראָם.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — טהו איך אים אַ פרעג,
נישט בעגרייפענדיג דעם נמשל פון זיין משל.

— איך מיין פשוט, — ענטפערט ער. — דער נאָמען
שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז שוין לאַנג בעריהמט מיט זיינע
ביכער אויף לשון הקודש. איהר שפּיעלט זיך מיט זיין „משפּט
שלום”, מיט זיין „האבות והבנים” און מיט זיין „תולדות הטבע”?
נו, און אַז עס פערגלוסט זיך אים אַ מאָל אויך אַ שפּיעלכעל
זיך מאַכען, אָדער פשוט אַ שטיף טהון און אויפשרייבען אַ
„טאַקסע” למשל, אָדער אַפילו אַ „קליאַטשע”, אויף פשוט׳ען עברי-
טייטש, איז ער מחויב זיין בעריהמטען נאָמען שלום יעקב אַב-
ראַמאָוויטש אויף אַזוינס אָנצורופען? כבוד וועט עס אים צו-
געבען? זאָל אַפילו אמת זיין, אַז אין זיין „קלאַיטשע”, למשל,
געפינט זיך טאַקע אמתע סתרי-תורה, ווי זיינע חסידים דרשענען,
איז דאָך דאָס פאָרט אַ עברי-טייטש מעשהלע, שיחות חולין,
אָדער ווי די גמרא דריקט זיך אויס: „דברים של מה בכך”.
וועט נישט זיין דאָס אַרויפשלעפּען זיין נאָמען אויף אַזעלכע
ביכלעך ווי צודעקען דעם באָרשט אין קיך מיט דעם אייגענעם
שבת-טישטוכעל, וואָס מען דעקט צו די שבת חלה?

געגלויבט האָט זיך מיר עס אַפילו נישט, פון דעסטוועגען
זענען מיר דעם יודענס ווערטער אין זינען אַריין, און כ׳האָב
אויך שפּעטער אָפט זיך שטאַרק פערטראַכט צוליעב זיי.

— און מיינט איהר אַ נייעס איז עס ביי זייערע לייט!
די מליצה-שרייבער מיין איך. אַלע טהוען זיי דאָס אייגענע —
דערצעהלט מיר ווייטער דער יוד, וואָס איך זעה איהם צום
ערשטען מאָל אין מיין לעבען, און וויל מיר מסתמא אַ בעגריף
געבען וואָס פאַר אַ ידען און אַ בקי ער איז אין אַזעלכע זאַכען.—

וואָס דאַרפט איהר ווייט זוכֿען, אָט איז ערשט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק פון דרוק אַרויס אַזאַ עברי-טייטש ביכֿעל מיט'ן נאָמען "הנאהבים והנעימים" כלומרשט אויף לשון הקודש, און באַלד דערביי מיט אַ פּרוש דערצו: אָדער דער „שוואַרצע" יונגערמאַנטשיק", און עפּעס אַ מין אויסכאַפּעניש איז דאָ געשעהן: די ערשטע הונדערט עקזעמפּלאַרען האָט מען ביי מיר ממש אויסגעכאַפּט אין קאַרגע דריי טעג. קלאַפּ איך קיין ווילנע אַ דעפּעשע. שיקט מען מיר אַרויס מיט באַגאַזש, ווי איך האָב אין דער דעפּעשע געקלאַפּט, נאָך דריי הונדערט, געהט נישט אַריבער אַ וואָך צייט, בלייבט ביי מיר אַפילו איינער נישט, קלאַפּ איך נאָך אַ דעפּעשע, שיקט מען מיר אַרויס נאָך אַ ק"ן שטיקלעך מיט דער ידיעה, אַז מער איז דער מין אין ווילנע אויך נישט געבליבן. הכל במזלא תלוי, אַפילו אַ עברי-טייטש ביכֿעל! הימעל און ערד און דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק"... דערלעגט צו איהם האָב איך זיכֿער נישט. אַ דאַנקען גאָט, הלואי מאַכֿט זיך אַזאַ ירידל כֿאָטש דריי מאָל אין יאָהר, וואָלט איך גאָר נישט האָבען צו זינדיגען. נור געגען וואָס דערצעהל איך אייך דאָס? אָ, געגען דעם טאַקע, וואָס איטליכֿער קונה וויל דווקא, איך זאָל אים זאָגען, ווער איז דער מחבר פון „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק". צי הייסט ער טאַקי מיט'ן נאָמען דינעזאָן, ווי עס שטעהט בפירוש אויף איהם, און דער עיקר, צי קען איך איהם. און זאָל איך אַזוי פון אַ בייזען חלום וויסען, ווער דער מחבר איז! נאָר קלאָר ווי דער טאָג איז ביי מיר, אַז דער נאָמען דינעזאָן איז נישט די אמתע פאַמיליע פון דעם דאָזיגען מחבר, אפשר איז דער נאָמען דינעזאָן נור אַ נוטריקון פון זיין אמת'ן נאָמען. און אפשר איז ער גלאַט אַ עורבא פּרח, אַן אויסגעטראַכֿטער נאָמען. דו ווילסט וויסען, ווער עס האָט דאָס ביכֿעל מחבר געווען? זאָג איך דיר: דינעזאָן הייסט ער און געה זוך אים.

— און פאַר וואָס קען עס נישט זיין, אַז דער דאָזיגער מחבר זאָל טאַקי אַזוי הייסען, ווי ער רופט זיך אויף זיין ספר? — פּרוב איך געוואָהר ווערען ביי איהם, פון וואַנען נעמט זיך צו





איהם די השערה, אַז דער נאָמען דינעזאָן איז דווקא אַן'אויסגעטראַכֿטער אָדער אַ נוטריקון.

— ערשטענס, וואָלט איך פון אַזאַ מחבר געוואוסט. איך האַנדעל שוין, אַ דאַנק השם יתברך, אַ יאָהר עטליכֿע און דרייסיג מיט די אַלע אַזעלכֿע ספרים, ווי שייך וואָלט איך אַ מאָל דעם נאָמען נישט געהערט צווישען מחברים און קענער? און צווייטענ'ס, ווי איך זעה אַרויס פון דעם מין אויסכאַפּעניש, וואָס איז געוואָרען אויף זיין חבור, ווייזט דאָך אויס, אַז ער מוז טאַקי זיין פון די גרויסע מומחים אין דעם סוג שרייבער, און ווי-באַלד ער איז טאַקי אַ שם ידוע אין דעם השכלה-עולם, שטעהט איהם טאַקי נישט אָהן צו געהן מיט דער זיידענער שבתדיקער קאַפּאָטע אין מיהל, אָדער אין קראָם, ווי שבת אין שוהל. און אָט האָט ער זיך אויסגעטראַכֿט אַ וואָכֿענדיגען נאָמען, דינעזאָן, פאַר זיינע עברי-טייטש ספרימלעך, אַזוי ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיין נאָמען מענדעלע אויסגעטראַכֿט ווי אַ וואָכֿעדיגע קאַפּאָטע אויף צו געהן אין איהר אין מיהל, אין קראָם און אין מרחץ אַריין אַפילו.

דעם יודען'ס חקירהדיגע השערה אינטערעסירט מיך אַפילו, אָבער איך זעה, אַז יעדע נייע פראַגע, וואָס איך וועל איהם שטעלען, און יעדע בעמערקונג, וואָס איך וועל איהם מאַכֿען, וועט ער מיר אַרויסזאָגען נאָך און נאָך אַזעלכֿע לאַנגע השערות. עס גלוסט זיך איהם צו רעדען, און עס וועט קיין סוף נישט האָבען, דעריבער טהו איך איהם אַ פראַג:

— און וואו איז אייגענטליך אייער ספרים-סקלאַד?

דאָ אין צימער, וואו ער האָט צוזאַמען לייגענדיג זיין טלית און תפילין דאָס לאַנגע געשפּרעך מיט מיר געפיהרט, האָב איך קיין איין ספר חוץ זיין סדור מיט'ן „חק לישראל", נישט בעמערקט.

— מיין סקלאַד ספרים, פרעגט איהר? אַ שעהנע מעשה, כֿ'לעבען! ענטפערט ער מיר. איהר פערגעסט, יונגערמאַן, אַפּנים, אַז דאָ איז מאָסקווע נישט ווילנע, נישט בערדיטשעוו, נישט שקלאָוו אפילו אין מאָסקווע. איז דער יוד אַליין אויך אַ קאָנ-

טראַבאַנד. אומזיסט מיינט איהר דרוקט מען זיך און שטיקט מען זיך דאָ אין דעם לאָך פון גלעבאָווסקער פּאָדוואָריע, מען האָט קיין ברירה נישט. דאָ קאָן מען זיך אין ערגסטען פאַל אויסקויפען מיטן רובעל, אין אַנ׳אַנדער מקום העלפט דער רובעל אויך נישט... אַי וועט איהר פרעגען, וואו האָב איך פאָרט מיין סחורה? איז די מעשה אַזוי: קלענערע מיגים צעשטופּט מען אין די לעכער אונטערן אויבן, אונטערן בעט, אין קליידער-אַלמער, גרעסערע בעהאַלט מען ביים דוואָרניק, און מען צאָהלט איהם חודש געלד פאַר דער שמירה. מאַכט זיך אַ גרעסער פּעקעל אַמאָל און מען קאָן צום דוואָרניק איטליכע רגע נישט לויפען, צערוקט מען די ספרים ביי די שכנים אין די נומערען. דורכאויס יודען. דאָ אין גלעבאָווסקער פּאָדוואָריע, געפינט איהר אַ גוי פאַר אַ רפואה נישט.

— און „די קליאַטשע" האָט איהר דאָ ביי זיך? — טהו איך אַ פרעג און וויל שוין גיכער צו מיין צוועק.

— אַזאַ פחדן, איך זאָל צו איין עקזעמפּלאַר פון מיינע ספרים אויך נישט האָבען ביי זיך, בין איך שוין דוקא נישט. איהר קאָנט בעקומען אפילו דריי „קליאַטשעס", טאָמער דאַרפט איר — בעריהמט ער זיך ווי מיט שטאָלץ.

— טאָ זייט מוחל, גיט מיר איין „קליאַטשע" און אין איין גאַנג גיט מיר שוין אויך אַ „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק", אויב איהר האָט ביי זיך.

דער יוד לאָזט זיך נישט בעטען, בויגט זיך איין, פּאַרעט זיך אַ רגע אונטערן בעט, נעהמט פון דאָרט אַרויס אַ „קליאַטשע" מיט אַ „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק", דערלאַנגט מיר און זאָגט דערביי:

— איך מוז אייך, יונגערמאַן, מקדים זיין, אַז דאָ איז מאָסקווע, דאָס איז טייטש: נישט ווילנע, נישט בערדיטשעוו. וואָס אויב נישט ביי דעם, בעקומט מען די זעלבע סחורה פאַר ביליגער ביי דעם אַנדערען, פערשטעהט איהר?

איך פערשטעה דעם רמז, איך בין אויף אַלץ גרייט. אַ ברירה האָב איך? פונדעסטוועגען, אַז ער האָט מיר אַ זאָג





געטהון: דריי קערבלעך פאַרן „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק", בין איך איבערראַשט געוואָרען און געענטפערט:

— ווי האָט אַ יוד אַזאַ האַרץ אויסצובעטען גאַנצע דריי רובעל פאַר איין ספר, און נאָך אויף עברי־טייטש דערצו?

— איהר האָט דען אַ ידיעה, וואָס פאַר אַ מין ביכעל דאָס איז? — ערקלערט ער מיר. — נאָך דעם בוך האָט עקסטראַ געשיקט צו מיר אַפילו די מאַדאַם פּאָליאַקאָוואַ. ווייסט איהר ווער זי איז? די גרעסטע מיליאָנערשע, אפשר, אין גאַנץ מאָסקווע. איך האָב מיך בענאַרישט, און צוגעשיקט איהר דעם „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק" מיט אַ רעכנונגעל, אַז עס קאָסט דריי רובעל, האָט זי מיר טאַקי מער ווי דריי רובעל נישט אָבגעשיקט. וואָלט איך שכל געהאַט, איהר דאָס ביכעל צו שיקען גאָר אָן אַ מקח, בין איך זיכער, אַז זי וואָלט מיר אָבגעשיקט אַ גאַנצען צעהן רובעלדיגען, און פאַרוואָס טאַקע נישט אַ פינף און צוואַנציגער? אַ כלל, יונגערמאַן, דינגט זיך נישט. איך האָב בסך־הכל אינגאַנצען נאָך אַ פינף שטיק פון איהם, און בריוף האָב איך אויף אַרויסצושיקען קיין מאַרשאַנסק, אָריאָל, טווער וכדומה, אפשר אויף אַ שטיק צוואַנציג, און אין ווילנע, האָט איהר דאָך געהערט, האָט עס זיך אויך אויסגענומען.

איך האָב איהם בעצאָהלט, וויפיעל ער האָט פערלאַנגט, און פון אַ פינף רובעלדיגען האָט ער מיר רעשט געגעבען מיט גרויסע קופּערנע צענגראָשענדיגע קוים אַ האַלבען רובעל, בערעכענענדיג: אַ רובעל מיט פופציג קאָפּיקעס פאַר ר׳ מענדעלע׳ס „קליאַטשע" און גאַנצע דריי רובעל פאַר מיין אייגענעם „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק". איך בין אַוועק גיך אַהיים אונטערגעטריבען פון דער אומגעדולד, צו קאָנען שוין אַמאָל איינער אויף איינעם מיט מיין אייגען קינד זיך אָבגעבען, און דורכזעהן אַלע זיינע מעלות און חסרונות צוליעב אייגענער אונבעזאָנענקייט און צוליעב יענע, וועמען איך האָב איבערגעגעבען מיין כתב-יד פון דער ערשטער פעדער און אַנ׳אָבגעדרוקט בוך אויף דער וועלט אַרויסלאָזען.

מיט אַ רוהיגען געמיט און מיט מעהר ערנסט, ווי איך
האָב מיין אייגען ווערק געבלעטערט און דורכגעקוקט, האָב
איך זיך גענומען לייענען ר׳ מענדעלע׳ס „קליאַטשע״. געלייענט,
געלערנט, ערטערווייז פּשטים געזוכט, און האָב ענדליך דעם
איינדרוק און דאָס געפיהל אַרויסגעטראָגען, גלייך ווי איך וואָלט
געבלאָנדזעט אין אַנ׳אַלטען פערלאָזענעם שלאָס, וואו איך האָב
אויף יעדען טריט און שריט אי וואונדער, אי איבער־נאַטירליכס
געזעהן און געהערט, און כּמעט איך שטעה שוין איצט אויף
דער ווייסער ליכטיגער וועלט אין דרויסען, שימערען מיר נאָך
פאַר די אויגען יענע פערדרעהטע וועגעלעך, פערפּלאָנטערטע
געגג מיט אַלע זייערע נישט־געוועהנליכקייטען, וואָס איך האָב
זיך דאָרט אָנגעזעהן, און עס קלינגען מיר נאָך אין די אויערען
יענע געהיימע קלאַנגען, וועלכע איך האָב זיך דאָרט אָנגעהערט.
די ערשטע פראַגע, וואָס האָט געזוכט אַ תּשובה ביי מיר,
איז געווען: צי איז דאָס דער אייגענער אַלטער בעקאַנטער
מענדעלע, וועלכען כ׳האָב פון אַ צייט פריהער שוין גוט גע־
קענט, מיט איהם ווי אייגען כּמעט זיך געפיהלט און האָב
איהם שטענדיג גאָר ליעב געהאַט? כּמעט איך בין שוין אַזוי
נאַאיוו נישט געווען, און האָב שוין גוט פערשטאַנען, אַז היינ־
טער דעם דאָזיגען מענדעלע מוכר־ספרים בעהאַלט זיך ערגיץ
אַ פיעל געלערענטערער יוד, און זאָל זיין ווי דער אַלטער
האָט מיר מבטיח געווען, אַז מענדעלע מוכר־ספרים איז נישט
מעהר ווי די וואָכעדיגע קאַפּאָטע פון דעם בעריהמטען לשון־
הקודש שרייבער, שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָט עפּעס טאַקי
די דאָזיגע וואָכעדיגע קאַפּאָטע ביי מיר גאָר אַנ׳אַנדער פּנים
דורך דער „קליאַטשע״ בעקומען, אַ פּנים דווקא פון אַ פיין
זיידענער קאַפּאָטע, וואָס מעג אָנשטעהן אַפילו דעם גרעסטען
מיוחס שבת און יום־טוב מיט איהר אין שול און אין בית־
המדרש צו שטאָלצירען.
ר׳ מענדעלע איז דאָ, אין דער „קליאַטשע״, אויסגע־
וואַקסען פון אַנ׳איינפאַכען יודען אַ מוכר־ספרים, וואָס דער־
צעהלט בנעימות, נישט מעהר ווי דאָס, וואָס ער זעהט און





הערט, אין אַ יודען אַ למדן, אַ חריף, אַ חוקר, אַ גאַנצע־וועלט־
אַרומנעמער, וואָס מען מוז זיך צוהערען צו יעדעס וואָרט,
וואָס ער רעדט אַרויס, און זיך גוט פערטראַכטען אויף דעם
זינען, וואָס ער טהוט אַריין אין איהם. איך האָב אין דעם
ר׳ מענדעלע׳ן מוכר־ספרים פון דער „קליאַטשע״ נישט דער־
קענט מעהר דעם אַלטען ליבען און כּמעט שטילען מענדעלע
מוכר-ספרים פון די אַלע ספרים׳לעך זיינע, וואָס איך האָב פון
איהם פריהער געהאַט געלייענט, און עס האָט זיך מיר געהאַט
געדאַכט, אַז דער שרייבער אַליין האָט זיין מענדעלע׳ן אויס-
געביטען אויף אַנ׳אַנדערען, אַ מעהר וויכטיגערען און אַ מעהר
קענענדערען ווי זיין ערשטער מענדעלע. און דעם אמת זאָגענ-
דיג, וואָלט מיך אפשר שטאַרק נישט געאַרט דער דאָזיגער
בייט, ווען איך וואָלט אין דעם נייעם מענדעלע׳ן געהאַט גע-
פונען די ווייכקייט, די איינפאַכקייט און די עניוות פון דעם
אַלטען מענדעלע. יענער האָט קיין פּרעטענזיעס נישט געהאַט,
אַז צו איהם זאָלען זיך צוהערען דווקא גרויסע קענער, שיינע
יודען און מיוחסים. ער האָט זיך תּמיד געדרייט נאָר צווישען
פּראָסטען עולם, יודען פון זיין גלייכען, און עס האָט איהם
זיך גאָרנישט געגלוסט, אַז זיינע צוהערער אָדער לייענער זאָ-
לען זיין פון דער גאָלדענער פּאָן, דעריבער איז דאָס לשון
זיינס אויך פּשוטער, וועניגער געשליפען געווען, אַזוי אָנגע־
מאָסטען פאַר איטליכען, וואָס פערשטעהט נאָר יודיש. דער
נייער ר׳ מענדעלע, אָט טאַקי דער פון דער „קליאַטשע״, האָט
זיך מיר אויסגעדאַכט, וויל שוין די איינפאַכע צוהערער כּמעט
נישט קענען, ער דערצעהלט אויך נישט דאָס, וואָס ער האָט
געזעהן און געהערט, נאָר דאָס, וואָס ער ווייסט און טראַכט
אַליין, און דערצעהלט דווקא פאַר׳ן מיוחסים־עולם, פאַר די
וואויל-קענער, וואָס קענען איהם פערשטעהן און פון זיינע רייד
אַרויסדרינגען אַלערליי פּשטים און פּשטלעך.
און ווי באַלד אַז יאָ אַזוי, האָט זיך מיר געוואָלט ווי־
סען, צוליעב וואָס און צוליעב וועלכען טעם האָט ער געשרי־
בען די „קליאַטשע״ אין עברי-טייטש דווקא, און נישט אין

לשון-הקודש: צווישען יענע, וואָס פערשטעהען לשון-הקודש, האָב איך נאָך צו יענער צייט געקאָנט געפינען אַזעלכע לעזער, וואָס וועלען פערשטעהן אַ „קליאַטשע", אָדער וואָס וועלען וועניגסטענס אין דעם גאַנצען אינהאַלט אָטעם געפינען. צווישען די לעזער פון נישט מעהר ווי עברי־טייטש, האָב איך צו יענער צייט געזוכט און נישט געפונען כמעט איינעם אָדער איינע, וואָס פערשטעהען דעם נייעם מענדעלען פון דער „קליאַטשע" און האָבען התפעלות פון דעם, וואָס ער דערצעהלט, כאָטש מיט פופציג פראָצענט וועניגער, ווי זיי האָבען אַלע מאָל דעם אַלטען מענדעלע'ז פערשטאַנען און התפעלות געהאַט פון זיינע ספרים'לעך.



י. ד. בערקאָוויטש

# שלום עליכם און מענדעלע מו"ס

צו מענדעלען האָט שלום־עליכם'ען אָנגעהויבען ציהען, ווי צום שורש, גלייך ביי די ערשטע טריט, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער יודישער ליטעראַטור, פון די עטליכע געצעהלטע יודישע שרייבערס, וואָס שלום־עליכם האָט צופעליג געפונען זייערע העפטליך אין דעם ספרים־אַלמער פון זיין שווער לאָיעוו (אייזיק מאיר דיק, שלמה עטינגער, לינעצקי, שאצקעס), האָט צו איהם מענדעלע גלייך אַ פינקעל געטהון מיט דער עכטער שיין פון אַ געשליפענעם איידעלשטיין. אין שוין אויפ'ן דריטען יאָהר פון זיינע פעדערפראָבעס, אינם „פאָלקסבלאַט" (1885), דערפיהלענדיג, אַז עפעס וויכטיגערס דערפון צעוואַקסט זיך אין איהם האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו מענדעלע'ן, זיך פאָרגעשטעלט ווי „אַ פייערדיגער פערעהרער פון זיין טאַלענט, וואָס אַרבייט אויפ'ן באָדען, וועלכער איז פון איהם צעאַקערט געוואָרען", און געהאַט דערביי אַ שטאַרקע כוונה אָנצוקניפען זיך אָן איהם, ווי אַ תלמיד. מענדעלע, וואָס איז בטבע געווען נישט אַזאַ צוגעלאָזטער מענש צו אומבעקאַנטע „מחברים", און דערהויפט האָט ער זיך אין יענער צייט בעצויגען מיט פעראַכטונג צום „פאָלקסבלאַט" און צו זיינע שרייבער (אויף זיין

לשון — „רייבער"), האָט, ווי עס ווייזט אויס, זיין „יונגען פייערדיגען פארערער" ניט געשענקט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. און אויך מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, אין 1888, בעת שלום־עליכם האָט פערטראַכט אַרויסצוגעבען „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק" און האָט אַ צווייטען מאָהל געשריבען צו איהם, פערבעטען איהם אַלץ מיטאַרבייטער אין זיין יאָהרבוך, — האָט זיך מענדעלע נאָך אַלץ ניט אומגעקוקט אויף איהם. ערשט אויפ'ן דריטען בריוו, צו וועלכען שלום־עליכם האָט צוגעלעגט אַ רעקאָמענדאַציע פונ'ם קיעווער יודישען צענזאָר און מלומד, הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ, האָט זיך מענדעלע אָנגערופען מיט אַן ענטפער, אין וועלכען ער האָט זיך פערענטפערט בזה הלשון:

„שלום־עליכם" — עליכם שלום!

„אייערע ביידע בריוו, פונ'ם 3 און פונם 18 מערץ האָב איך מקבל געווען. ווען איהר זאָלט וויסען, ווי אַזוי שטאַרק איך בין בעשעפטיגט ביי מיר אין דער שולע*), אויך אין היימישע און כלל־זאַכען; ווי אַזוי אונזערע יודישע מחברים פון גאַזעטען און זשורנאַלען מאַכען מיר קראַנק דעם קאָפּ מיט זייערע בקשות אַלץ אין איין קול: שרייב! שרייב! זאָגען דערביי צו גילדענע בערג און בלייבען דערנאָך ליגנער; ווי אַזוי מיאוס איך האָב מיך שוין אין מיין לעבען פיעל מאָל פון אַזעלכע אָבגענאַרט, זיך שטאַרק אָבגעבריט, און גאָר הוץ די אַלע זאַכען, ווי אַזוי שלאַף, צעבראָכען איך בין, נישט פאַר אייך געדאַכט, ויפיעל געזונט מיך קאָסט עפּעס אָנצושרייבען, אַז איך שרייב איבער מיין אומגליקליך פאָלק טריפט מיר דערביי דאָס בלוט, לאַך איך קלאָמפּערשט, איז דאָס אַ ביטער געלעכטער מיט גרינע ווערים, ביי איטליכען מאַך מיט דער פען ווערט מיר אַ לאַך אין האַרצען און שרייבענדיג מיט אַ ברען, ברען אי־

*) מענדעלע איז כל ימיו אין אָדעס געווען דער דירעקטאָר פון דער שטאָטישער תלמוד־תורה.





טאַקע דערווייל אַליין און געה ביסלעכווייז אויס ווי אַ לכיט — ווען איהר זאָלט וויסען, זאָג איך, דאָס אַלצדינג, וואָלט איהר זיך ניט געוואונדערט און קיין פאַריבעל נישט געהאַט אויף מיר, וואָס איך האָב מיך נישט וויסענדיג געמאַכט אייך צו ענטפערען אויף אייער ערשטען בריוו".

שלום־עליכמס ערשטע בריוו צו מענדעלע'ן פון יענער צייט זענען נאָך דערווייל ניט געפונען געוואָרען; דערפאַר זענען אָבגעהיט געוואָרען אין פולער אָרדנונג די בריוו פון מענדעלע'ן צו שלום־עליכמען, און פון זיי קען מען טיילווייז אַרויסזעהען, ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען צווישען ביידען די ערשטע התקרבות, וועלכע איז גיך אויסגעוואַקסען אין אַ טיעפער פריינדשאַפט. שוין באַלד נאָך מענדעלע'ס ערשטען ענטפער, האָט איהם שלום־עליכם אין אַ בריוו, אונבעקאַנטערהייט, אָנגערופען מיט'ן נאָמען „דער זיידע פון דער יודישער ליטעראַטור", און זיך אַליין אָנגעבעטען צו איהם ווי זיינס אַ ליטעראַריש „אייניקעל" (מענדעלע איז דעמאָלט, לויט זיינע אמת'ע יאָהרען, אַלט געווען 58 יאָהר, און שלום־עליכם־29). דער נאָמען „זיידע" איז מענדעלע'ן, ווי עס ווייזט אויס, געווען צום האַרצען. וואָרים אין דעם צווייטען בריוו צו שלום־עליכמ'ען ווענדעט ער זיך שוין צו איהם מיט די ווערטער „שלום־עליכם אייניקעל!", און אינ'ם דריטען בריוו: „אַ גאָט־העלף, הייסער, פערשייטער אייניקעל!" און שפּעטער אַ ביסעל קלינגט שוין דער טאָן אַלץ נעהענטער און אינטימער: „מיין ליעב האַרציג פערשייט אייניקעל!" „מיין טיעף אין האַרצען איינגעבאַקען אייניקעל!" און אַזוי האָט זיך פערבונדען צווישען „זיידען" מיט'ן „אייניקעל", וועלכע האָבען נאָך איינער דעם אַנדערען פערזענליך ניט געקענט, אַ וואַרימע קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער דער איינגעהאַלטענער, מישוב'דיגער און פאַמעליך־שרייבענדיגער מענדעלע האָט קוים געקענט כאַפּען דעם אָטעם פון דעם רירעוודיגען, פלייסיגען, גיך־טהוענדיגען און גיך־שרייבענדיגען שלום־עליכמ'ען, וואָס האָט זיך אויף איהם צולאָזט, ווי אַ פריהלינג־שטראָם. „איהר פערוואָרפט מיך מיט בריוו!" — פּראָטעסטירט דער פער־

מאַטערטער „זיידע" געגען דעם אונערמידליכען „אייניקעל". און אַ צווייטען מאָל: „איהר קיצעלט און קיצעלט מיך אַלץ מיט אייערע בריוועלעך אַזוי, אַז איך מוז לסוף מיך אָנרופען מיט אַ וואָרט". פאַר זיין פליהען צו גיך בעקומט שלום-עליכם דעמאָלט פון מענדעלע דעם נאָמען „אחשתרנים", וועלכער ווערט איבערגע-חזר'ט וויפיעל מאָל אין זייער ווייטערדיגער קאָרעספּאָנדענץ, אין פערלויף פון צעהנדליגער יאָהרען.

די הויפט-טעמע פון די ערשטע בריוו איז געווען מענדעלי'ס „ווינטשפינגערל", וואָס ער האָט זיך אַוועקגעזעצט שרייבען פאַר דער „פאָלקס ביבליאָטעק". אין גאָר די ערשטע בריוו רעדט מען נאָר פון זיך אַליין און פון זיין אַרבייט און פון די ספּעציעלע בעדינגונגען, וואָס ער האָט געפאָדערט פאַר זיין ווערק (ער האָט זיך אויסגערעדט 20 קאָפּיקעס פון דער שורה— אַ „פערציגער", ווי ער רופט עס אָהן אויפ'ן היימישען לשון). שפּעטער אַ ביסעל הויבט ער אָהן אויך אַרומצוקוקען זיך אויף זיין יונגען קאָרעספּאָנדענט: „איך וויל עס טוהן, גלייבט מיר, נישט וועגען דעם פערדיענסט — נאַרישקייטען! — נאָר צוליעב אייך, ווייל איהר געפעלט מיר עפּעס. דאַכט זיך, איהר זענט פון מיינע לייט". און אַ צווייטען מאָל: „איהר זענט, ווי עס ווייזט אויס, אַ מבין". און אַז שלום-עליכם האָט איהם צוגעשיקט זיין בילד, שרייבט ער איהם: „אייער בילד איז ביי מיר זעהר אָנגעלעגט. איך האָב זי גוט בעטראַכט און געפונען אין אייך דאָס, וואָס איך זוך — אַ גוטען, קלוגען, עהרליכען מענשען. מיין אויג, מיין האַרץ נאַרט מיך כמעט קיין מאָל נישט אין אַזעלכע זאַכען". און ווידער אַ מאָל „אָנקוקענדיק אייך אויפ'ן בילד, ליגט, דאַכט זיך, אויף אייך נישט דער צלם אלקים", נישט דאָ אויף אַ האָר יודישקייט, פון „מלמדות" איז גאָר נישט דאָ וואָס צו ריידען, וויי איז מיר! און לייענענדיג אייערע בריוו זעהט מען אייך בעשיינפערליך, אַז איהר זענט אַ קלוגער, נישט פון די צעהן פאַר אַ גראָשען..." אין די ווייטערדיגע בריוו הויבט ער שוין אָן צו ריידען פון שלום-עליכמ'ס שרייבען: „לעת-עתה האָב איך נאָר געלייענט אייערס אין דעם





„הויז פריינד*)" און נישקשה, ס'איז מיר געפעלען. מען זעהט ערטערווייז, אַז אין דעם אייניקעל ריגט דעם זיידענ'ס בלוט, מיט אַ קניפּ אין בעקעלע זאָג איך אייך:" אַ וואויל אייניקעל, נישקשה! אַ האָפענונג צו גאָט, אַז דער זיידע וועט פון אייך אויף דער עלטער גרויס נחת האָבען!.. אייניקעלעך האָט דער זיידע זעהר פיעל, נאָר געראָטענע זעהר וועהניג"... און אין אַנ-אַנדער בריוו: „אַצינד לייען איך אייערע ספרים. פון פיעל זאַכען האָב איך שטאַרק הנאה. אַרויסשרייבען אייך מיין מיינונג איז אַצינד אונמעגליך. איך וועל בעדאַרפען אָנשרייבען אַ ספר, אַך, ווען איך זאָל קענען מיט אייך ריידען מינדליך, וואָלט געווען זעהר, זעהר גוט און ניצליך. בכלל, זאָג איך אייך, האָט דער זיידע גרויס תענוג פון זיין אייניקעל. „שמר'ס משפט" איז גוט, נאָר די פאָרמע פונ'ם פריסיאַזשנע סוד**) געפעלט מיר נישט. ס'איז יודיש. אָהן דעם וואָלט געווען פיעל בעסער. שמ"ר'ס מעשיות האָב איך קיין מאָל נישט געלייענט און איך וואונדער מיך, ער זאָל אַזוי שלעכט שרייבען. ער איז דווקא נישט קיין עם-הארץ, ווי איהר זאָגט, און שטעהט ביי מיר העכער אין בילדונג אַ סך מעהר פון אַנדערע יודישע שרייבערליך. ווי איך זעה אַרויס פון אייערע בריוו, איז אייער „ק—ר" ביי אייך אין די אויגען אַ גאָר נישט און אין „שמ"ר'ס משפט" הויבט איהר איהם אויף דרוקעס! ווי קומט עס צו אייך, מיין טייער אייניקעל? — אויך האָט איהר שלעכט געטהון, וואָס אָנשטאָט מענדעלע מוכר-ספרים, רופט איהר מיך דאָרט אַבראַמאָוויטש און פאַרט מיך מיט אַזעלכע, מיט וועלכע איך קעהר מיך נישט אָהן***). איך בעט אייך, ליעבער אייניקעל, פון

*) די קאָמעדיע „דער גט" אינ'ם ערשטען באַנד „הויזפריינד".

**) „שמר'ס משפט" איז געשריבען אין דער פאָרם פון אַ געריכטס-פּראָטאָקאָל: שמ"ר'ס ראָמאַנען ווערען געמשפט דורך געשוואוירענע ריכטער און שלום-עליכם אין דער פּראָטאָקאָל שרייבער פונ'ם פּראָצעס.

***) דער פּראָקוראָר פון „שמ"ר'ס משפט" בעווייזט, ווי נוצליך עס זענען פאַר'ן פאָלק די ווערק פון די קינסטלערישע יודישע שרייבער, מיט מענדעלע'ן בראש, און ווי שעדליך עס זענען שמר'ס שונדראָמאַנען.

היינט אָהן, לאָז דער זיידע ביי אייך האָבען מעהר פנים און נישט אויפרופען איהם עם כל הנערים. — איך וואָלט אייך געראָטען קיין ראָמאַנען נישט צו שרייבען. אייער זשאַנר איז גאָר עפּעס אַנדערש. איהר זענט דאָך (ווי איהר זאָגט אַליין) מיין אייניקעל. איהר פערשטעהט, וואָס דאָס הייסט?.. פערשטעהט זשע טאַקי און פאָלגט דעם זיידען, ווען איהר איה׳ש זיין אַ כלי שלמה. איבערהויפּט טויגען אַלע יודישע ראָמאַנען אויף כפרות. עס גלוסט זיך מיר ברעכען פון זיי. אויב ס׳איז דאָ ביי אונזער פאָלק ראָמאַנען, זענען זיי עפּעס גאָר אַנדערש, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. מען מוז עס פערשטעהן און גאָר אַנדערש שרייבען*) — — — זאָגט נאָר, זענט איהר נישט קיין ליטוואַק? אין אייערע ספרים געפין איך עפּעס אַ מאָל פיעל ליטווישע ווערטער און ליטווישע גרייזען...**)" און שפּעטער, אין אַ בריוו פונ׳ם יאָהר 1889, נאָכ׳ן ערשטען באַנד „פאָלקסביבליאָטעק" און נאָך „סטעפּעניו", שרייבט ער איהם: „מזל טוב אייך מיט דער פערענדערונג, וואָס געהט פיר אַצינד אין אייער שרייבען! דאָס איז אַ גוטער סימן, אַז דער טאַלאַנט אייערער וואַקסט און געהט אַרויף העכער פון איין טרעפּעל אויפ׳ן אַנדערען טרעפּעל פון דעם לאַנגען גרויסען לייטער אין דער ליטעראַטור. פאַר מיר איז אייער פערענדערונג נישט קיין נייעס.

*) די דאָזיגע ווערטער וועגען שרייבען ראָמאַנען האָט שלום־עליכם אין אַ געקירצטער און איינגעפּהעסטער פאָרם ציטירט אין זיין הקדמה צו „סטעמפּעניו".

**) שלום־עליכם׳ס ערשטע גרעסערע זאַכען, ווי „סענדער בלאַנק" „די בעסטע יאָהרען" און אַנדערע וועגען וועלכע מענדעלי רעדט דאָ, האָבען זיך געדרוקט אַלס ביילאַגע צום פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט", און דער אַרויסגעבער לעווי, אַ ליטוואַק, וואָס האָט געהאַט אַ ווילדע בעציהונג צו יודיש און אַ ווילדע יודישע שפּראַך, האָט זיי רעדאַקטירט אויף זיין שטייגער (שלום־עליכם פלעגט דערצעהלען, אַז לעווי האָט אין זיינע ווערק אַריינגעשטעלט אומגעלומפּערטע פּראַזעס און דערנאָך די פּראַזעס אויסגעהאַרפּען דעם מחבר איז די רעצענזיעס, וואָס האָבען זיך געדרוקט אינ׳ם „פאָלקסבלאַט".





איך האָב דערויף נביאות געזאָגט נאָך פריהער פאַר אַלע אונזערע פריינד דאָ. אויב איהר ווילט קומען צו מיר, וועט איהר ביי מיר זיין אַ טייערער גאַסט. איך בין גרייט מיט אייך צו זיצען און אַרבייטען טאָג און נאַכט."

שלום־עליכם האָט זיך צו מענדעלע׳ס לעקציעס אין זיינע בריוו שטאַרק צוגעהערט. „איך פאָלג אייך אין אַלעם!" — שרייבט ער איהם אין זיינעם אַן ענטפער. דערביי דאַרף אָבער בעצייכענט ווערען אויך אָט דער פאַקט: אַז דאָס געפיהל פון גרויסען דרך־ארץ צום „זיידען" האָט איהם פון דעסטוועגען נים געשטערט צו בעציהען זיך מיט אָפענע אויגען צו דעם, וואָס מענדעלע האָט געשריבען פאַר דער „פאָלקסביבליאָטעק"; אַריינגעטראָטען אין דער ראָל פון אַ רעדאַקטאָר, האָט שלום־עליכם אין זיך דערפיהלט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר יעדער שורה, וואָס ער האָט בעדאַרפט דרוקען אין זיין אויסגאַבע, און פונקט ווי ער האָט זיך געאַמפּערט מיט אַנדערע שרייבערס (פרץ, דינעזאָן, לינעצקי, גאָטלאָבער) איבער זאַכען, וואָס זענען איהם נים געפעלען בעוואָרען אין זייערע צוגעשיקטע ווערק, אַזוי האָט ער אויך נישט געשוינט אַפילו מענדעלע׳ן אַליין, ווען יענער האָט, לויט זיין מיינונג, געמאַכט פעלערן, אַזוי איז פאָרגעקומען אין זייערע בריוו אַ הייסער ויכוח איבער׳ן זיבעטען קאַפּיטעל פונ׳ם „ווינשפינגערל" (לויט דער נומעראַציע וואָס אין דער „פאָלקסצייטונג"), אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט די מעשה וועגען רב שמעלקען מיט זיינע פורימדיגע געסט פון יענער וועלט. שלום־עליכם האָט, ווייזט אויס, געפונען, אַז דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל קוקט דאָ אויס ווי אַריינגעשטוקעוועט און שטערט דעם נאַטירליכען גאַנג פונ׳ם ספור־המעשה וועגען הערשעלעס קינדער־יאָהרען; און מענדעלע׳ן איז, אַפּנים, נים אָנגעשטאַנען, וואָס דער יונגער רעדאַקטאָר נעמט זיך אונטער איהם צו לערנען, האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט און אַלץ געטענהט אין זיינע בריוו: „געוואַלד, זייט נישט קיין פערשייט אייניקעל, פייניגט נישט דעם זיידען!"... אינ׳ם צווייטען טהייל פונ׳ם „ווינשפינגערל", וואָס האָט זיך געדרוקט אין דעם צוויי־

טען באַנד „פאָלקסביבליאָטעק“, אינ'ם קאַפּיטעל כ״א, האָט מענדעלע געהאַט אַריינגעשריבען אַ לידעל „איש חסיד“, וואָס שמואל'יק דער טאַנדעטניק האָט געזאָלט זינגען שבת־צו־נאַכטס. שלום־עליכם האָט עס אויף זיין אייגענעם אחריות אויסגעמעקט און צוגעשיקט מענדעלע'ן די קאָרעקטור-בלעטער מיט אָט דער בעמערקונג: „ווי איהר זעהט, איז דאָס לידעל פון „איש חסיד“ אַרויסגעפלויגען. עס פּאַסט פּאַר גאָטלאָבערען, ניט פּאַר אייך. איצט הרגעט מיך, שלאָגט מיך, שמייסט מיך! מיר איז טייער אייערס אַ וואָרט מ ע ה ר ווי מיינס; אַז איך מאַך אַ פעהלער, איז דאָ אַ תירוץ: פאָרט אַן אייניקעל; דער זיידע אָבער, אוי-ווי, אַז ער פאַלט-אַריין אין שאַרזש, קאָן עס דאָס אייניקעל ניט דערלאָזען בשום אופן!...“ און ווידער אַמאָל האָט אַזאַ זאַך פּאַסירט מיט אַ הקדמה צו דעם צווייטען באַנד „פאָלקסביבליאָטעק“, וואָס מענדעלע האָט זיך אַרויסגערופען אָנצושרייבען. אין דער דאָזיגער הקדמה האָט מענדעלע, אויסשפּעטנדיג דעם צושטאַנד פון דער יודישער ליטעראַטור אין יענער צייט, אָנגעריהרט, פערשטעלט, אויך ספּעקטאָרען מיט זיין „הויזפריינד“. שלום-עליכמען איז די הקדמה נישט געפעלען געוואָרען, און ער האָט זי אין אַזאַ פאָרם נישט געוואָלט דרוקען. ער שרייבט צו מענדעלי'ן מיט אַ גאַנץ דייטליכער אָנצוהערעניש: „וואָס זאָל איך אייך זאָגען מכּח אייער הקדמה. לויבען זי, דערצעהלען גליקען — עס איז קיין נייעס ניט: דער זיידע, אַז ער זעצט זיך אַנידער ביים וואָרסטעט און נעמט זיך צום קלאַפּערגעצייג, געהט אַרויס פון זיינע הענט גאָר אַן אַנדער מין שטיקעל אַרבייט. עפּעס גאָרנישט אַזוי ווי ביי לייטען, עפּעס מאָדנע משונה פערענדערט; ביי דעם עולם הייסט עס אָריגינאַלנע, סוואָיעאָבאַזנע*). נאָר וואָס דען? דרוקען עס אַזוי ווי עס איז איצט, אוי-ווי, קאָן מען נישט פאַרוואָס? ערשטענס, איז דער „או בשיש“ מיט'ן „להקטינין“, וואָס זענען גוט בעקאַנט מיר מיט נאָך אַזעלכע עטליכע, זענען זיי

*) אָריגינעל, אייגענאַרטיג.





אָבער פאַר'ן איבעריגען עולם כּמעט גאָר אַ בלינדער אתרוג. והשנית, קען איך נישט סובל זיין דאָס, וואָס ווערט אָנגערופען אַ ל ו ע ג ל ר ש — איהר פערשטעהט, וו אָ ס און וועמען איך מיין. על כּן מוז מען די הקדמה איבערלייטערען...“

די ביידע מאָל האָט דער זיידע דווקא געפאָלגט דעם „פערשטייטען“ אייניקעל: דאָס לידעל „איש חסיד“ און די הקדמה צו דער „פאָלקס־ביבליאָטעק“ זענען נים געדרוקט געוואָרען. — —

פערזענליך האָט זיך שלום־עליכם בעקענט מיט מענדעלע'ן צום סוף 1888, בעת ער איז געוועזן אין אָדעס אויף אַ קורצען בעזוך, און די פריינדשאַפט צווישען דעם זיידען מיט'ן אייניקעל איז דעמאָלט פערזיגעלט געוואָרען. מענדעלע האָט שלום־עליכמ'ען בעצויבערט מיט זיין הויך־אינטערעסאַנטער פערזענליכקייט פון אַ קלוגען ליכטיגען קאָפּ און אַן עכטען אָריגינעל־יודישען אַלטמייסטער, און שלום־עליכם האָט אויסגענומען ביי מענדעלע'ן מיט זיין פרישקייט, מיט דער לוסטערקייט פון זיין קוועלענדיגען הומאָר און מיט זיין יונגען אויפריכטיגען ברען צו אַרבייטען, צו אויפטוהן, צו קערען וועלטען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר ביידען, אַז די נעמען „זיידע“ און „אייניקעל“ זענען גאָרנישט קיין ליטעראַרישע מליצה, נאָר פּאַסען זיך צו זיי אמת גוט. אין די בריף, וואָס קומען דערנאָך, ווערט מענדעלע נאָך מעהר צוגעלאָזט צו שלום־עליכמ'ען. ער רופט איהם שוין: „מיין פלאַמפייערדיג צוקערזיס אייניקעלי!“ און ראַווניצקי, שלום־עליכמ'ס געטרייער חבר און קאָרעספּאָנדענט, שרייבט צו איהם, נאָך זיין אָבפאָהר פון אָדעס, אָט דעם בעריכט: „איך מוז אייך זאָגען, אַז איהר האָט שטאַרק נושא־חן געוועזן ביי'ם זיידען אייערען... איך בין נעכטען געוועזן ביים זיידען אַ שטיק צייט, האָב איך אַרויסגעזעהען די זאַך בעשיינפערליך...“

אין יענער צייט איז ערשינען דער ערשטער באַנד פון דער „יודישער פאָלקס-ביבליאָטעק“, וועלכער האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אומעטום און בעצייכענט מיט זיך דעם אָנהויב פון אַ נייעם פעריאָד אין דער יונגער יודישער ליטעראַטור.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אויך אַרויס פון דרוק דער ערשטער באַנד פון ספעקטאָרס „הויזפריינד", און די קריטיק, וואָס האָט געהאַט אַ מעגליכקייט צו פערגלייכען ביידע אויסגאַבעס, האָט אַוועקגעגעבען דעם אויבנאָן צו דער „פאָלקס־ביבליאָטעק". אין אָדעס אָבער האָט זיך געפונען אַ קליינע שרייבערישע גרופע מיט לינעצקין בראש, וואָס האָט, איבער געוויסע פניות, זיך געשטעלט אויף דער זייט פונ׳ם „הויזפריינד". די דאָזיגע גרופע האָט נישט געקאָנט פערליידען מענדעלע׳ס „פאַטריאַרכאַט" אין דער יודישער ליטעראַטור און האָט איהר אונפריינדליכקייט צום „זיידען" אַריבערגעטראָגען אויך אויפן „אייניקעל". ביי מענדעלע׳ס אָדעסער מקורבים האָט יענע גרופע בעקומען דעם נאָמען „די סטרא־אחרא". גראָד דעמאָלט איז ספעקטאָר פערפאָהרען קיין אָדעס צו זוכען אַבאָנענטען פאַר זיין „הויזפריינד", און „די סטרא־אחרא" האָט אויסגענוצט זיין בעזוך צו אויפהויבען איהר אייגענעם פרעסטיזש. זי האָט געמאַכט לכבוד ספעקטאָרען אַ קערמעשעל, אויף וועלכען מ׳האָט געלויבט דעם „הויזפריינד" און געריסען די „פאָלקס־ביבליאָטעק", ווי דעם „זיידען" מיטן „אייניקעל" (אויף שלום־עליכמ׳ען האָט מען דאָרט דערצעהלט גוזמאות, אַז ער האָט מבזה געווען מענדעלע׳ן און זיין גאַנצע סביבה מיט צעהן־רובעלדיגע ציגאַרען. דערפאַר האָט ער מענדעלע׳ס הויזדינער איבערגעלאָזט גאָר ווייניג טרינקגעלד...) די אַלע קליינשטעדטעלדיגע מעשיות זענען איבערגעגעבען געוואָרען שלום־עליכמ׳ען דורך זיינע אָדעסער קאָרעספאָנדענטען. און כאָטש שלום־עליכם האָט זיך געמאַכט נישט הערענדיג דערפון און האָט אויך געוואוסט, אַז מענדעלע האַלט זיך העכער פונם דאָזיגען „קליינוואַרג", האָט ער אָבער געוואָלט, ווייסט אויס, געבען דעם זיידען אַ מין סאַטיספאַקציע קעגען זיינע „שטיגוטערעס", און ביי דער ערשטער געלעגענהייט, נאָכן צווייטען באַנד „פאָלקס־ביבליאָטעק", קומענדיג מיט זיין פרוי סוף זומער 1890 קיין אָדעס, האָט ער אין דעם רייכסטען האָטעל פון שטאָדט, אין דער „סיעווערנאַיאַ גאָסטיניצאַ", געגעבען לכבוד מענדעלע׳ן אַ





באַנקעט, צו וועלכען עס זענען פערבעטען געוואָרען אַלע גוטע פריינד און מקורבים פונם זיידען. פון דעם דאָזיגען באַנקעט האָט מען אין אָדעס גערעדט נישט נאָר אין יענע טעג, נאָר מען האָט פון איהם דערצעהלט מעשיות יאָהרען־לאַנג נאָכדעם. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די „פני" פון דער שריפטשטעלערישער קאָלאָניע, מען האָט זיך שטאַרק משמח געווען, גערעדט וועגען דער וויכטיגקייט פון דער אויפגעהענדיגער פאָלקס־ליטעראַטור, געהערט דעם זיידענס שאַרפע תורה און חריפות־דיגע משלים. יונגעלייטלעך־משכילים, וואָס האָבען נישט געהאַט די זכיה צו זיין אינעווייניג, האָבען אַ גאַנצע נאַכט זיך געקלעפט אַרום די פענסטער פונם האָטעל, געגאַרט כאַפען כאָטש אַ וואָרט, אַ מינע, אַ בעוועגונג פון די „גדולים". די שמחה האָט זיך פערצויגען ביז אין ווייסען טאָג אַריין — ביז משה ליב ליליענבלום. וואָס האָט געדינט אין דער שטאָטישער חברא־קדישא, האָט אַ קוק געטהון אין פענסטער, זיך אויפגעכאַפט פונם אָרט און אַ זאָג געטהון אויף זיין שטאַמלענדיגען לשון: „אוי וויי, ס׳איז שוין גרויסער טאָג! מען דאַרף שוין געהן בעגראָבען יודען!..."

דאָס איז געווען דער לעצטער „גבירישער" זשעסט שלום־עליכמ׳ס אין דעם אינטימען קרייז פון זיינע אָדעסער חברים. וואָרום תיכף נאָך דעם איז פאָרגעקומען דער קריזיס אין זיינע געשעפטען, דורך וואָס ער האָט פערלוירען זיין גאַנץ פערמעגען, נאָכדעם ווי ער האָט אַ צייט זיך אויסבעהאַלטען אין אויסלאַנד פון זיינע קרעדיטאָרען, איז ער צוריקגעקומען נישט קיין קיעוו, נאָר קיין אָדעס, וואו ער האָט זיך בעזעצט מיט זיין פאַמיליע אויף עטליכע יאָהר. פון אַרויסגעבען ווייטער די „פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט ער זיך געמוזט אָבזאָגען (ער האָט געפרובט אַרויסלאָזען דעם „קול מבשר", וואָס האָט בעדאַרפט דינען ווי אַ פירגעהער פאַרן דריטען באַנד „פאָלקס־ביבליאָטעק", נאָר דערביי איז עס געבליבען); דערפאַר האָט ער דאָ, דורך דער אמתער ליבשאַפט פון די אָדעסער חברים, געהאַט די מעגליכקייט צו איבערצייגען זיך, אַז זיין פלאַץ אויבנאָן אין

דער יודישער ליטעראַטור איז פאַר איהם געזיכערט: אויב ער איז שוין מעהר נישט דער רייכער קיעווער אַרויסגעבער, איז ער אָבער פערבליבען שלום־עליכם — און דאָס איז אָן אָן ערך וויכטיגער!

אין די עטליכע יאָהר, וואָס שלום-עליכם האָט פערבראַכט אין אָדעס (פון פריהלינג 1891 ביז הערבסט 1893) איז ער אינערליך רייפער געוואָרען און האָט ענדליך געפונען זיין אייגענעם וועג. ס'איז דעמאָלט דווקא געווען אַ שטילשטאַנד אין דער יודישער ליטעראַטור, קיין פעריאָדישע אויסגאַבעס זענען נישט ערשינען, און צוליעב מאַטעריעלע צוועקען איז שלום־עליכמ'ען אויסגעקומען צו שרייבען רוסיש. (אַ רייהע פעליטאָנען און לירישע סקיצעס אינם „אָדעססקי ליסטאָק"), און אויס ליבהאָבערישער אַמביציע — אויך העברעאיש; נאָר אין דער דאָזיגער שטילקייט איז ביי איהם אויסגעוואַקסען דאָס בעוואוסטזיין פון זיין אייגענער, זעלבסטשטענדיגער קראַפט. דערצו האָט זיכער געווירקט די נאָהענטקייט זיינע מיט מענדעלע'ן. אונטער מענדעלע'ס פערזענליכער השפעה האָט ער זיך בעפרייט פון מענדעלע'ס ליטעראַרישער השפעה. אַ וואונק דערויף האָט אונז שלום־עליכם אַליין געגעבען אין זיין פראַכטפולען קאַפיטעל זכרונות פון יענער צייט, אונטערן נאָמען „אויטאָ־דאַ־פע",*) אין וועלכען ער דערצעהלט, ווי אַזוי מענדעלע האָט איהם גאָר אָן אַ שום רחמנות געהייסען פערברענען זיינס אַ ווערק, וועלכעס איז געווען געשריבען טאַקע „אונטערן איינפלוס פונם זיידען". „כמו ווי להבדיל אַ מין „קליאַטשע", און מענדעלע האָט וועגען דעם געזאָגט, אַז „דאָס איז — פע!!!" אפנים, דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע ווערק, אין וועלכען דער אייניקעל האָט זיך געהאלטען ביים זיידענס קאַפאָטע, ווייל נאָהענט צו יענער צייט האָט זיך בעוויזען די ערשטע סעריע פון מנחם-

———

*) דאָס קאַפיטעל-זכרונות איז געדרוקט אין באַנד XXI פון דער איצטיגער מענדעלע־אויסגאַבע. רעד׳





מענדלס בריוו („לאָנדאָן" אינם „קול מבשר") — שלום־עליכמ'ס אייגענער אָפענער ברייטער וועג.

דער אָדעסער פעריאָד איז פערבליבען ביי שלום-עליכמ'ען אין זכרון ווי אַ צייט פון הרחבת-הנפש, פון הויכען גייסטיגען גענוס. דערהויפט זענען איהם געלעגען אין טעם די אָפטע לאַנגע שמועסען מיטן זיידען. שלום-עליכמ'ס עלטסטע טאָכטער דערצעהלט, אַז מענדעלע פלעגט יענע יאָהרען זיין אַנ'אָפטער גאַסט ביי זיי אין שטוב, און זי, דעמאָלט אַ קינד, פלעגט זיך שטאַרק שרעקען פאַר איהם. איהר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזען, אַז „דער זיידע וויל שלאָגען דעם פאַפאַ". דער דאָזיגער איינדרוק איז געקומען פון מענדעלע'ס הילכיגער לייבענשטים און פון זיין אַגרעסיווען טעמפעראַמענטפולען שטייגער פון ריידען.

די ליעבשאַפט צווישען זיידען מיטן אייניקעל, וואָס איז שטאַרק איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין יענע טעג, איז ביי זיי פערבליבען אויפן גאַנצען לעבען. דאָס איז געווען אַ ריהרענדע ליעבשאַפט, ווי צווישען אַנ'אמת'ען זיידען מיט אַנ'אייניקעל, און דיזעלבע קרובהשע בעציהונגען זענען איינגעשטעלט געוואָרען אויך צווישען ביידענס פאַמיליעס. דער ליטעראַרישער ערפאָלג פון איינעם האָט דעם צווייטען נאָר געקאָנט פרעהען. קיין „קנאת סופרים" איז דאָ נישט געמאָהלט געווען. ס'איז אַ פאַקט, אַז שלום־עליכם פלעגט זיך אפילו פיהלען שאָקירט, טאָמער האָט איהם ווער געזאָגט, אַז ער זאָט איבערגעיאָגט דעם זיידען. מיטן זיידען טאָר זיך קיינער נישט פערמעסטען, ווייל ער איז אַ זיידע, — ד ע ר ע ר ש ט ע ר. און מענדעלע'ן ווידער איז טייער געווען דער כבוד פון זיין אייניקעל, און ער האָט נאָכגעפאָלגט זיינע טריט אין דער ליטעראַטור, ווי אַנ'אמת'ער געטרייער זיידע. איך דערמאָן מיך, ווי אַזוי ער איז געווען נישט־צופריעדען, בעת שלום-עליכם האָט אין 1913, אינ'ם „היינט", אַרויסגעפיהרט מנחם־מענדלען אין אַ נייער ראָל — אַלץ ציישונג־מענטש. „אוי, הערט איהר, — האָט ער מיר דעמאָלט געזאָגט אין אַ שמועס — איך האָב דאָך מורא, ער זאָל חלילה זיין מנחם־מענדלען נישט קאַליע מאַכען. מנחם-מענדעל

איז אַ פערענדיגטע פיגור. מען טאָר איהם מעהר נישט טשעפּען! וואָס וויל ער דען מיט איהם טהון ווייטער? צוקלעפּען נאָך אַ נאָז? אויף וואָס טויג מנחם־מענדלען צוויי נעז? בענוג איין נאָז!... אַי, הערט איהר, — האָט ער זיך גענומען רייבען דעם הויכען געקנייטשטען שטערן. — מען וואָלט איהם בעדאַרפט זעהר נויטיג שרייבען אַ בריוועל וועגען דעם!"...

איך געדענק, ווי ער האָט זיך דעמאָלט צערעדט וועגען שלום־עליכמען מיט אמת'ער זיידישער וואַרימקייט, אין יענער צייט האָט זיך געהאַט געדרוקט מיין העברעאישע איבערזעצונג פון שלום־עליכמס „דריידל“, און מענדעלע האָטג ענומען ריידען וועגען דעם, ווי ער וואָלט עס דאַן צום ערטען מאָל געלייענט:

— אַ מענש ווייסט נישט, הערט איהר. וואו זיין כח שטעקט. אָט שיט ער פון אַרבעל אַזעלכע קליינע זאַכען, אמת'ע פּערל. און קוקט זיך גאָרנישט אום אויף זיי. דאַכט זיך, אַ וואָס? אַ נאַרישקייט, אַ דריידל דאָרטען, אסור, זאָג איך אייך, הערט איהר, אסור אויב ער ווייסט, וואָס פאַר אַ מין דריידל דאָס איז!...

אין דער אָדעסער שריפטשטעלערישער קאָלאָניע איז געווען בעקאַנט די כאַראַקטעריסטיק, וואָס מענדעלע האָט דורכגעפיהרט פּאַראַלעל צווישען זיין אייגענעם שטייגער פון שרייבען און שלום־עליכמ'ס:

— איך, אַז איך פערטראַכט עפּעס צו שרייבען, — האָט ער געזאָגט — צו וועמען בין איך געגליכען? צו אַ אידינע, וואָס פערגעהט אין טראָגען. אוי, דער צער פון טראָגען, מע זאָל גאָר בעהיט און בעשירמט ווערען דערפון!.. קודם־כל, ווי דער שטייגער איז ביי אַ אשה אין אַזעלכע אומשטענדען, בעפאַלט מיך ניט פאַר אייך געדאַכט, אַ ניטגוטקייט... אַפּנים, פון דעם געדאַנק אַליין, אַז איך דאַרף מיך אַוועקזעצען שרייבען, ווערט מיר שוין ניט גוט... דערנאָך הויבט זיך אָן אַ סדרה פון טראַכטענישען, איבערקלערענישען, צוהערענישען צו דעם, וואָס קומט־פאָר אינווייניג... היינט דאָס פּילעווען זיך, דאָס היטען זיך פון אַן איבעריגען קעהר, פון אַ צו שאַרפער בעוועגונג. מע זאָל גאָרנישט געפּרווט ווערען!... מוז מען שוין זיצען איי געהאַקטע וואונדען





פערשפּאַרט ביי זיך אין קאַמער, בפרט נאָך אין די הויכע חדשים... היינט די בייזע מחשבות, טאָמער, חלילה, איז מען מפּיל, אָדער טאָמער ווערט גלאַט געבוירען אַ פּערזוהעניש, ווי איז מיר ג... גו, און אַז עס קומען שוין אָן די געבורטווייהען, די אמת'ע חבלי־לידה, איז דאָך נישט שייך צו דערצעהלען—דעמאָלט איז דאָך הימעל עפען זיך!... איהר שפּילט זיך עפּעס מיט אַ קימפּעטאָרין, אַז זי געהט צו קינד? — — — ביי שלום־עליכמ'ען קומט פאָר דיזעלבע געשיכטע גאַנץ אַנדערש. עס דרעהט זיך אום אַ הון איבערן שטוב, קוואָקעט עפּעס פאַר זיך אַ לידעל, פּיקט־פּיקט, אַ פּיק דאָ, אַ פּיק דאָרט, און איידער איהר קוקט זיך אום, האָט זי זיך שוין צוגעזעצט ערגעץ אין אַ ווינקעלע— אַהאַ, מזל־טוב, געלייגט אַן אַיי!...

אין דער דאָזיגער שאַרפזיניגער כאַראַקטעריסטיק האָט געשטעקט אַן'אמת נאָר בנוגע דער אויסערליכקייט פון שלום־עליכמ'ס שאַפען — זיין פּראָדוקטיוויטעט; אינערליך אָבער פלעגט שלום־עליכם אויסוועהטאָגען זיינע וויכטיגע שאַפונגען, ווי יעדער אַנדערער עכטער שעפער, און נישט איין מאָל פלעגט ער שרייבענדיג זיך צעבייסען די נעגעל ביז בלוט. דער פערגלייך צווישען מענדעלע'ס און שלום־עליכמ'ס שאַפען וואָלט בעדאַרפט געמאַכט ווערען אַ ביסעל אַנדערש: אין דער צייט, וואָס מענדעלע האָט געהערט צו דעם מין געווינערינס, וואָס געווינען זעלטען, און דעריבער קומט זיי אָן שווער דאָס האָבען, — האָט שלום־עליכם געהערט צו דעם קינדערליגען מין, וואָס „חבלי־לידה“ שרעקען זיי נישט אָב. דערצו פלעגט ביי איהם גאַנץ אָפט פּאַסירען דער נס, מיט וועלכען די יודישע פרויען זענען אַמאָל געבענטשט געווען אין מצרים: ער פלעגט געווינען זעקס מיט אַמאָל.

אויסער דער „פאָלקס־ביבליאָטעק“ זענען דערנאָך ביים זיידען מיטן אייניקעל קיין געמיינזאַמע ליטעראַרישע טראַנזאַקציעס נישט געווען, און זייער קאָרעספּאָנדענץ איז געווען אַ ריין פריינדשאַפטליכע, בעסער געזאָגט, אַ קרובהשע. עס האָט נישט געקאַנט אַוועקגעהן קיין לאַנגע צייט, שלום־עליכם זאָל

נישט קומען צו מענדעלע מיט אַ גוטען בריוועל, צו בעווייזען איהם זיין אויפמערקזאַמקייט און געטריישאַפט. און פערשאַפען דעם זיידען אַ נחת־רוח איז פאַר איהם געווען אַ שמחה. אַז מען האָט אין 1910 געפייערט דעם פינף־און־זיבעציגסטען געבורטס-טאָג פון מענדעלע׳ן, האָט שלום־עליכם לכבוד דעם יום-טוב אָנגעשריבען צוויי אַרטיקלען מיט אַמאָל — „ווי שעהן איז דער בוים!"*) און אויטא־דאַ־פע" (אינם „מאָמענט" און אין דער „הצפירה"), ווען ער זאָל דעמאָלט האָבען די מעגליכקייט צו דרוקען זיך אין נאָך צייטונגען, וואָלט ער נישט מיעד געוואָרען צו שרייבען נאָך, וואָרום וועגען דעם זיידען האָט ער געהאָט „צו דערצעהלען און צו דערצעהלען".

נאָך די אָקטאָבער־פּאָגראָמען פון 1905, נאָכדעם ווי שלום-עליכם האָט דורכגעמאַכט זיין נסיעה איבער גאַליציע און אַמעריקא, האָט ער זיך מיט מענדעלע׳ן ווידער צוזאַמענגעטראָפען אין איין שטאָדט — אין זשענעווע — דאָרט איז דעמאָלט געזעסען אויך בן־עמי — איינער פון די אָנגעזעהענסטע מיט־גלידער אין דער אָדעסער משפחה, און ס׳איז געווען, ווי שלום-עליכם פלעגט זאָגען „חדש ימינו כקדם", אַן אָבקלאַנג פון די גוטע אָדעסער יאָהרען. דערהויבט איז געוואָרען יום-טוב, בעת ח. נ. ביאַליק איז געקומען צו גאַסט אויף אַ קורצער צייט. די מאַטעריעלע לאַגע ביי שלום-עליכם׳ען איז דעמאָלט געווען דווקא נישט קיין פריילּיכע, נאָר דאָס האָט נישט געמינערט אויף אַ האָר די געהויבענע שטימונג, וואָס ביי איהם האָט אַרויסגערופען אַזאַ געשעעניש: פיער שריפטשטעלער, וועלכע זענען פערבונדען איינער מיטן אַנדערען דורך צאַרטע און שטאַרקע משפחה-פעדים, בעגעגענען זיך אין איין סביבה! אַ ביסעל איז די דאָזיגע בעגעגעניש בעשריבען געוואָרען פון שלום-עליכם׳ען אין זיין „פיער זענען מיר געזעסען"**) און

*) דער אַרטיקעל „ווי שעהן איז דער בוים" איז אָפּגעדרוקט אין באַנד XX פון דער מענדעלע־אויסגאַבע. רעד.

**) אויסצוגען פון די זכרונות, איבערהויבט די ערטער, וואָס האָבען אַ





„מיין בעקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק". מען האָט זאַלבעפערט געמאַכט שפּאַציר-גענג אין די בערג, געפיהרט ליטעראַרישע געשפּרעכען, זיך פערמאָסטען איינער מיטן אַנדערען אין שטי-פעריי. איינמאָל, ביי אַ גלעזעל כרמל-וויין, אַז אַלע זענען גע-ווען בגילופן, האָט שלום־עליכם פאַר זיינע חברים הויך־מייס-טעריש, ווי אַן אמתער אַרטיסט, אָבגעשפּיעלט די ראָל פון רב אלטערען אין זיין קאָמעדיע „מזל-טוב", וואו עס ווערט איבער־געחזר׳ט די פראַזע: „אַ יוד איז קיינמאָל נישט שיכור"...

די לעצטע יאָהרען, קראַנקערהייט, האָט שלום־עליכם נישט אויפגעהערט צו שרייבען בריוו דעם זיידען ביי יעדער פּאַסי־גער געלעגענהייט. דערביי האָט זיך אין די בריוו נישט גע־פיהלט דער טאָן פון אַ קראַנקען מענשען. פאַרן זיידען האָט ער זיך געוואָלט תמיד בעווייזען אין פרעהליכען געמיט, ווי עס פּאַסט פאַר אַן׳אייניקעל. עס איז געווען אַ צייט, וואָס די דאָקטוירים האָבען איהם פערבאָטען צו שרייבען זיצענדיג, פלעגט ער זיינע בריוו דיקטירען אויף דער שרייב־מאַשין. נאָר מיט מענדעלע האָט ער זיך ערלויבט צו מאַכען אַן׳אויסנאַהם: צו איהם האָבען די בריוו געמוזט געשריבען ווערען מיט זיין איי־גענער האַנד, און דווקא מיטן פיין-געטאָקטען פערלדיגען כתב — „אַ לאַ אַבראַמאָוויטש".

נאָר איין מאָל, געדענק איך, האָט מענדעלע בעקומען פון שלום-עליכם׳ען נישט קיין פריילּיכען בריוו. דאָס איז גע־ווען אין אָנהויב 1913, בעת שלום־עליכם איז געלעגען קראַנק אין אַ קליניק אין בערן, און די בערנער ספּעציאַליסטען האָ־בען געזאָגט, אַז ער מוז אָפּערירט ווערען. שלום-עליכם האָט בשום־אופן נישט דערלאָזט צו אַן׳אָפּעראַציע, כאָטש ער האָט זיך שטאַרק געשראָקען, אַז ער וועט די קראַנקהייט סיי ווי נישט אַריבערלעבען, און אָט דעם פערצווייפעלטען צושטאַנד האָט ער אָנגעשריבען צו מענדעלע׳ן אַ מין אָבשייד־בריוו. מענ־

שייכות צו מענדעלען זענען אָבגעדרוקט אין באַנד XXI פון דער איצטיגער מענ־דעלע־אויסגאַבע. רעד.

דעלע האָט מיך דעמאָלט גערופען צו זיך און געוויזען דעם בריוו. דער אַלטער זיידע איז געווען שטאַרק נידערגעשלאָגען און צו דערזעלבער צייט אויך מאָדנע גערירט.

— ער האָט מיר גאָר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען! — האָט ער זיך פאַר מיר געקלאָגט. — איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט צומאַכען מיט קיין אויג... הערט אַ מעשה! אַז שלום-עליכם זאָל שוין קאָנען שרייבען אַזאַ בריעף — איז פע, נישט גוט!... „געוואַלד, שרייט ער, זיידע, איך שטאַרב!... פע! פע! וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון? ווי קומט דאָס צו איהם?... ער האָט מיר גאָר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען!...

ער איז געזעסען ביי זיין גרויסען שרייבטיש אַ פערוואָלקענדער מיט האַלב-צוגעמאַכטע אויגען, און גערעדט ווי פאַר זיך:

— זיי זאָגען דאָך שוין אַלע איצט: זיידע, זיידע... מילא, מהיכא־תיתי, זעהר פיין, איך האָב צו זיי גאָרנישט... דער אמת'ער אייניקעל איז דאָך אָבער פאָרט ער!... נאָך פון גאָר די ערשטע יאָהרען!... עפּעס אַ קליינינקייט ביי מיר שלום־עליכם!... און ווען ווייזט זיך עס אַרויס? טאַקי אין אַ עת צרה... ווי אַן אייגען קינד פעסטעט ער זיך פאַר מיר... האָסטו געהערט אַ ביסעל? ער האָט מיך גערירט ביז טרעהרען, כ'לעבען!...

אַז איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל אָנשרייבען שלום־עליכמ'ען אַ ג'ענטפער און איהם בערוהיגען, האָט ער מיך אָנגעקוקט כמעט ווי ברוגזלעך:

— מענש איינער, ווי קאָן איך? ס'איז דען עפּעס גאָר אַ קאַטאָוועס זיך אָוועקזעצען אין אַזאַ צושטאַנד שרייבען בריוולעך?... בפרט, אַז אַליין בין איך אויך קראַנק און צעבראָכען, און דאָס טינטערל שטעהט שוין ביי מיר לאַנג פערטריקענט...

שלום־עליכם האָט קיינמאָל נישט געקוקט דערויף, וואָס דער זיידע איז געווען קאַרג אויף שרייבען בריעף. ער האָט געוואוסט, ווי שווער עס קומט איהם אָן דאָס שרייבען, דערהויבט אין די יאָהרען פון זיין הויכען עלטער, ובפרט אין אַ צייט, ווען „דאָס טינטערל שטעהט ביי איהם פערטריקענט", — און ער האָט דעריבער נישט געפיהרט מיט איהם קיין חשבונות. ער האָט איהם גערן געשריבען, וויסענדיג פאָראויס, אַז נישט אַלע מאָל קאָן מען פון איהם ערוואַרטען אַ תשובה. דאָס איז פאַר איהם געווען אַן'איינגענעמע פליכט, אַ מין „כבוד־אב" און אפילו אינם לעצטען יאָהר אין אַמעריקא, ווען ער האָט צו קיינעם פון זיינע חברים אין רוסלאַנד קיין בריעף נישט געשריבען (טיילווייז מחמת זיין געדריקטער שטימונג, און טיילווייז דערפאַר, וואָס מ'האָט נישט געטאָרט שרייבען אַהין אויף יודיש), איז דער זיידע געווען דער איינציגער, וועמען ער האָט געשיקט זיין גרוס איבערן ים, כאָטש אויף אַ פרעמדער שפּראַך און כאָטש אין אַ געדריקטען געמיט, וואָס מען קאָן זעהען פון דעם אָבגעהאַקטען, קורצאָטעמדיגען סטיל. דאָס איז געווען דאָס לעצטע געזעגענען זיך צווישען אייניקעל מיטן זיידען, און די לעצטע פראַזע אינם בריוועל קלינגט אַזוי רירענד, ווי דער סוף פון אַ לעבענסלאַנגען דועט, געזונגען אויף צוויי בעזונדערע שטימען, נאָר דורך צוויי נאָהענטע, מיט לייב און נשמה פערוואַנדטע קינסטלער אויף איין בינע:

„אויף ווידערזעהען. צי וועלען מיר זיך נאָך זעהען מיט אייך אויף דער וועלט?..."

אויסצוגען פון ארטיקעל אין „שלום־עליכם־בוך", „מיט דער משפחה פון שריפטשטעלער".

מ. ספעקטאָר

# מענדעלע מוכר־ספרים

הויך און שלאַנק־געוואַקסען, מיט זילבערנע האָר אויף דעם קאָפּ און אין דער באָרד, קוקט ער אויף גאָטס וועלט מיט גוטע און קלוגע אויגען.

איהר מעגט זיין מיט איהם וועהניג בעקאַנט, איהר מעגט איהם זעהען דאָס ערשטע מאָל, ווערט איהר האָבען גרויס נחת, ווען איהר קומט אויס צו רעדען מיט איהם.

יעדעס וואָרט זיינס טראָגט אַריין אין יעדען האַרץ ליעב־שאַפט און ווארעמקייט. — —

ר׳ מענדעלע איז פון די געצעהלטע יודישע שריפטשטע־לער, וואָס וואוינען אין גרויסע צימערן...

ער האָט נישט ליעב קיין צימער מיט אַ סך אָנגעשטעלט מעבעל, אָדער ווי ער רופט אָן אַזעלכע צימער, „סקלאַדען פון מעבעל", ער האָט אומעטום ליעב די פרייהייט.

שעה׳ן לאַנג האָט ער ליעב איינער אַליין צו שפּאַצירען איבער דעם זאַל הין און צוריק און דערהויבט אין די טעג, ווען ער האָט פערטראַכט „זיך זעצען" עפּעס אָנשרייבען...

נאָהענטע בעקאַנטע—ווען ער ברויכט מיט זיי רעדען— האָט ער ליעב נעהמען געאָרעמט און צוזאַמען מיט זיי שפּאַ־

צירען איבער דעם זאל ביז ער ענדיגט נישט דעם געשפרעך.

און אין דעם לעדיגען זאַל רופען זיך אָב זיינע ווערטער, קלינגענדיג און הילעכדיג, און אין דעם דאָזיגען זאַל ווערט פול מיט לעבען און עס ווייזט זיך אויס, אַז עס רעדען און פיהרען אינטערעסאַנטע שמועסען אַ סך מענשען.

ווען ר׳ מענדעלע געהט זיך „זעצען שרייבען“, מאַכט ער הכנות ווי צו אַ הייליגער אַרבייט...

אויף דעם טיש, וואו ר׳ מענדעלע זעצט זיך שרייבען, מוז זיך געפינען אַ מדרש, אַ ש״ס׳ל און אַ תנ״ך׳ל.

דאַכט זיך, וואָס געהערען זיך אָן די ספרים צו דער „קליאַטשע“ צו „פישקע דעם קרומען“ א. ד. ג. פון אַבראַמאָוויטשעס טיפען; דאָך אָהן די ספרים קומט נישט צו איהם דער רוח־הקדש, די „מוזע“, ווי די פּאָעטען זאָגען.

יעדע שורה, וואָס ער דאַרף אָנשרייבען, ווערט פריהער גוט בעטראַכט, דערנאָך גוט אויסגעאַרבייט, אָדער ווי אַבראַמאָוויטש רופט עס אָן — „פיילען“. ביי איהם דאַרף יעדער זאַץ האָבען אַ „קאָנסטרוקציע“ און אויסגעאַרבייט ווערען מיט אַלע „פליטערלעך“.

דאָס רוב האָט ער ליעב צו שרייבען אויף גרויסע בויגענס פּאַפּיער און אַז ער ענדיגט אַ זייטעל, הויבט זיך ווידער אָן דאָס פיילען מיט אַלע פליטערלעך: אויף יעדער שורה ווערט אָפּט אַרויפגעשריבען נאָך אַ שורה, און אויף דער דאָזיגער שורה — ווידער נאָך אַ קליין שורה׳לע און אויף דער קליינער שורה׳לע ווערט צוגעשריבען מיט ברעקלעך אותיות׳לעך נאָך אַ קלענערע שורה׳לע—אַזוי אַז אין אַבראַמאָוויטשעס כּתב־יד קאָן מען געפינען אַ דריי און פינף גאָרענדיגע שורה.

נאָר צום דרוק ווערט איבערגעגעבען אַבראַמאָוויטשעס כּתב־יד ריין ווי „פּערעלעך“, אָהן אַ שום קלעק. פערשטעהט זיך, אַז אין די זעצער האָט אַבראַמאָוויטש דערפאַר די בעסטע פריינד...

— אַ פערגעניגען, אַ געזונד, זאָגען זיי, צו זעצען ר׳ מענדעלע׳ס כּתב־יד.





ווען דער כּתב־יד איז שוין אינגאַנצען ביי איהם פאַרטיג און עטליכע מאָל „אָבגעפיילט“ און „איבערגעפיילט“—האָט ער נישט ליעב באַלד עס אַוועקגעבען צום דרוקען.

אַ כּתב־יד, זאָגט ר׳ מענדעלע, אַז ער איז שוין אינגאַנצען פאַרטיג מיט אַלע „פליטערלעך“, האָט ליעב עס זאָל זיך „אָנוואַרעמען“, „אויסוואַרעמען“...

פון בוך „מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס“. געקירצט.

א. ווייטער

# דער אָנהויב

אַלץ זיך, ביי אַלעמען איז געווען אַזוי, ביי אַלע שרײַ־
בער אין אָנהויב פון זייער ליטעראַרישען שאַפען. אָנגעהויבען
האָט מען פון דעם אונגעוועהנליכען, פון דעם אויפפאַלענדיגען.
איבערשאַפען פלעגט די ליטעראַטור אָדער דאָס, וואָס איז אין
אמת׳ן נישט געוועהנליך, אָדער דאָס, וואָס זעהט נאָר אויס אַזוי.
קומען אין דער ליטעראַטור אַריין פלעגט נאָר דאָס אויס־
טערלישע.

און ממילא — דאָס געפעלשטע.

פאַלש איז געווען די אַרט שאַפען. נישט צונויפגעגאָסען
איז געווען דער שאַפענדיגער מיט דעם געשאַפענעם. אַ מיין,
אַ כונה אַ זייטיגע, איז געלעגען צווישען זיי. די ליטעראַטור
האָט געוואָלט וועהלען אָדער מיט דעם פאַנטאַסטישען פון דעם
אַלטען פסעוודאָ־קלאַסיציזם, אָדער מיט דעם קאַלט־צוגעטראַכטען
פון דעם אַלטען ראָמאַנטיזם, אָדער גאָר מיט׳ן וויץ, מיט דער
קאָמישער תנועה פון דער אַלטער הומאָרעסקע.

פאַלש איז געווען דער אינהאַלט פון דעם שאַפען. אַפילו
אין סאַמע אָנהויב פון איהר ענטשטעהען פלעגט יעדע ליטעראַ־
טור האָבען צו טהון מיט די אייביגע פראַגען אונזערע, מיט

די שטענדיגע פאַרבען פון לעבען — סוף-כל-סוף מיט דעם זין פון לעבען. נאָר אויפגעדעקט פלעגט ווערען אָט דער זין פון לעבען אין דער קרומקייט פון זעלטענעם, און דאָס אַליין פלעגט דעם דאָזיגען זין פערקרימען.

און שטענדיג פלעגט קומען איינער, דער אמת׳ער, דער, אין וועמען ס׳פלעגט זיך אָנזאַמלען די שאַפענדיגע קראַפט פון גאַנצען פאָלק, פלעגט זיך אויך אָננעמען פאַר די אַלטע פאָרמען און פלעגט זיי גובר זיין. מיט דעם געוואַלדיגען כּוח, וואָס נאָר אַ גאַנץ פאָלק קאָן געבען, פלעגט ער סוף-כל-סוף דורכברעכען דאָס פאַלשע פון די אַלטע פאָרמען און קומען צום אמת׳ן שאַפען, צום עכטישען שאַפען.

און וואָס גרעסער די שאַפענדיגע קראַפט פון דעם איינעם פלעגט זיין, וואָס שטאַרקער און עכטיש-געזינטער דאָס פאָלק פלעגט זיין, אַלץ וועהניגער שפורען פון דעם אַלטען פלעגט בלייבען ביי דעם נייעם שעפער, ביי דעם אָנהויבער פון דער נייער עפּאָכע, און אַלץ וועהניגער לעבענ׳ס-פעהיג פלעגען בלייבען די דאָזיגע שפורען.

---

דאַכט זיך, אַז אין אָנהויב פון יעדער ליטעראַטור צוזאַמען מיט דעם פאַנטאַסטישען הערשט די סאַטירע. דאָס איז די צוגענגליכסטע פאָרם פון יענער צייט. פאַר די, וואָס שאַפען מיט דעם מיין צו פערווייליען, איז די סאַטירע דאָס גינסטיגסטע מיטעל. דאָס פאַנטאַסטישע מאַכט מיד; נעהמט מען דאָס, וואָס זעהט אויס אונגעוועהנליך, וואָס האָט דעריבער דעם אויסזעהן פון דעם פאַנטאַסטישען, נעהמט מען דאָס זעלטענע, אין וועלכען עס ליגט אַ צופעליגע דיסהאַרמאָניע — דאָס אויבערפלעכליך-קאָמישע.

צום ביישפיל, ליעבע — די אייביגע טעמע. אַ לעגענדאַרער ריטער ליעבט אַ פערכישופ׳טע פרינצעסין. איינער, אַ מענש, ליעבט אַ געוועהנליך מיידעל. אַ קרומער „בורקוט" איז פערליעבט אין אַ בלינדער מיאוסקייט, מיט וועלכער ער געהט





איבער די הייזער. אין אָנהויב פון דער ליטעראַטור זעהט דעם שרייבער׳ס אויג אָדער דאָס ערשטע אָדער דאָס לעצטע. דער געוועהנליכער פאַל, דער צווייטער, פערדיענט נישט זיין אויפמערקזאַמקייט. און פון די ביידע אונגעוועהנליכע, פון די אינטערעסאַנטע פאַלען, איז אין דער צייט דער אינטערעסאַנטסטער, דער צוגענגליכסטער דער דריטער פאַל — דער קאָמישער, דער אויפפאַלענדיג-קאָמישער.

ווי אין אַ צירק. עס שפרינגט אַרויס דער פאַיאַץ. אונגעוועהנליך געקליידט, אַנ׳אונגעוועהנליך אויסזעהן. געוואַלדיג ברייטע הויזען און געוואַלדיג קורצע. אַ משונה׳דיגער ראָק. האָט שטענדיג האָר פון אַ נישט געוועהנליכער פאַרב. אַ פאַנטאַסטישע נאָז. און געקרוינט מיט דער פאַיאַץ-מיץ. מיט דער בעריהמטער פאַיאַץ-מיץ... יעדער טריט זיינער בעדאַרף זיין אַ פערדרעהטער, ביי יעדען וואָרט — אַ תנועה. אַן „אינטערעסאַנטע" תנועה. לאַכט ער — בעדאַרף ער לאַכען געוואַלדיג, וויינט ער, דאַכט זיך — טייכען גיסען זיך, פאַלט ער — דרעהט ער זיך דריי מאָל מיט׳ן קאָפ אַריבער...

און אַז עס קומט דער איינער, דער אמת׳ער, נעהמט ער אויך די אַלטע געפעלשטע פאָרם, הויבט ער אויך אָהן פון דעם פאַלשען קלאַסיציזם, פונ׳ם אויסגערעכענטען ראָמאַנטיזם אָדער — עפטער — פון דער אַזוי-גערופענער סאַטירע און איז זיי — די אַלטע פאָרמען — גובר; בויענדיג אין זיי, צעשטערט ער זיי און לעגט דעם ערשטען, דעם וויכטיגסטען ווינקעלשטיין אויף דעם צוגעגרייטען באָדען.

אַזוי האָט גאָגאָל אָנגעהויבען פון דעם קאָמישען פריץ, וואָס האַנדעלט מיט טויטע נפשות, און אין דער אַלטער פאָרם פון אויפפאַלענדיגען און אויסטערלישען, פון צופעליגער דיסהאַרמאָניע און צייטווייליגע ווידערשפרוכען, און געשאַפען אַ געניאַל-טראַגיש בילד פון אַ גאַנצען דור בפרט און פון אַ גאַנצען פאָלק בכלל. אַזוי האָט סערוואַנטעס אָנגעהויבען פון דעם אַלטען בעקאַנטען קאָמישען פערשוין, וואָס גלויבט אַליין אין זיינע לופט-שלעסער, און געענדיגט מיט אַ מאָנומענטאַלען טיפּ,

פון דעם דאָן-קישאָט, וועלכער קיין קינסטלער פון קיין פאָלק האָט נאָך עד היום נישט געקאָנט איבערשטייגן.

---

נישט דווקא מיט דער סאַטירע, וואָס איז גובר זיך אַליין, הויבט זיך אָהן די ליטעראַטור. נעבען גאָגאָל'ן איז געשטאַנען פּושקין, וואָס האָט בעזיעגט די אַלטע פאָרמען אין דעם קלאַסיציזם און אין דעם ראָמאַנטישען, גייסטיג-רייכערע פעלקער, אָדער גייסטיג-טיעפערע (טראַגישע) פעלקער האָבען דווקא אין דעם ראָמאַנטישען געפונען דעם נייעם וועג, וואָס פיהרט פון דעם געפעלשטען צו דעם אמת'ן, צו דעם עטישען.

אַ פאָלק, וואָס פערמאָגט אַזאַ רייכע קולטור-ירושה, אַ פאָלק, וואָס איז דערצו אַזוי טיעף טראַגיש, ווי יודען, האָט אייגענטליך אויך געדאַרפט געפינען דעם וועג צו דעם עטישען שאַפען נישט אין דער הלצה, אין דעם אייגענטליך-אונעטישען וויץ פון דער סאַטירע, נאָר אין דעם ראָמאַנטישען. אַזוי האָט בעדאַרפט צו זיין. נאָר אַזוי איז עס נישט געוועזן.

ווער ווייסט פאַר וואָס? ווער ווייסט, פאַר וואָס און ווי אַזוי עס רייסען זיך פלוצלינג איבער ביי אונז די קוואַלען פון שאַפען, פאַר וואָס און ווי אַזוי מיר זענען געקומען פון דעם מקונן ירמיהו דורך די מאַיעסטעטישע שפאַנישע יודען, דורך די געניאַלע שעפער פון נאָך שפאַניען—צום בדחן. ווער ווייסט? נאָר אַ פאַקט איז דאָס. דער אָנהויב פון אונזער ליטעראַרישען שאַפען איז געוועזן די בדחנישע סאַטירע.

געוועזן איז דער אָנהויב — שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

און נישט דאָס, וואָס ער איז געוועזן, איז ער געוואָרען. פון אַבראַמאָוויטשעס פסעוודאָנים ביז דעם כאַראַקטער פון זיין שפראַך, און — נאָך מער — ביז דעם כאַראַקטער פון זיינע העלדען, איז מענדעלע מוכר ספרים איינגעטונקט געוועזן אין די אַלטע געפעלשטע פאָרמען, אין דער אַזוי גערופענער יודישער סאַטירע. פאַרמאָגט אָבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש די קראַפט, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט אַזוי פיעל צעהנדליגער יאָהרען





געזאַמעלט צום שאַפען און זי צום שאַפען נישט אויסגענוצט. פערמאָגט ער די געוואַלדיגע קראַפט, וואָס דער אמת'ער, דער אָנהויבער בעדאַרף צו האָבען, און אין די אַלטע פערדאָרבענע פאָרמען האָט ער אויסגעבויט ריינע בנינים, איינגעמויערט די ווינקעלשטיינער פון דער יודישער ליטעראַטור, געשאַפען איהר אָנהויב.

ער האָט דעם אַלטען בדחן בעזיעגט. אין זיך אַליין האָט ער איהם בעזיעגט. דער נייער אינהאַלט, דער עטישער אינהאַלט פון מענדעלע'ס שאַפען האָט צושטערט די פאָרמען פון זיין שאַפען. די גרויס פון מענדעלע מוכר-ספרים איז די גרויס פון פאָלק אין דער צייט. וויפיעל שאַפונגס-קראַפט דאָס פאָלק האָט אין יענער צייט פאַרמאָגט, אַזוי פיעל האָט עס מענדעלע'ן אָבגעגעבען. און פונקט אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט נאָך אין יענער צייט נישט געהאַט דורכגעמאַכט, נישט פערענדיגט די תקופה פון דעם בדחן — און אפשר האָט זי זיך דאַן ערשט אָנגעהויבען — אַזוי האָט אויך מענדעלע מ"ס נישט אין גאַנצען בעזיעגט די אַלטע פאָרמען. די אַלטע פאָרמען זענען נאָך אויף אַ לאַנגער צייט — אונזער צייט אויך אין כלל אַריינגערעכענט— געבליבען לעבענספעהיג.

און דעריבער ציהען אַלע דעם יחוס פון איהם. אַלע זענען מיר — די גרויסע און קלענערע, די גרעסערע און גאָר קליינע — אַלע זענען מיר מענדעלע'ס אייניקלעך. נאָר אין מענדעלע'ס משפחה געפינט זיך נאָך עד היום דער בדחן און ער האָט אויך דאָס רעכט אויפ'ן יחוס-בריוו.

מענדעלע מ"ס איז דער אָנהויב פון דער יודישער ליטעראַטור, נאָר דער אָנהויב, וואָס ציהט זיך נאָך, וואָס איז נאָך אַלץ אַן אָנהויב. איצט זעהט מען שוין, ווער פון די אייניקלעך איז פער'משפט אָהן אַ ליטעראַרישען דור צו בלייבען און ווער וועט ווייטער שמידען די רינגען פון דער קייט. דערווייל אָבער איז נאָך די יודישע ליטעראַטור נישט דורכגעגאַנגען די אַלע פאַזיסען פון מענדעלע'ס אָנהויב...

# שלום יעקב אבראַמאָוויטש

## I

פופציג יאָהר זענען אַוועק זינט ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבען צו שרייבען. ווי ביי אַלע ליטעראַטען, האָבען זיך אין זיין אויג און גייסט שאַרפער פאַר אַלץ אָבגעשפיגעלט די איינדרוקען פון זיין פריהער קינדהייט, און לעזען טהוען איהם מענשען, וואָס זענען שוין טיעף אַריינגעוואַקסען אין צוואַנציגס־טען יאָהרהונדערט, ביי די ברעגעס פון אַבראַמאָוויטש׳עס ווערק רייבען זיך, אייגענטליך, פיער דורות: דער עלטער־זיידע פון די ניקאָלאַיעווסקע צייטען און דער אור־אייניקעל, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט אויף זיינע פלייצעס די בהלה־צייט פון אַ רוסישער רעוואָלוציע. און צווישען דעם אונטערטאַן פון ניקאָלאַי דעם ערשטען און דעם אור־אייניקעל ליעגט איינגעשפּאַרט עפּיס אַ פערזעהעניש — די השכלה־עפּאָכע — מיט איהרע מענדעלסאָנ׳ליך און איהרע פעטערבורגער חברות. אַודאי, האָבען די פיער דורות אַנ׳אינווייניגסטען צוזאַמענהאַנג צווישען זיך. אָבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיך נישט אָבגעגעבען דערמיט אונז צוזאַ־מענצוקניפען די דורות. בולט׳ער פון אַלץ טרעט אַרויס פאַר אונז אין זיינע ווערק דער עלטער־זיידע, שאַרפער ווי די שפּע־

טערדיגע שילדערונגען שילדערט ער אונז, דער זיידע ר׳ מענדעלע, די סביבה און דעם גייסט פון דער צייט, ווען זיינע טאַטעס און פעטערס האָבן נאָך געטראָטען אויף די קאַבצאַנסקער נהלאות. ריין אָביעקטיוו גענומען, זעהען מיר ביי ר׳ מענדעלע׳ן נישט קיין איבערגאַנג פון אַמאָל צום היינט. פערטיפענדיג זיך אין זיין וועלט, פערליערען מיר דעם חוש פאַר דער היינטיגער יודישער גאַס. ווען מיר קלאַפּען־צו זיינס אַ „ספור המעשה״, דוכט זיך אונז, אַז מיר האָבן עפּיס דורכגעלעבט אַ חלום, וואָס האָט גאָר קיין שייכות נישט צו דעם איצטיגען קאָכענדיגען טאָג.

דער מענשליכער גייסט, וואָס בעזיצט דעם געטליכען כח זיך דורכצופאָהרען אין איין רגע איבער געשטאָרבענע פאַרצייטיגע וועלטען און דורות, — וואָס איז געבענשט מיט דער גאָב „להזכיר נשכחות״ און צו פערגלייכען דאָס אַלטע טויטע אַמאָל מיט דעם וואַרימען לעבעדיגען היינט — ווערט נשתומם און צומומעלט, ווען ער פאָהרט זיך דורך פון דעם היינטיגען דור צו דער צייט פון אַ „ר׳ שלמה בן חיים... בעת יודען האָבן בתמימות געגלויבט, אַז משה מאָנטעפיאָרע איז געקומען אָבקויפען ביי ניקאָלאַי דעם קיסר זיינע רוסישע יודעלעך. עס דוכט זיך אויס, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין שום קרובה־שאַפט צווישען דער היינטיגער יודישער וועלט מיט איהרע עמיגראַנטען, עקסטערנעס, דענטיסטען, חדרים מתוקנים, מלמדים עברית־בעברית, הענדלער מיט לעבעדיגער סחורה, גרענעץ־אַגענטען, מיט איהרע ציוניסטען, טעריטאָריאַליסטען, פועלי־ציון; מיט איהרע צייטונגען, מוזיקאַלישע חברות, קולטור־קאָנגרעסען, צוזאַמענפאָהרען; מיט איהרע האַנדווערק־שולען, פרוב־קאָלאָניעס און אָווענד־קורסען; מיט די צעהן־דאָקטאָרקעס, בערנער קורסיסטקעס און פאַריזער כלה־מיידלעך; מיט איהרע ליטעראַטען, בונדיסטען, צושויבערטע דעקאַדענטען — און מיט דער וועלט פון אַ ר׳ מענדעלע, וואָס איז בעשטאַנען פון „אַ חאַפּער, אַ מגיד, אַ מוסר; פון אַ שמש, אַ קהל׳שען שרייבער, אַ סבאָרשטשיק, אַ דעפּוטאַט, אַ בעל־עצה, אַ בעל־טובה; פון בעהעלפערס, מלמדים, שדכנים, בדחנים, בטלנים,





גבאים, משולחים און ישיבה־בחורים, פרושים, לומדים, זיידענע מענשען, שעהנע יודען, טאַטענס קינדער, תהילים־זאָגער, משניות־לערנער, בעלי תפלות, שופר־בלאָזער, דריידלעך־מאַכער, פורים־שפּיעלער, מצה־רעדלער ביז די דיינים, שוחטים, מנקרים, משגיחים, טוקערינס, קנייטלעך־לעגערקעס, פעלד־מעסטערינס א.א. וו.״

ווען מיר קוקען זיך איין אויף דער יודישער גאַס, וואָס עס וויזט דער אַשמדאַי דעם צוטראָגענעם ישראל׳יק׳ן אין ר׳ מענדעלע׳ס „קליאַטשע״, ווען מיר זעהען שוויבלען און גריבלען אויף דער גאַס: „פּאה׳קעלעך, גערגעלעך, מערידענעלעך, שיך־און־זעקעלעך, פּיאַטקעלעך, פּאַטשיילקעלעך, פּושקעלעך, קעסטעלעך, קאָכלעפּעלעך, שרייערלעך, גראַגערלעך, גלות־ליכטלעך, קאָרפּירער אתרוגים׳לעך און כפרה־הינדלעך״ — און מיר קעהרען זיך צוריק פון דעם עולם־התהו צו דער היינטיגער יודישער גאַס מיט איהר, אייניגער־מאַסען אויסענווייניגסטער ציכטיגקייט און אייראָפּעאישקייט — דוכט זיך אויס, אַז די צייט האָט שוין לאַנג אָבגעוואַשען דעם זכר פון אַבראַמאָוויטש׳עס וועלט; אויף דעם אַלטען בית־עלמין האָבן זי שוין ווערים צוגעסען און איבער איהרע צופוילטע גליעדער האָט אויפגעשפּראָצט גאָר אַ ניי לעבען, גאָר אַ ניי־מאָדנער שטייגער פון אַ יוד און פון אַ יודישער גאַס.

און ווייטער דוכט זיך אויס, אַז נישט נור אויסערליך האָט זיך געביטען די יודישע גאַס, נאָר אויך אינערליך. צו אַבראַמאָוויטש׳עס צייטען, ווען אַ יוד האָט זיך גענומען צו השכלה, איז צוערשט געבאָרען געוואָרען ביי איהם אין האַרצען אַ פעראַכטונג צום יודען אַלס יודען, און צו דער יודישער סביבה. „איך וועל בלייבען אַ יוד און נישט קיין מענש״ — האָט זיך געשראָקען ישראל׳יק, בעת ער האָט זיך בעשלאָסען נעהמען זיך צו די ביכלעך — „איך וועל בלייבען אַ רעטעניש, עפּיס אַ פאַניע, וואָס קעהרט אויס, רייניגט אומעטום אויס, און בעהאַלט זיך אַליין אין מיסט, ערגיץ אין אַ ווינקעל, דאָס מיינט מען אַ בעזים! עפּיס אַ פאַניע, וואָס דרעהט זיך ארום דא און איז

פאָרט נישט דאָ אויף דעם עולם, וואָס איז פלייש און בלוט און זי דאַכט זיך פאָרט איטליכען אויס, עפּיס איז זי גאָרנישט"! (קליאַטשע קאַפּ 1). אַרבעטען אין פאָלק, פאַר'ן פאָלק הייסט זיין אַ „פאַניע, וואָס קעהרט אומעטום אויס און בעהאַלט זיך אַליין אין מיסט". די השגות „מענש" און „יוד" זענען געווען אַזוי ווייט איינער פון אַנדערען, אַז מען האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלען זיי צו פעראייניגען. איצט אָבער, ווען מיר האָבען זיך דערקענט, אַלס איינצעלנע טראָפּענס פון איין יודישען קוואַל, קומט אונז אויס משונה'דיג די פאָרשטעלונג נישט צו וועלען זיין די „פאַניע, וואָס קעהרט אומעטום אויס און בעהאַלט זיך אַליין אין איהר אייגענעם מיסט". גראָד דאָס, וואָס אין דער צייט פון דער השכלה-עפּאָכע האָט אויסגעזעהן אין די אויגען ווי מיסט (מיר מיינען די יודישע סביבה) — האָט בעקומען היינט ביים יודען אַ בעזונדער אָנציהונגס-קראַפט. דער היינטיגער יוד זוכט גראָד „דעם ווינקעל", וואו ער זאָל זיך קאָנען בעהאַלטען, ד. ה. וואו ער זאָל זיך קאָנען פיהלען ווי ביי זיך, ווי אין דער-היים. ווייטער איז מען נאָך צו יענער צייט נישט דערגאַנגען צו דער השגה פון זעלבסט-טעטיגקייט. דער יוד, דער פיהלענדער און דענקענדער יוד האָט העכסטענס געפאָדערט גערעכטיגקייט פון זיינע בעלי-בתים צו איהם. אָבער קיין מאָל איז איהם נישט איינגעפאַלען צו וועקען אין זיך אַ רצון אומצואַנדערשען זיינע כלל'ישע געפיהלען בנוגע צו דער צוקונפט פון אייגענעם פאָלק. אין ר' מענדעלע'ס „קליאַטשע" געפינען מיר אַ ביטער סאַטיריש פערהעלטניש „צו די נייע מאָדנע יודישע נאַרען", וואָס האָבען אין דער בילדונג געפונען דאָס מיטעל, ווי צו מאַכען פון דער „קליאַטשע" אַ מענשען. „איטליכס בעשעפעניש, וואָס ווערט געבוירען איז קודם-כל אַ לעבעדיגע זאַך, פערזאָרגט מיט אַלע אברים, טאַקי פון זיינעטוועגען, בכדי דורך זיי צו בעקומען אַלצדינג, וואָס עס בעדאַרף נויטיג האָבען צום לעבען. עס האָט, אַ שטייגער, אַ מויל אויף צו עסען, עס האָט אַ נאָז, כדי צו עטעמען, עס האָט פיס, כדי צו געהן, נישט כדי צו טאַנצען, טאנצעז און נאָך אַזוינע





שמאָכטעלייען זענען אויסגעטראַכטע מעשיות, דאָס האָט מען אַליין זיך אויסגעטראַכט שפּעטער און עס אַ נאָמען געגעבען „בילדונג" — ענטפער'ט די „קליאַטשע" דעם גרויסען בעל־רחמנות ישראל'יק'ן. זי גלויבט נישט אין הומאַניזם, מענשליכקייט, באַרמהערציגקייט, רחמנות, זי האָט אויך קיין צוטרויען נישט צו אוטיליטאַריזם, צום נוצליכקייטס־געפיהל פון מענשען, וואָס זאָגט, אַז וואָס ווייניגער מען פייניגט אַ מענשען, אַלס נוצליכער איז ער פאַר'ן כלל. זי האָפט נאָר אויף יושר, גערעכטיגקייט. אָבער אין ערגעץ הערט איהר נישט דעם קול פון אַ געזונטען לעבענס־געפיהל, וואָס וועקט אַ שטאַרקע זעלבסט־טעטיגקייט. דען וואָס איז דער ציוניזם, בונדיזם, טעריטאָריאַליזם א. ז. וו. אַלע די בעוועגונגען, וואָס האָבען אָנגעהויבען וועקען אַ יודיש האַרץ, ווען ניט דער פאָלקס־אינסטינקט פון זעלבסטטעטיגקייט?

אין אַבראַמאָוויטש'עס צייטען איז דער יוד געווען אַלס פאָלק פּאַסיוו, היינט, אָבער, דוכט זיך, איז ער אַקטיוו. אין ר' מענדעלע'ס דור זענען די סאָציאַלע געפיהלען פון יוד געווען פערטויבט, עס איז נישט געווען קיין בעוואוסטזיניגער כלל, נאָר איינצעלנע אינדיווידוען, וואָס עס האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטען אַנ'אויסערע לעבענס־פאָרם. די יודישע גאַס פון ר' מענדעלע'ס וועלט האָט געהאַט אַ שוואַכע בעוואוסטזיניגקייט. חאָטש אויסערליך האָט זי געהאַט אַלע סמנים פון רוחניות — פאות'לעך און שיך און זעקעלעך האָבען פול געמאַפט די יריד'לעך און די קלייזלעך — אָבער אינוועניג האָט זי נישט געהאַט אין זיך קיין לעבען און איז געווען ווי פערגליווערט. פאַר אונז, די היינטיגע, דוכט זיך שוין אויס דער חלוק אַזוי גרויס, אַז מיר זעהען שוין גאָר כמעט קיין המשך נישט צווישען דעם זיידען און דעם אייניקעל.

## II

דאָך, נישט קוקענדיג אויף אַלע די בעטראַכטונגען, הערען מיר פאָרט אין אַבראַמאָוויטש'עס ווערק אַ שטים, וואָס

איז אונז אַלעמען נאָהנט און, דאַכט זיך, גוט בעקאַנט, זעהען מיר דאָך אַלע זיינע שילדערונגען, נאָהנטע געשטאַלטען און היימישע פנים׳ער. ווי ס׳ווייזט אויס, ליעגט פאָרט ביי אונז נאָך אַ גלגול פון דעם יודעל, וואָס האָט געלעבט אין די יאָהרען פון ניקאָלאַי׳ס צייטען. אָדער צי האָט אַבראַמאָוויטש עפּיס בעריהרט אַזאַ קנייטשעלע אין דער יודישער גלות-נשמה, פון וואָס מיר, די אייניקלעך, זענען נאָך עד-היום נישט פריי געוואָרען?

אמת, אַז מען זאָל נעהמען צוגלידערען ר׳ מענדעלע׳ס ווערק אויף אַ ריין־פּראָטאָקאָליסטישען שטייגער, וועלען מיר אין זיי נישט געפינען קיין שטעגעלע, וואָס זאָל זיין עהנליך צו אונזערע היינטיגע גלות-וועגען. אָבער צי האָט דאָס גאָר אַ זין צו פערגלייכען שילדערונגען פון אַ קינסטלער־האַנד מיט אַן׳אַלטער פאָטאָגראַפיע פון אַן׳אַמאָליגען פאָטאָגראַף? געוויס, האָט זיך דאָס אויסערליכע פנים פון היינטיגען לעבען, געענדערט, אויך אינערליך זענען מיר אַנדערע געוואָרען, די טיעפערע אָבער, די שטיל-פערבאָרגענע קנייטשען פון אונזער גלות-נשמה, וואָס דאָס זעהט נאָר אַ גאָט געבענשטער קינסטלער, האָבען זיך ווייניג וואָס געענדערט. און ווען אונז געלינגט זיי צו ענטפּלעקען, האָבען מיר עס צו פערדאַנקען איינציג אַליין אַבראַמאָוויטש׳ען, וועלכער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו כאַפּען מיט זיין פּענזעל „דאָס פּינטעלע יוד“.

צוגלייך מיט זיין שכן פון איין לאַנד, ג אָ ג אָ ל, האָט ער אונז געשילדערט זיין אייגענע צייט. אָבער דערביי האָט ער פונקט ווי זיין שכן אַ קוק געטהון טיעפער דורך די אויסערע בגדים פון זיין צייט און אונז ענטפּלעקט הוילע, נאַקעטע נשמות, אפשר אייביגע יודישע נשמות. און פונקט ווי גאָגאָל׳ן געניסט נאָך היינט דער אוראייניקעל פון זיין עפּאָכע, אַט אַזוי געניסען מיר נאָך היינט פון אַ „פּישקע דעם קרומען“ און „מסעות בנימין השלישי“, ווי איטליכער קלאַסיקער. (און אַבראַמאָוויטש איז דער קלאַסיקער פון רוסישען גלות-יודענטום).





פערמאָגט ער אַ סוד, עפּיס אַ מין כשוף, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקען אין ווערטער, — אַ כשוף, וואָס נויט אונז, די קינדער פון פערטען דור, זיך צו פיהלען פאַר נאָהענטע מחותנים מיט אונזערע נאַרישע עלטער־זיידעס. צי ליגט דאָס אין דעם, וואָס אַבראַמאָוויטש׳ן האָט זיך איינגעגעבען צו כאַפּען דעם טיפּישען קנייטש און לשון פון אַ יודישער אומה מענשען? צי אין דעם, וואָס ער האָט אונז געוויזען דעם כאַראַקטעריסטישען ריטמוס פון אַ גאַנצער עדה יודען? צי אין דעם, וואָס ער האָט שאַרף אַרויסגעשטעלט פאַר אונזערע אויגען די פיעל סתירות אין דער נשמה פון רוסישען גלות־יודענטום? — ווי די מעשה איז צוקלאַפּענדיג איינע פון די בעריהמטע „ספורי־המעשיות“ פון ר׳ מענדעלע׳ן, פיהלען מיר אָהן ווערטער, אַז מען האָט אונז בעצוואונגען זיך טיעפער צוצוקוקען צו אַ בילד, וואָס איז צוגלייך מיין אייגענעס, ווי דאָס בילד פון אַן׳עדה יודען, וועלכע מען רופט אָן כלל־ישראל.

ש. י. א. איז געוואָרען דער שילדערער פון דער כנסת ישראל מיט איהר וואָכענדיגער קדושה און איהר צוטומעלטען, אָרימען, גשמיותדיגען לעבען. נישט אין איינצעלע געשטאַלטען האָט ער אונז געמאָלט די פערצייטיגע וועלט, נאָר אין איהר גאַנצען כלל׳ישען אויסדרוק. ער האָט אונז איבערגעבען דעם תמצית, דעם גייסט פון יודישען אתה־בחרתנו׳ניק, ביי וועמען דאָס לעבען פערגעהט צווישען קלויז און מאַרק. ווען אויך די אויסערע פאָרמען האָבען זיך געביטען, אָבער אין תוך ביים ,זיך נישט אַזוי גיך די נשמה פון אַ גרויסען קבוץ. „אַלץ בעקומט ביי אונז סמנים פון אַ מעקלערשען עסק׳ל“, קלאָגט זיך אַבראַמאָוויטש און שילדערט אונז דעם גייסט פון אַן׳אַמאָליגער יודישער חתונה. „אַפילו חתונה־האָבען איז אויך אַ געשעפט. דער יוד האַנדעלט איין אַ ווייב, דינגט זיך פריהער גוט אויס וועגען מקח, וועגען נדן, וועגען איטליכעס פּיצעלע בעזונדער, זענען די תנאים דערפילט כפי המדובר, טאָ קום־זשע, כלה לעב, אונטער דער חופה מיט דעם שדכן, דעם בדחן, מיט דעם גאַנצען פּעקעל כלי־קודש, וואָס לעקען פון געשעפט אָב אַ ביינדעל, זיי אַ ווייב,

רייס קריעה און ווער פערשוואַרצט מיט מיר אינאיינעם. אויב
די ביזט קלוג אָדער נאַריש, שעהן אָדער מיאוס, דאָס איז שוין
דיין עסק. מיר זענען נישט קיין פריצים, האָבּען נישט קיין
צייט צו קוקען אויף אַזוינע זאַכען, יודען זענען מיר, סוחרים,
מעקלער, קרעמער" („פישקע"). און מיר, די אייניקלעך, פיהלען,
אַז איטליכעס וואָרט פון פאַרצייטיגען אַבּראַמאָוויטש'ן טרעפט
אונז גלייך אין האַרצען אַריין, אין האַרצען פון יודען, וואו עס
האָט זיך בּעזעצט דער מעקלערישער גייסט אין די הייליגסטע
טהועלצען פון זיין לעבּען.

ווען מיר לייענען, ווי ישראל'יקן דעם משוגע'נעם האָט
זיך פאַרגעשטעלט אַ יודישע פרנסה און מיר דערזעהען פלוצים
דאָס אַלגעמיינע בּילד פון אַ יודישען מאַרק מיט „הונגעריגע, דאַרע
טאַנדעטניקעס און אין צעהנען איינגעהויקערטע הענדלערס, וואָס
דרעהען זיך הין און הער אַרום אין איינע צרות, קוקען זיך
צו און שאַצען בּיי זיך אָב איטליכענס קליידער, האָבּען אַנ'אויג,
בּיי וועמען עס זענען צוריסען די שטיוועל, בּיי וועמען די
הויזען, בּיי וועמען די קאַפּאָטע, דערפיהלען אין דער שטאָדט
די קלענסטע לאַטע, די מינדסטע שמאַטע... בּלייכע, טויטע מענ-
שען, וואָס לויפען נעבּיך אַרום ווי פער'סמ'טע מייז, שטעקען
אומעטום די נאָז אַריין און שמעקען, טאָמער וועלען זיי געפי-
נען עפּעס אַ שטיקעל בּרויט... איטליכער איז פערטראָגען, איט-
ליכען שפּאַלט זיך דער קאָפּ, איטליכער פערבּייסט אַ ליפּ,
מאַכט פּלאַנען און פערטראַכט זיך, איטליכער רוקט אַרויף דאָס
היטעל און לויפט, און איז ווי אויפ'ן עולם התהו... מיט אַלער-
ליי סאָרטען קלייטען און קלייטלעך, טישלעך און שאַפּקעלעך,
ווי אַ צוואַנציג קרעמער שלאָגען זיך פאַר איין קונד, איטליכער
ציהט אים צו זיך און זאָגט איהם צו הרים וגבעות, איטליכען
קריכען אַרויס די אויגען צו זעהן אַ גראָשען לייזונג, די קונים
און די קרעמער דינגען זיך, שווערען זיך, בּיידע שווערען
בּנאמנות, בּיים ווייב, בּיי די קינדער, בּיי זיין חלק לעולם
הבא און גלויבּען איינער דעם אַנדערען, ווי דעם הונד" („די
קליאַטשע"), — ווער — לייענען דאָס, דאַכט זיך אונז נישט





ווילענדיג אויס, אַז מיר טרעטען אויפ'ן בּרוק פון דער היינטי-
גער יודישער גאַס מיט איהר אָרימקייט, אימפעט און צוטו-
מעלטקייט. צי קען מען נישט היינט זעהן דאָס אייגענע בּיי
דער בּערזע פון אַ וואַרשא, אָדעס, דאָס, וואָס אַבּראַמאָוויטש
האָט געזעהן אַמאָל בּיי דער פערצייטיגער בּערזע אויף קאַר-
מעליניצער יריד: „אַ יודעלע אויפ'ן יריד איז, ווי אַ פישעלע
אין וואַסער... יודען יריד'עווען, לויפען, האַנדלען, שטעהען
נישט אויף איין אָרט... ס'איז אַ טאַראַראַם, אַ קאָכעניש... דאָרט,
זעה איך, לויפט אַ יודעל, אַ צווייטער, אַ דריטער... פער-
שוויצט שטאַרק, דאָס מיצעל אויפ'ן שפּיץ קאָפּ... דאָ אַ טאַפּ,
דאָרט אַ טאַפּ, אַ מאַך אַהין, אַ מאַך אַהער, אַ דרעה מיט'ן
גראָבּען פינגער און אַ קיי דאָס שפּיצעל בּערדעל: געפאַלען,
אפנים, אויף אַ המצאה. עס לויפען גאָר אָהן אַ נשמה מעקלער,
שדכנים, טאַנדעטניקעס, יודענעס מיט קוישען, יודען מיט סאָר-
בּעס מיט פינף פינגער, בּעל־הבּית'לעך מיט בּייכלעך. איטליכען
פלאַמט דאָס פּנים: „נישטאָ קיין צייט, אַ רענדיל אַ מינוט!"
(„פישקע").

נאָך היינט איז די יודישע מאַסע אַנ'אָרימע, בּיי וועמען
„דער מאָגען האָט קיין שום התמנות נישט". נאָך היינט קומט
אָב די יודישע מאַסע מיט שה"י־פּה"י און ווערט נור לעבּעדיג,
ווען זי הערט „עפּיס רעדען פון געשעפט". נאָך עד היום קאָ-
נען מיר מיט אַ בּיטערען געלעכטערל אויף די ליפּען איבּער'־
חזר'ן אַבּראַמאָוויטש'עס אַפאָריזם: „אַ יוד בּשעת דער גסיסה,
קוים דערהערט ער נור עפּיס געשעפט, ווערט ער לעבּעדיג,
און דער מלאך המות אַליין קאָן דענסטמאָל צו איהם נישט
צוטרעטען".

שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש, דער פּאָעט פון אונזער וואָ־
כעדיגער קדושה, האָט אונז טיעף ענטפּלעקט דעם חילדען
קאָנטראַסט פון אַ יודישער נשמה, וואָס פיהרט זיך אַסקעטיש,
ווי אַ קדוש („זיין מאָגען האָט קיין שום התמנות נישט") און
איז פול פאַר פול מיט וואָכעדיגע ציעלען („מיין ערגסטען פיינד
וואָלט איך נישט ווינשען אָנצוקומען צו אַ יוחען, בּעת עס

דאַכט זיך איהם געשעפּט, ער איז מבטל דענסטמאָל איטליכען, אַפילו דעם בעסטען פריינד, דעם אייגענעם ברודער מיט'ן בליק"), און דער ווילדער קנייטש אין דער יודישער נשמת איז געבליבען דער אייגענער, וואָס אין די אַמאָליגע צייטען. אפשר זענען מיר געוואָרען אין דער צייט עקאָנאָמיש פּראָדוקטיווער, אַ ביסעל אייראָפּעאישער, אַ ביסעל זעלבסטעטיגער, אָבער דאָס נייע האָט נאָך נישט אוספּייעט אויסצוגלייכען אונזערע אַלטע נשמה-קנייטשלעך און צו בעשאַפען אין איהר נייע שטענדיגע פעלבעלעך. מעג דער לעזער, וואָס גייט-צו צו ר' מענדעלע'ס אַ ספּור המעשה, זיך דאַכטען, אַז ער געהט חלום'ען פון אַלטע, שוין געשטאָרבענע צייטען, סוף לייענען אָבער לעגט ער אַוועק אַבראַמאָוויטש'עס ווערק גאָר מיט אַן'אַנדער געפיהל, מיט וועלכען ער איז צו איהם געקומען. דורך די פאָרמען פון אַמאָליגען לעבען הויבט אָן דורכצושיינען פאַר איהם עפּיס אַזוינס, וואָס איז נאָך אַזוי נאָהנט, אַזוי פריש און וואָס צעוואונדעט אַזוי לייכט אַ יודיש האַרץ.

## III

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז, ווי בעוואוסט, דער ערשטער יודישער קינסטלער אין 19־טען יאָהרהונדערט, וואָס האָט גענומען מיט כוונה זיך צוקוקען צו דער יודישער מאַסע. גערופען האָט ער זי „כנסת ישראל“, „כלל ישראל“, אָבער אין דער אמת'ן האָט ער צו טהון געהאַט נישט מיט אַ טעאָלאָגישען אָדער היסטאָרישען בעגריף, נאָר מיט דער לעבעדיגער יודישער מאַסע. נישט ווי זיינע חברים פון דער השכלה־צייט, איז ער צו צו דער מאַסע, וואָס האָבען איהר געוואָלט קודם כל אויסלערנען אייראָפּעאישע זיטען און מנהגים און מאַכען אַ ביסעל אויסערליך לייטישער, נאָר מיט דעם מאָדערנעם בליק פון אַ היינטיגען, וואָס האָט גענוי בענומען די יודישע עקאָנאָמישע נויט. קיינער פאַר איהם האָט נישט געהאַט אַזאַ שאַרפען בליק פאַר דער יודישער אָרימקייט, ווי ער. די עובדה, וואָס





דער יודישער מאָגען איז פון נישט-עסען צוזאַמענגעשרומפּען, „גרויס ווי אַ כזית“, האָט ער שטענדיג געהאַט פאַר די אויגען. ער האָט מיט אכזריות'דיגע פאַרבען אונז געמאָלט די קבצנ'ישע מאַסע, וואָס מאַכט פול די טונעיאַדאָווקעס און קאַבצאַנאָווקעס און פרוכטפּערט זיך, פערזאָרגענדיג די וועלט מיט נייע קבצנים. צוגלייך שיינט אין אַבראַמאָוויטש'עס ווערק אַלע ווײַלע אַרויס אַ גרויס רחמנות צו אַ מאַסע, וואָס האָט עפּיס קיין התמנות נישט אויף דער זינדיגער וועלט. און וואו און ווען ער קאָן נור, זוכט ער מיט עפּיס מהנה צו זיין די אומגליקליכע מאַסע. דער קינסטלער פון „מסעות בנימין השלישי“ ווערט מיט אַמאָל אַן'איבערזעצער פון די שבת'דיגע זמירות, פון „פרק שירה“, גיט אַרויס פאַר דער דערשלאָגענער יודישער מאַסע קאַלענדערס און טרייסט זי מיט זיין „יודעל“. ער טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק צו איבערזעצען דעם תהלים, עס וואָלט זיך איהם וועלען, וואָס מעהר דערנעהנטערען זיינע אָרימע ברידער צו ד,ר שענקייט, טיעפקייט פון די ספרים, וועלכע זיי האָבען שוין אויפגעהערט צו פערשטעהן. ער דרינגט אַריין אין די פּסיכאָלאָגיע פון „דער מאַטעריע יוד, וואו ער פיהלט זיך אַלס פּעדעמעל דרין“, און ווייזט אונז די לינדערנדע קראַפט פון זייערע ימים טובים, ימים נוראים און זיין בית־מדרש לעבען. דערביי ענטפּלעקט ער אונז די טויזענדער סתירות און די היפוכים פון יודישען מאַסען-לעבען, וועלכעס איז זיך צייטענווייז אַליין מבטל צי מיט דעם רחמנות, וואָס עס פיהלט צו זיך אַליין, צי מיט דעם חוזק'ל, וואָס שפּעט אָב פון זיך אַליין.

דאָך אַלע די פיינע פּסיכאָלאָגישע שטריכען, וואָס מיר געפינען ביי אַבראַמאָוויטש'ען, ווען ער בעהאַנדעלט זיין טעמאַ „די יודישע מאַסע“, וואָלטען נאָך נישט אָבגעהיט זיין ווערק פון אונטערגאַנג, ווען מיר וואָלטען נישט געשפּירט דערביי זיין געזונד, נאַטירליך און העכסט-מאָראַלישע פערהעלטניס צו דער מאַסע, וואָס ער בעשרייבט. זעלטען, וואו איהר וועט געפינען אין דער יודישער ליטעראַטור אַזאַ נאַאיוועס פערהעלטניס צו דעם יודישען פאָלקס-לעבען ווי ביי אַבראַמאָוויטש. זיינע ווער־

טער: „איך בין אַ פּעדעמעל אין דער גרויסער מאַסעריע, וואָס בעהס אונטער דעם נאָמען יוד", „וואָס פיהלט מיט איהם זיינע ליידען און פריידען" זענען נישט קיין פּוסטע מליצות פון אַ שרייבער. ר' מענדעלע „מיט'ן שטעלעדיגען געלעכטערל אויף די דינע ליפּען" איז אין קלאַסישען זין פון וואָרט אַ פאָלקס־שרייבער, ווי, למשל, די גרויסע רוסישע „נאַראָדניקעס", וועלכע זענען געווען אויסערליך און אינערליך שטאַרק פערקניפּט מיט'ן פּשוט'ן פאָלק. זיי האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען אויף די נידעריגסטע טרעפּלעך פון פאָלקס־לעבען, ווייל זיי האָבען געפיהלט, אַז דאָרט וועלען זיי זיך, זייער נשמה געפינען, וואָס איז אַ טייל פון דער גרויסער פאָלקס־נשמה. אָהן אידעאָלאָגיעס, אָהן קונצען האָבען זיי זיך גע'טובל'ט אין אַנ'אַטמאָספערע פון אַ גרויסען קבוץ, גאַרענדיג איינצוזויגען דאָס בעסטע און איידעלסטע פון זיין זעעל.

שוין דאָס אַליין, ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז איינגעדרונגען אין דער שפּראַך פון פּשוט'ן יודען, ווייזט, ווי טיעף ער האָט זיך אָבגעטונקט אין יודישען פאָלק. קיינער פאַר איהם און וועניגע נאָך איהם האָבען געהאַט אַזאַ פיין אויער צו דער שפּראַך פון זיין פאָלק. בלעטערט דורך אַ מעשה פון אייזיק מאיר דיק, וואָס איז געגאַנגען נישט פּשוט צום פאָלק, נאָר ווי אַ מדריך, אַ מוכיח, און פערגלייכט זיין שפּראַך מיט דער שפּראַך פון אַבראַמאָוויטש, און איהר וועט זעהן דעם געוואלדיגען חלוק. דער ערשטער איז נישט געקומען זיך עפּיס אָבלערנען, נאָר אַליין צו ווערען אַ נישט־געבעטענער מלמד. דער אַנדערער איז אָבער געקומען צום פאָלק אָהן פאָרגעדאַנקען און אידעאָלאָגיעס, אָהן שום כונות און פּרעטענזיעס, און האָט מיט אַנ'אָפענעם בליק זיך צוגעקוקט צו זיין לעבען און מיט אַ פיינעם אויער זיך צוגעהאָרכט צו זיין לשון. דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, דאָס שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט געכאַפּט דעם גייסט פון דער פאָלקס־שפּראַך און איז געוואָרען דער שעפער פון היינטיגען יודיש, וואָס איז פאַר איהם באמת געווען נאָך אַ מיאוס'ער זשאַרגאָן.





די שפּראַך פון יעדען קבוץ איז דאָס דינסטע, לעצטע הייטעל פון זיין נשמה. און שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט זיך שטענדיג גע'טובל'ט אין דער יודישער פאָלקס־נשמה, האָט זיך ממילא בעצויגען מיט דעם דאָזיגען נשמה־הייטעל. מעגען דורות פערגעהן — שטענדיג וועלען מיר מוזען געהן צו ר' מענדע'לע'ן לערנען די שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדט און טראַכט די יודישע מאַסע.

דאָסזעלבע נאַטירליכע פערהעלטניס צום פאָלק געפינט דער פערעהרער פון אַבראַמאָוויטש'ען אויך אין זיינע נישט־געלונגענע ווערק. ווען מיר לייענען זיין „פּרק שירה", אָדער זיינע „זמירות" אָדער זיין „יודעל", קאָנען מיר זיך נישט אָבוואונדערען צו זעהן, ווי גרויס זיין ליעבשאַפט איז געווען צום פאָלק און וואָס פאַר אַ אַכטונג ער האָט געהאַט צו זיין גייסטיגען לעבען. פאַר דעם קריטיקער דאַכט זיך, אַז דער מחבר האָט געפיהלט אַ הייליגע קנאה צו די אַלטע לומדים, וועלכע האָבען אויס טרייקייט צום פאָלק איהם געגעבען אַ „צאינה וראינה" און אַ „מנורת המאור", אום זיך צו טיילען מיט איהם מיט די אַלטע יודישע אוצרות. אַבראַמאָוויטש האָט רחמנות געהאַט אויף זיין פאָלק, וועלכעס איז נעביך דערווייטערט פון די גוטע ספרים און וועלכע ליבען זיך כאָטש מיט די שלעכטע איבערזעצונגען. און ער האָט זיך בעמיהט מיט עפּעס איהם צו העלפען.

דער חלוק צווישען די היינטיגע (יהואש), וואָס נעהמען זיך איבערזעצען תנ"ך פאַר'ן פאָלק, און אַבראַמאָוויטש'ען, איז אין פּרינציפּ געוויס אַ גרויסער. די היינטיגע חלומ'ען פון אַ נאַציאָנאַלער יודישער שפּראַך, ווערענד אַבראַמאָוויטש האָט קיינמאָל אַזעלכע כונות נישט געהאַט, ווען ער האָט אָנגעהויבען שאַפען. די היינטיגע זענען אידעאָלאָגען, ראַציאָנאַליסטען, בעת אַבראַמאָוויטש האָט געזונגען, „ווי דער פויגעל זינגט", נאַאיוו, אָהן פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע הינטער־געדאַנקען. אָבער כאָטש די היינטיגע זעהען אונז אויס אויסערליך נעהנטער, דאָך פיהלט מען, אַז דער, וואָס האָט פערטייטשט.

ותגעש ותרעש הארץ ומוסדי הרים ירגזו (תהלים י"ה) א.ז.ט.

„עס וויעגט די ערד זיך, ס׳שטורעמט אונטען,
„עס ציטערען פון בערג די גרונטען —
„קראַך, קראַך! אָט וואַלען זיי זיך איין
„ווי באַלד ער קומט אין כעס אַריין.
„פונ׳ם נאָז איהם זעצט אַרויס אַ רויך,
„אַ פייער פלאַמט פון מויל ביי איהם
„און גליהענדע קויהלען פליהען הויך,
„עס ברענט, עס שרפה׳ט אומעטום.
„ער נויגט דעם הימעל, געהט אַרונטער,
„אַ וואָלקען שפּאַרט די פיס איהם אונטער,
„ער רייט אויפ׳ן כרוב, ער פליהט געשווינד
„און שוועבט אויף פליגעל פון דעם ווינד״, —

שטעהט נעהנטער סיי צום פשוט׳ען פאָלק, ווי צום גייסט פון אונזער תהלים.

לסוף מוז מען נאָך אָנווייזען אויף די הויפּט-מעלה פון אַבראַמאָוויטש, מיט וועלכער עס צייכענען זיך נור אויס די אויסדערוועהלטע פון די פּאָעטען און שרייבער ביי איטליכען פאָלק; מיר מיינען די גאָט-געבענשטע פאַנטאַזיע צו זעהן אין איטליכען פרט דעם כלל, צו קאָנען מאָהלען איינצעלנע געשעהענישען און פרטים מיט אַזוינע ליניען, אַז דורך יעדען פרט זאָל דורכשיינען דער כלל. און דאָס קאָנען נור די, וואָס האָבען דעם בליק פאַר׳ן כלל, וואָס זעהען דאָס לעבען סינטעטיש, ביי וועמען דער שטראָם פון מענשליכען קיום צופאַלט נישט אין איינצעלנע טראָפּענס. נור די נשמה, וואָס טובל׳ט זיך אין אַ ברייטערען לעבען, ווי דאָס אייגענע פערזענליכע. וואָס זעהט די וועלט נישט דורך די שפּאַקולען פון אייגענעם ענגעגאָאיסטישען בליק, איז בכח צו זעהן און צו פיהלען שטענדיג דעם גרויסען כלל, די אַלגעמיינע נשמה פון אַ קבוץ. און ביי וועניגע פאַר און נאָך אַבראַמאָוויטש׳ען געפינען מיר אַזאַ ברייטען סינטעטישען קוק אויפ׳ן יודישען לעבען. אָט די מעלה איז די קרוין פון ר׳ מענדעלע׳ס ווערק. צוליעב דער קרוין וועלען זיי נאָך לאַנג זיין אונז ליעב און טייער און וועלען שטענדיג צוציהען צו זיך די בעסטע און ערשטע אין פאָלק.



**ש. ניגער**

# ער סופר

...אַ שרייבער שרייבט פשוט, אויף פּאַפּיער, מיט געוועהנליכע טינט-און-פּען. אַ סופר מוז, ווי גאָר אין אַמאָליגע צייטען, האָבען פּאַרמעט, יריעות, זיין געניזענע פעדער טונקט ער אין פעטען „געדיכט-שוואַרצען-גלוס-טינט״. איידער ער נעהמט זיך צו דער הייליגער עבודה, מאַכט ער גרויסע הכנות: רייניגט דעם גוף דורך טבילה, די נשמה מיט תפילות...

אַזוי שרייבט אַ סופר. און אַזוי, מיט אַזאַ פייערליכקייט, אויף אַזאַ מין פאַרצייטיגען שטייגער, האָט מענדעלע געשריבען זיינע ווערק אויף יודיש.

דווקא אויף יודיש, אויף דער שפּראַך פון דער וואָך און דער וואָכעדיגקייט, האָט ער אַרויפגעצויגען אַ מאַנטעלע פון פרומער אָבגעהיטקייט. אויף דער הייליגער שפּראַך האָט ער, פערקעהרט, געמיהט זיך צו שרייבען ווי אַ פשוט׳ער וואָכעדיגער שרייבער. שוין אין די ערשטע העברעאישע ווערק זיינע („משפּט שלום״ „עין משפט״, „האהבות והבנים״) האָט ער געפּרובט מאַכען אַראָבנידערען די העברעאישע ליטעראַטור פון די הויכע מליצה-וואָלקענס, וואו זי האָט געשוועבט, אין טהאָל פון טאָג-טעגליכען לעבען; שפּעטער האָט ער דעם דאָזיגען

דרייסטען פרוב דערפיהרט בידן סוף: די אָנגעצויגעגע פסוקימ־דיגע יום־טוב׳דיגקייט פון דער פסעיידא־ביבלישער מליצה האָט ער פערביטען מיט דעם איינפאַכען גייסט פון דער לעבעדיגער פאָלקס־שפּראַך. ער האָט זיך אַליין און אַנדערע געלערענט שרייבען לשון קודש מיט דער פען פונ׳ם אַלטעגליכען יודיש.

אָבער יודיש, ווי געזאָגט, האָט ער פון אָנהויב אָן געשריבען אַזוי, ווי ווען ער וואָלט אויף דער דאָזיגער מארק־און־קיך שפּראַך זיך געקליבען שרייבען תפילין און מזוזות. און אָט דעם דרייסטען פערלאַנג זיינעם צו מאַכען פון דעם קיך־לשון אַ בוך־שפּראַך, איז מעהרי צו בעוואונדערען, ווי זיין פרובען זיך שאַפען אַ נוסח פון אַלטעגליכען לעבען אויף דער שפּראַך פון די נביאים.

דאָס האָט ער גענומען טהון ערשט אין די 80־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. אַ טייל פון דער יודישער אינטעליגענץ איז דאַן שוין געווען שטאַרק פערטהון אין חבת־ציון, חלומ׳ענדיג דעם חלום פון א ו י פ ל ע ב ע ן די אַלטע העברעאישע שפּראַך. אין אַזאַ תקופה, אין אַזאַ אַטמאָספערע, ווי די, וואָס האָט זיך גענומען וועבען ביי יודען אין די אַכטציגער יאָהרען, איז קיין וואונדער נישט, אַז עס איז געבוירען געוואָרען דער געדאַנק איבערצוגעהן פונ׳ם אַלטען ראָמאַנטישען מליצה־לשון צו אַ נייעם, מעהר רעאַליסטישען און מעהר מאָדערנעם העברעאיש. פון וואַנען אָבער האָט זיך גענומען ביי מענדעלע׳ן דער חשק צו שרייבען שוין אין די זעכציגער יאָהרען מיט עפּעס אַ פרומער אָבגעהיטקייט אויף אַ שפּראַך, וואָס איז אין די אויגען פון דער דעמאָלסדיגער יודישער אינטעליגענץ געווען נישט קיין לשון, נאָר עפּעס אַ הפקר־זאַך? אין זיין קורצער העברעאישער אויטאָביאָגראַפיע, רעדט מענדעלע וועגען דעם נ ו צ ע ן, וואָס ער האָט געוואָלט ברענגען דעם פאָלק, דעם המון־עם, וועלכער פערשטעהט נישט קיין לשון־קודש, אָבער נוצען ברענגען דעם פאָלק האָבען געוואָלט אויך אַנדערע שרייבער, משכילים, וועלכע האָבען געשריבען יודיש. נאָר זיי האָבען, לויט דעם אויסדרוק פון א. מ. דיק, געקוקט אויף יודיש





נישט ווי אויף אַ גילדענע נאָדעלע, מיט וועלכען מען נייהט אויס שענע זאַכען, נאָר ווי אויף אַ גראָבער האַק, וואָס טויג נאָר אויף ברעכען די וואַנד פון געטאָ, און ווי מיט אַ גראָבען ברעך־אינסטרומענט האָבען זיי זיך מיט יודיש נישט „געצאַצקעט". אַפילו אַזוינע שרייבער, ווי א. מ. דיק, וועלכע זענען אין אָנהויב געווען טריי דער טראַדיציע פון די ע ר ש ט ע משכילים (לעווינזאָן, אָקסענפעלד, עטינגער) צו געברויכען אַ ריינעם פאָלקסטימליכען יודיש, — אַפילו זיי האָבען אין סוף פון די זעכציגער יאָהרען גענומען אַרויסווייזען עפּעס אַ מין בכיוונ׳דיגע אומאַכטונג צו דער פאָלקסשפּראַך און שרייבען אויף אַזאַ מין דייטשמעריש, וואָס איז געווען ערגער פון ערגסטען זשאַרגאָן. און טאָמער האָט אַ לינעצקי זיך פערגינען שרייבען, ווי מען רעדט, האָט ער זיך נישט פערגינען אָבער אָבצורייניגען און אויסצולייטערען די גערעדטע שפּראַך, איידער ער האָט זי געמאַכט פאַר אַ שרייב־שפּראַך, ער האָט זי גענומען, ווי זי געהט און שטעהט, מיט איהר גאַנצער פרישקייט — און איהר גאַנצער ווילדקייט.

מענדעלע איז געווען דער ערשטער און דער איינציגער, וואָס האָט געפיילט יודיש און געשליפען, ווי מען פיילט און שלייפט אַ דימענט, ער זאָל בעסער גלאַנצען. מענדעלע האָט אויפגעפּאַסט די יודישע שפּראַך אין הער גילדענער ראַם פון איהרע אייגענע כללים... ער האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר דער ש פּ ר אַ ך, וואָס דאָס פאָלק רעדט אויף איהר. האָט ער נישט געשעמט זיך, נאָר פערקערט, געגרויסט זיך מיט איהר כשר׳ן געזיכט. ער האָט אָבער נישט וועניגער כבוד געלעגט אויף דער ל י ט ע ר אַ ט ו ר פון פאָלק. האָט ער אָבגעווישט דעם שטויב פון דער גערעדטער שפּראַך, איידער ער האָט זי אַריינגעלאָזען אינ׳ם טעמפעל פון דער ליטעראַטור. פון וואַנען אָבער האָט זיך גענומען צו איהם אָט דער גרויסער אינוועניגסטער דרך־ארץ פאַר יענער שפּראַך און יענער ליטעראַטור, פון וועלכע קיינער האָט נישט געהאַלטען, מיט וועלכע אַלע האָבען זיך געשעמט? מיר ווייסען, אַז אַבראַמאָוויטש אַליין האָט, ווי דאָס

רוב משכּילים קיין מוט נישט געהאַט אַרויסצוגעבּן זיינע יודישע ווערק אונטער זיין אייגענעם נאָמען. בּעת אויף העבּרעאיש האָט ער זיך אָפען אונטערגעחתמעט ש. י. אַבּראַמאָוויטש, האָט ער זיינע ווערק אויף יודיש אַרויסגעגעבּן אונטער אַ פּסעוודאָנים („איש" אָדער „מענדעלע מוכר־ספרים"), אַזוי שלעכט האָט עס געהאַלטען דאַן מיט „זשאַרגאָן"! און אָט דעם „צעקאַליעטשעטען זשאַרגאָן" האָט מענדעלע געהיט און געקעכלט ווי אַ מוטער — אַ שוואַך־קינד, ווי אַ פאָטער — אַ קינד, וואָס פון איהם דאַרף עפּעס אַרויסקומען רעכטס. פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די מוטערליכע ליעבּע, אָט די פאָטערליכע אהבה? פון וואַנען האָט זיך גענומען דער רצון, דער מוט, די מעגליכקייט און דער מוז צו שרייבּען אויף אַ שפּראַך, וואָס האָט אין פּלוג נישט פערמאָגט אַפילו קיין הײנט. אַזוי ווי ווען זי וואָלט געהאַט אַ הונדערט יעהריגע ליטעראַרישע טראַדיציע און ווי ווען עס וואָלט איהר פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע און רייכע צוקונפט?

דאָס האָט זיך גענומען, דאַכט מיר, פון דעם אייגענעם מקור פון וואַנען עס געהט דאָס גאַנצע שאַפען מענדעלע׳ס. זיין גאַנץ שאַפען איז, ווי מיר ווייסען, אַ פּראָדוקט פון דעם אינדיווידועלען שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך דערהויבּען בּיז צום קאָלעקטיווען מענדעלע מוכר־ספרים. דאָס איז דאָס שאַפען פון אַ גרויסען יחיד, אויף וועלכען עס האָט גערוהט די שכינה פון נאָך אַ גרעסערען כּלל... מענדעלע גיט זיך אָב, ווי מיר ווייסען, נאָר מיט׳ן כּלל, ווייל נאָר דער כּלל האָט אין זיינע אויגען עפּעס אַ ממשות, ווייל נאָר אין׳ם כּלל גלויבּט ער. ווען נישט אָט דער גרויסער יודישער כּלל־גייסט, וואָס שפּייזט איהם און שטאַרקט איהם, וואָלט ער נישט געהאַט קיין כּח צו טראָגען די „גרויסע יודישע טאָרבּע", וואָס איז איהם, ווי אַ שווערע משא, געהאָנגען אויפ׳ן רוקען. ווען נישט דער „אומגליקליכער פּרינץ", אין וועלכען ער הערט נישט אויף צו גלויבּען, וואָלט ער נישט געהאַט קיין מוט צו שטראָפען אַזוי בּיטער די „בּידני קליאַטשע". ווען נישט דער גלויבּען אין׳ם





א י בּ י ג ע ן יודען, וואָלט ער נישט געקאָנט פערטראָגען די שפל׳קייט פון היינטיגען יודען... די שכינה, דער שבּת פון׳ם כּלל פערבּייט די וואָך אין דעם גלות־השכינה פון׳ם פּרט. און מענדעלע, וואָס האָסט אַזוי דעם רב ישראל, ליעבּט אָהן אַ שיעור און אָהן אַ גרעניץ דעם כּלל־ישראל. און דערפאר האָט ער דרך־ארץ פאַר אַלץ, וואָס נעמט זיך פון׳ם כּלל׳ס אינוועניגסטען שאַפען, פאַר אַלץ, וואָס זאָגט עדות אויף דער גאַנצקייט און פעסטקייט פון דעם כּלל׳ס איך. דערפאַר זעהען איהם אויס קאָמיש די משכּילים, וואָס מיינען, אַז מיט „אויפקלערונג" מיט אַ „הא איי סידור" קאָן מען איבּערמאַכען דאָס יודישע לעבּען. ער פערשטעהט, אַז לייכטער אַ סך און נויטיגער איז איבּערצומאַכען די אויסענוועניגסטע תּנאים פון׳ם יודישען כּלל. ער פערשטעהט, אַז זיי דאַרפען צוגעפּאַסט ווערען צו איהם און נישט פערקערט, ער צו זיי. ער פיהלט, אַז דער כּלל קאָן זיך ענטוויקלען נאָר לויט די פעסטע געזעצען פון זיין אינוועניגסטער עקזיסטענץ. די דאָזיגע אינוועניגסטע געזעצען פון׳ם פאָלקס־לעבּען און פאָלקס־שאַפען זענען אייבּיג און הייליג. און דערפאַר זענען אויך אייבּיג און הייליג די כּללים פון דער שפּראַך, וואָס דאָס פאלק געבּרויכט.

זיי מוזען אויפגעדעקט און אָבּגעהיט ווערען, ווי אַלץ וואָס שפּיגעלט אין זיך אָב דעם גייסט פון׳ם קאָלעקטיווען שאַפען. און מענדעלע דעקט זיי אויף, אָט די כּללים, און היט זיי אָב. ער שאפט זיך אַנ׳אייגענעם, אינדיווידועלען סטיל אויף יודיש. ער שאַפט איהם אבּער אין׳ם גייסט פון פאָלק, פון כּלל. אָבּער נישט נאָכקרימען, נאָר נאָכשאפען דעם פאָלק— איז זיין געבּאָט. און ער נעמט נישט די פאָלקס־שפּראַך מיט די אַלע פלעקען און די אַלע ריסען, וואָס ווערען אין איהר פונם טאָג־טעגליכען געבּרויך; ער נעהמט זי אין איהר ריינקייט און אין איהר גאַנצקייט. די צופעליגע שאָלעכץ, וואָס וואקסט אויף איהר און פון דרויסען, וואַרפט ער אַוועק: ער לאָזט איבּער נאָר דעם קרן און דעם תּמצית. דערפאר איז זיין שפּראַך אַזוי געמאָסטען און געוואויגען, דערפאַר איז זי אַזוי קערנ׳דיג און

תּמצית'דיג... יעדער זאַך זאָגט צו אונז: אַן עק צו דער „זשאַרגאָן"-הפקרות! דרך-ארץ פאַר דער פעסטקייט און געשטעלטקייט פון דער פאָלקסשפּראַך און פון דעם פאָלקסגייסט! יעדער זאַך זאָגט צו אונז: דאָ איז נישט קיין מאַרק, נישט קיין יריד, וואו יעדערער, וואָס וויל, קאָן טומלען. דאָ ליגט אַ פאָלקס-אוצר: ווער עס וויל צוגעהן נאָהענט, זאָל אויסטהון די שיך!

מענדעלע האָט מיט דעם טיעפסטען האַס געהאַסט די יודישע וואך, די יודישע פּרנסות, די יודישע נידעריגקייט און געפאַלענקייט, ער האָט עס געהאַסט אָבער מיט דעם האַס פון ליעבע. ער האָט עס געהאַסט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל אַנדערש זיין, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געזעהען אין דער „בידנער קליאַטשע" אַן „אומגליקליכען פּרינץ" און ווייל פאַר אָט דעם פערשטעלטען „פּרינץ" אין זיין נשמה-יתירה האָט ער געהאַט דעם גרעסטען אבשיין. און פאַר אָט דעם יורד, דעם פּרינץ און זיין שאַפען און ממילא, אויך זיין שפּראַך — האָט ער געלערענט אויך אונז צו האָבען אָבשיי און ערפורכט...

פול מיט שאַפונגס כחות און דורשטיג נאָך שלמות, האָט מענדעלע יעדער שפּראַך געגעבען, וואָט איהר האָט געפעלט: די בוך-שפּראַך, העברעאיש, האָט ער אָבגעפרישט מיט די חיות-טראָפּענס פון דעם טאָג-טעגליכען פאָלקס לשון. די פּאַרוואָרלאָזטע וואָכענדיגע שפּראַך פון די גאַסען האָט ער, פערקערט, בעשענקט מיט חשיבות'דיגקייט, גרייזלענדיג יעדעס ווארט און יעדען חג איהרען, ווי אַ סופר, וואָס טינקט זיין געגזענע פעדער אין פּעטען „גאָלעס-טינט" און שרייבט נישט אויף פּאַפּיער, נאָר אויף פּאַרמעט...





ש. גארעליק

# מענדעלע

מענדעלע האָט מיט גאַנצע צוועלף יאָהר אַריבערגעשטיגען דעם ביבלישען עלטער, און, ווען אַרום איהם זענען פאַר די לעצטע יאָהרען געפאַלען פיעל יונגערע פאָרשטעהער פון דער יודישער ליטעראַטור, מיטקעמפער, חברים, אייניקלעך, איז דער זיידע נאָך געשטאַנען אויף די פיס און האָט נישט געוואָלט שטאַרבען. דער גרויער דעמב איז געווען טיעף פערפלאַנצט, געזונטע וואָרצלען האָבען גענעהרט דעם אָבגעשוואַכטען פון עלטער קערפער, ביז די נאַטור האָט מיט אַ לייזען בעטען: „שוין צייט, זיידעניו, אַלץ האָט אַ שיעור" אויסגעלאָשען דעם שטילען פערקלערטען פייער. אַלזאָ, קאָנען מיר, אייניקלעך, וועלכע האָבען זיך איצט אויפגעקליבען אין אַ אָבגעריסענעם ווינקעל, צווישען קאַלטע, פרעמדע בערג, ערען דעם אָנדענק פון דעם פיינעם פאַטריארך מיט אַ געוויסער רוה, מיט אַ אינערליכער שטילקייט — דאָס, וואָס האָט אונז אין גאַנצען געפעהלט, ווען מיר האָבען אויפגענומען די ידיעה וועגען דעם טויט פון פרץ, שלום-עליכם, פרוג. דאָרט איז געווען אַ אומגערעכטער צואייען זיך פון דער נאַטור, איינפאַך אַרויסגעכאַפּט, אַזוי ווי אָבגענאַרט אונז, אָבער דאָ שטעהען מיר פאַר אַ געזעץ, און שטיל

געבען מיר זיך אָב די זכרונות וועגען די מעשים און העלדענטהאַטען פון אונזער הערליכען זיידען, וועלכער איז אַ מייסטער געוועזען אַלס שריפטשטעלער און אויך אַ גרויסער קעמפער. אין זיין צייט, פערשטעהט זיך, אין יענער צייט, ווען די זון פון השכלה איז אויפגעגאַנגען איבער טונעיאַדעווקע, טעטערעווקע, איבער גלופסק מיט זיינע דרייסיג-פערציג לוזשעס און האָט אויפגעדעקט כאַפערס, בעלי-טאַקסעס, קליינע מענשעלעך, ציטעריגע נשמות, שמוץ. עס איז געוועזען דאַן אַ מוטיגע צייט. אַ אונבעדייטענדער הויפען פון דער ניי-געבוירענער יודישער אינטעליגענץ האָט זיך אָנגעריירט, אָנגעפלאַמט אַרום דער אייראָפעאישער קולטור און, אומקעהרענדיג זיך מיט אָט דעם פייער אין די יודישע שטעדטלעך, איז זי פערציטערט געוואָרען פאַר אימה און יאוש. דאָס יודישע לעבען האָט אויסגעזעהן דאַן, ווי עס דאַרף אויסזעהן אַ אָקאָפ. פינסטער און שמוציג. יודען האָבען זיך אָבגעגראָבען פון דער אויסענוועלט, זיי האָט זיך, אמת, איינגעגעבען אָבהיטען דאָס קערענדיגע, אָבער דערפאַר האָט נישט דערגרייכט אַהין קיין זונענשטראַהל, דערפאַר האָט דאָרט געהערשט די אייביגע פינסטערקייט. דער כלל איז געוועזען זעלטען-קאָנסערווירט, פאַרביג, אייגענאַרטיג. דער פרט, דער יחיד האָט שרעקליך געליטען. דאָס גאַנצע רוסישע לעבען איז נאָך געוועזען פרימיטיוו, די קליינע קרייז-שטאָדט און די רעזידענץ פון דעם פאָמיעשטשיק, אַרום וועלכער עטליכע וויאָרסט ווייטער איז געלעגען דאָס יודישע שטעדטעל, דאָס איז דער פאָן פון דעמאָלסדיגען רוסישען לעבען, איבער וועלכען, אין אַ נעפיל פערהילט, מיט דער פאַנטאַזיע אַרומגעשפינט, האָבען זיך געפוינען די געוואַלדיגע „סטאַליצעס" מיט די מערכענהאַפטע גדולים און האַרען. אין זעלבע פאָרמען איז נאָך געגאַנגען דאָס אַלטעגליכע לעבען פון רוסישען פאָלק, עס איז געוועזען דער פעריאָד פון לייבקנעכטשאַפט אָדער באַלד נאָך דעם אָפשאַפען פון לייבקנעכטשאַפט. און יודען, ציהענדיג זייער חיונה פון דער אויסענוועלט, האָבען מיט דעם בעטראַכט די בעציהונגען צו אָט דער אויסענוועלט פאַר געענדיגט. ביי דים גוי האט מען אויפ-





מאַרק אויפגעקויפט, וואָס עס איז געוועזען מעגליך אויפצוקויפען, אָבער בעגעגענענדיג דעמזעלבען גוטמוטיגען גוי ביים עק פון וואַלד, אָדער אין וואַלד גופא, האָט מען זיך געפיהלט אין דער גרעסטער סכנה, און דער גאָרנישט מיינענדיגער איוואַן איז אויסגעוואַקסען אין זיין פאַנטאַזיע אין אַ מוראדיגען גזלן. בנימין אין „מסעות בנימין השלישי", אין אָט דעם הערליכסטען פון אונזערע ביכער, וואו עס ווערט מיט אַזאַ וויכען, זוניגען הומאָר געשילדערט דער יודישער דאָן-קיכאָט מיט זיין שטרעבען אין די ווייטע, ווייטע לענדער, וואו עס דאַרפען זיך געפינען די רויטע יודעלעך, דער סמבטיון, יאָ, אָט דער פרעכטיגער, פאָעטישער בנימין, וואָס איז אינגאַנצען בערוישט פון פאַנטאַסטישע וויזיאָנען, פיפערנאָטערס, מוילאייזלען, פערבלאָנדזעט, פערזונקען אין מחשבות, הינטער שטאָדט און נאָך טיפער אין וואַלד אַריין, און עס דוכט זיך איהם, אַז ער דערהערט אַ קול פון אַ מענשען. גרויס איז זיין שרעק, גרויס דער קאַמף מיט זיך, צי לויפען אָדער אָננעמען זיך מיט מוט, און, ווייל בנימין קלויבט זיך אויפזוכען די רויטע יודעלעך, קלויבט זיך אַ העלד צו זיין, קעמפט ער אויס אין זיך דעם מוט געהן אַנטקעגען דעם קול: „אונזער בנימין האָט זיך אומגעקערט טאַקי צוריק און איז געגאַנגען, בעהאַרצט ווי אַ גבור, מיט גרויס בטחון, ביז ער האָט פאַר זיך דערהערט דעם גזלן, דאָס איז געוועזען אַ פויער, וואָס איז געפאָהרען אויף אַ פאָר אָקסען מיט אָנגעלאָדענע זעק אין וואָגען.

דאָברי־דיען! — האָט בנימין, צוגעהענדיג, אַ זאָג געטהון ראַפטעם אויף אַ משונה-קול, וואָס ער האָט אין זיך אַלע טעמים: אי געשריי, אי געבעט, אי, ווי איינער זאָגט: נאַ, נאַ, טהו מיט מיר, וואָס דו ווילסט! אי עפעס ווי אַ בקשה: גוואַלד, האָב רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב און קינדער, נעביך".

עס פערשטעהט זיך, אַז די אָנגעשטרענגטקייט, וואָס בנימין מאַכט דורך, נעמט צו דאָס לעצטע פון זיינע דערשראָקענע, פאַראַליזירטע כוחות, ער פאַלט, ווי טויט, אַנידער און, אַז ער עפענט שפעטער־אַ־ווײלע די אויגען, זעהט ער, אַז ער

ליגט אין גוי׳ס וואָגען אויף אַ זאַק קאַרטאָפעל, צוגעדעקט מיט אַ גראָבער סוויטע. דאָ הויבט זיך ערשט אָן דער רעכטער שרעק. ליגענדיג אין וואָגען, מאָהלט זיך בנימין די פערשיעדענסטע בילדער, ווי מען פיהרט איהם פערקויפען. דער קאַנטראַסט צווישען דעם גוטמוטיגען דאָרפסגוי און דער מורא, וואָס ער וואַרפט אַרויף אויף בנימינען, איז בעשריבען מיט אַ קייכעדיגען הומאָר, וואָס איז אויסגעמישט מיט אַ ביסעל סאַטירע, ווארום מענדעלע האָט געליטען, וואָס זיינע קבצאַנסקער, טונעיאַדעווקער יודלעך, אַזוינע בריות ביי זיך אין דער היים, צווישען אייגענע, זענען אַזוינע פחדנים ביי יעדער בעריהרונג מיט דער אויסענוועלט. עס האָט אָבער אַנדערש נישט געקאָנט זיין דעמאָלט, ווען דער אַרענדאַר האָט זיך גערעכענט פאַר דער העכסטער שטופע פון וואָלהאַבענהייט און די „אוסאַדבע“ פון דעם „פּאָמעשטשיק“ פאַר דעם צויבערשלאָס, איבער וועלכען עס געהען לעגענדעס, איבער וועלכען עס איז געצויגען דער שלייער פון טויזענד און איין נאַכט.

ווי האָט אָבער אויסגעזעהן דאָס געטאָ אַליין? פאַר מענדעלע׳ס אויג און פאַר זיין אָנגעוועהטאָגט האַרץ האָט עס פאָרגעשטעלט אַ טרויעריג בילד; דאָס יודישע געטא איז געוועזען אָנגעפיהלט מיט בטלנים, לעדיגגעהער, צבוע׳קעס, רעדעלפיהרערס, צווייפעלהאַפטע שתדלנים, וואָס האָבען געזויגט דאָס קהל׳שע בלוט, וואוילללערנערס זענען געזעסען אין בית-המדרש הינטער דעם אויבען, טרייבענדיג היכע און שטעדטישע פּאָליטיק, די ווייבער האָבען געזאָרגט וועגען פרנסה און די קאַטעגאָריע ווייבער, די פערזאָרגערקעס, די ברויטגעבערקעס, זענען געוועזען אויף דעמאָלסדיגער אַרט די עמאַנסיפּירטע, פאַר אָט דאָס בעזאָרגען האָבען זיי זיך דערפאַר געקויפט דאָס רעכט שילטען דעם מאַן מיט ביטערע קללות און סנדר׳ל כאַפּט אַמאָל קלעפּ אויך. די אַנדערע קאַטעגאָריע ווייבער, וועלכע האָבען נישט געהאַט די פּריווילעגיע, זענען געווען פערשקלאַפּט. אין טונעיאַדעווקער זומפּען האָבען זיך געמערט כל המיני פערדאָרבענע בעשעפּענישען, און איבער יענע זומפּען זענען אַרומגע־





לאָזען די דורך גבירים געבונטערגעקויפטע כאַפּערס, וואָס האָבען געכאַפּט אָרימע יונגע לייט און געפיהרט זיי אין „וואָינסקאָיע פּריסוטסטוויע“, אָבגעבען זיי אין סאָלדאַטען אָנשטאָט די גבירישע זיהן. אַלע מענדעלעס ביכער רעדען וועגען אָט דעם סאָציאַלען עלענד פון יענער צייט, אין אַלע ביכער טרעט ער אַרויס, ווי אַ קעמפער, בעל מוסר, מאָראַליסט. ער פּרובט צוגיין צו אָט די זומפּען אַמאָל מיט דער בייסענדיגער סאַטירע, אַמאָל מיט אַ ווייכען ליריזם, און, אַז אויף גנילאָפּיאַטאָווקער ברעגען קומען גאָר פאַר נבלות, לאָזט ער דעם הימעל דונערן און בליצען. בנימין און סנדר׳ל, די טונעיאַדאָווקער דאָן קיכאָט און סאַנכאָ פּאַנטשאָ וואַנדערן מיט דעם ציל אויפצוזוכען די רויטע יודעלעך. אויפן וועג פערנאַרט מען זיי, מען פערפיהרט זיי אין אַנ׳אכסניה, און די פערנאַרערס זענען דווקא פרומע יודען. וואַשענדיג זיך ביים עסען, בעטראַכט ער, אָט דער פיינער יוד, וואָס פיהרט בנימינען פאַר אַ קרבן, די קוואָרט און אַז אונזערע פאַנטאַזירערס, בנימין און סנדר׳ל, זעהען זיך פערכאַפּט אין דעם וויסטען נעץ, אָבגעגאָלט, אָהן בערד, אָהן פאות, אַרומגערינגעלט דורך סאָלדאַטען, שליסט מענדעלע אָט דעם שוידערהאַפטען עפּיזאָד מיט אַ מאָראַלישער נאַטורשילדערונג.

„אפן הימעל האָט זיך אָנגערוקט אַ שווארצע, פינסטערע מאַרע, אַ בליץ האָט מיטאַמאָל בעלויכטעט די דאָזיגע קאָמפּאַניע, באַלד דערויף האָט אַ דונער געגעבען שרעקליך שטאַרק, אַז אַלע זענען פערציטערט געוואָרען. עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורעמווינד, רעדלעך שטויב האָבען זיך געטראָגען, ווי די רוחות, פערכאַפּט אויפן וועג מיסט, שטרוי, בלעטלעך און שטיקלעך פּאַפּיר, אַלע אינאיינעם האָבען געטאַנצט עפּעס אַ משוגענעם טאַנץ און זיך געדרייט, געדרייט אַלץ אינדערהויך, אַרויף, אַרויף... די טשערעדע פון פעלד איז געלאָפען אומרוהיג מיט אַ געשריי און אַ רעווען, ווי אַ סטאַיע הונגעריגע וועלף וואָלטען זיי נאָכגעיאָגט, עס האָט געשטורעמט, געבליצט, געדונערט, גלייך ווי דער אויבערשטער איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען אויף דער זינדיגער ערד און אויף אַלצדינג, וואָס דאָ

געהט פאַ , עו זאָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, געבליצט מיט זיינע צאָרנדיגע אויגען, געהילכט און געשריען, אַי, אַי, מיט זיין דונערדיגען קול, עס האָט צום לעצט אַ זעץ געטון אַ משונה שרעקליכער דונער, פון הימעל האָבען אַראָבגעקאַפּעט ווי טרעהרען גרויסע טראָפּענס רעגען, וואָס אין זיי האָבען זיך אויסגעמישט טראָפּענס נויט־שווייס און בלוטיגע טרעהרען פון אונזערע בידנע, אומגליקליכע פערשוינען".

מיר ווייסען געוועהנטליך, אַז צו אָפט קומען פאָר אין דער וועלט די נידערטרעכטיגסטע געמיינהייטען דווקא ביי דעם הערליכסטען וועטער. די זון לייכט נאָך צו, אָדער בעציהט זיך בכלל מיט גרעסטער גלייכגילטיגקייט צו אַלע גזלות און רציחות, נאָר ווי כאַראַקטעריסטיש איז פאַר מענדעלע׳ס מאָראַלישען פּאַטאָס, פאַר זיין טיפען געפיהל פאַר סאָציאַלער גערעכטיגקייט, וואָס מ׳קאָן נישט לאָזען, אַז מען זאָל אָבגעבען בנימינ׳ען מיט סנדער׳לען אין סאָלדאַטען אָהן דעם, אַז לכל הפחות דער הימעל זאָל פּראָטעסטירען מיט בליצען און דונערן. איז מען אויף דעם ווייטען שטח פון גלופּסק, טעטערעווקע, גנילאָפּיאַטאָווקע, קבצאַנסק טויב און מען הערט נישט די זיפצען, קרעכצען פון אונזערע בידנע פערשוינען, מישט זיך דערפאַר גאָט אַריין און שרייט פון הימל „אַי, אַי". העלפען קאָן ער, דער גאָט, נישט, בנימינ׳ס גורל איז פער׳חתמ׳עט, ער שטעהט שוין אין דער „פריסוטסטוויע", פערטרייבט ער כאָטש פון דעם די טשערעדעס, און די בהמות לויפען, פונקט ווי הונגעריגע וועלף וואָלטען זיי נאָכגעיאָגט, און ווינטען שטורימען, און אַ יריד איז אויפען הימעל: אלץ, ווייל מען האָט דעם טרוימער בנימין אָנגעטהון אַן׳עולה.

צו אָט דער קינסטלערישער בוטאפאריע גרייפט מענדעלע אין זעלטענע פאַלען, געוועהנליך איז זיין כלי־זין דער סאַרקאַזם, די איראָניע. מיט אָט דעם כלי-זין זוכט ער אויף דעם אונטערן אויבן פון טונעיאַדעווקער בית המדרש, די באָד, להבדיל, דעם מאַרק, די אכסניה אין גלופּסק, וואו עס האָדעווען זיך אויף קהל׳שע געלד די כאַדאָטאַיעס, די פּראַשעניע-שרייבערס





און נאָך אַזוינע צווייפעלהאַפטע פערשוינען. מיט אַלע איינצעלהייטען בעשרייבט ער זייערע תנועות, ער לאָזט נישט קיין איין אונבעלויכטענעם אָרט און פונקט. ווי ער פערפאָלגט מיט זיין פערביטערטער פען די קליינע מענשלעך, אַזוי אויך מאַכט ער מאוס אין אונזערע אויגען די אַמאָליגע גלופּסקער גאַסען, דורכאויס בלאָטעס, זומפּען, ריגשטאָקלעך.

„אַז איהר קומט אַריין קיין גלופּסק דורך דער טעטערעווקער גאַס, זאָלט איהר מוחל זיין אַריבערשפּרינגען דאָרט איין בלאָטע, ווייטער אַ ביסעל אַ צווייטע, נאָך ווייטער אַביסעל די דריטע, סאַמע די גרעסטע". מיט איין וואָרט, גלופּסק מיט זיינע דרייסיג אָדער פערציג זומפּען. בעטראַכט, וואָס פאַר אַ נעמען מענדעלע גיט זיינע שטעדט און שטעדטלעך. אין די נעמען אַליין שטעקט שוין די פעראַכטונג צו יענער צייט, מיט וועלכער מענדעלע, דער פרייער גייסט, האָט געקעמפט. די נעמען אַליין זאָגען אָן, אַז באַלד וועט פאָלגען דאָס ביטערסטע ראַנגלען זיך מיט די פינסטערע כוחות. טרייסטלאָזע נעמען: צובייאטשוץ, קבצאנסק, טונעיאַדעווקע. וואָס קאָן גוטעס פאָרקומען אין שטעדט מיט אַזוינע נעמען? ווי ווייט זענען אָט די שטעדטלעך פון די, וועלכע דער שפּעטערדיגער דור יוז׳ישע שרייבערס האָט געשילדערט און אידעאַליזירט. אמת, אָפט פאַסירט, אַז מענדעלע, וועמענס היילִיגע אויפגאַבע איז געווען צו פלוכן, צו ראָמען און אויסראָטען, אָפט טרעפט, אַז נישטווילענדיגערהייט בענשט ער, און דאַן זעהען מיר, אַז טונעיאַדעווקע איז נישט נאָר אין די קליינע מענשעלעך אויסגעדריקט, אַז דאָרט אין בית המדרש הינטער דעם אויבן הערשט נישט נאָר דער גייסט פון בטלנות, נאָר נאָך עפּעס אַנדערס, און דאָס אַנדערע איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, פילייכט דאָס איינציג וויכטיגע. בעטראַכט נאָר דעם טומל, ווען עס ווערט אין טונעיאַדעווקע פון אימיצען געבראַכט אַ טייטל.

„על פּי מקרה האָט איינער אַמאָל אין דעם שטעדטעל געבראַכט אַ טייטעל, האָט איהר בעדאַרפט זעהען, ווי מען איז דאָס געלאָפען אינקוקען אויף חידושים מצו האָט אויפגעמישט

אַ הומש און געוויזען, אַז תמר, דער טייטל שטייט אין חומש! סטייטש, דטר טייטל, אָט דער טייטל, וואַקסט דאָך פון ארץ ישראל!... קוקענדיג אויפן טייטל, האָט זיך אויסגעדאַכט, ארץ ישראל איז פאַר די אויגען, אָט געהט מען איבער דעם ירדן, אָט איז די מערת המכפלה, דער מוטער רחל׳ס קבר, דער כותל מערבי. אָט באָדט מען זיך אין חמי טבריה, מען קריכט אַרויף אויפן הר הזיתים, מען עסט זיך אָן מיט באָקסערן, מיט טייטלען, און מען לייגט אָן פולע קעשענעס מיט ארץ־ישראל־ערד. אָך, האָט מען געקרעכצעט, און אין די אויגען האָבען איטליכען זיך געשטעלט טרעהרען. יענע צייט, אַזוי זאָגט בנימין, איז גאַנץ טונעיאַדעווקע, ווי גרויס זי איז געווען, געווען אין ארץ ישראל. מען האָט געשמאַק גערעדט פון משיח׳ן״.

מענדעלע וויל פלוכען, אָבער עס קומט אויס, אַז ער בענשט. נישט-ווילענדיג בענשט ער. די התפעלות, וואָס טונעיאַדעווקער יודען בעקומען פון טייטעל, וואָס אַ צופעליגער גאַסט האָט פערטראָגען אין זייער ווינקעל, די פעהיגקייט, וואָס אָט דער הויפען קבצנים דערשפירט אין זיך מיט אַמאָל, אַוועקצוטראָגען זיך אין ווייטע וועלטען, איז פון אַזאַ פאָזיטיווען ווערט, איז פון אַזאַ גייסטיגער שעהנקייט און פערקלערטקייט, וואָס ווייזט אונז, אַז הינטער די בלאָטעס, זומפען זענען גאַנצע אוצרות געלעגען פערגראָבען, דאָ איז דער ניצוץ, פון וועלכען דער שפעטערדיגער דור וועט שעפען זיין גייסטיגע חיונה און זיך מיט איהם קוויקען, דאָ ענטפלעקט זיך פאַר אונז די נשמה יתרה פון טונעיאדעווקער תושב. מען האָט געשמאַק גערעדט וועגען ארץ ישראל. אין יענער צייט, ווען מען האָט געמוזט קעמפען פאַר עלעמענטאַרער בילדונג, פאַר דאָס, אַז מען זאָל נישט שלאָגען די קינדער אין חדר, אַז מען זאָל איינריכטען די שטיבער זויבערער, אַז מען זאָל נישט לאָזען זיך נאַרען דורך קהל׳ש׳ע בלוטזויגערס, אין יענער שטורם-און דראַנג-צייט איז אָט די סענטימענטאַלע בעגייסטערונג אויך געווען אַ סימן פון בטלנות, אָבער אַזאַ עטיש לירישער פילאָסאָף, ווי גיהיאָ





צום ביישפיעל, וועלכער זאָגט, אַז אַ פּאָעטיש רייכער מענש קען, ווען מען דערלאַנגט איהם אַ גלאָז מילך אָדער אַביסעל גרינעם סאַלאַט אויף אַ טעלער, דורך דעם כוח הדמיון מאָהלען די שעהנסטע נאַטורלאַנדשאַפטען און דאָרפישע אידיליעס, — גיהיאָ וועט אין די פערשלומפערטע טונעיאדעווקער יודען זעהען אַ סך פאַנטאַזיע, אַ סך טרוימערייען, וואָס בעדאַרפען בעווייזען, אַז אויסער אָט דער וועלט, איז דאָ אין זייערע נשמות נאָך אַ וועלט, אַ פיעל הערליכערע. געוויס, אָהן אָט דער פעהיגקייט דורך אַ נישטיגען טייטעל בעגייסטערען זיך ביז צום „געשמאַק רעדען וועגען ארץ ישראל״, וואָלט נישט בעשטאַנען די מעגליכקייט שאַפען דעם שפעטערדיגען דור די שעהנסטע חסידישע לעגענדעס, אָהן דעם וואָלט די יודישע ליטעראַטור נישט געהאַט דעם זוניגען, האַרציגען טביהן, אָהן דעם וואָלט פרץ נישט געקענט שרייבען זיינע פאָלקסטימליכע געשיכטען, און אָהן דעם וואָלט נישט געוועזען מעגליך אַ יודישע נאַציאָנאַלע בעוועגונג.

אָבער אין דער עפּאָכע, אויף וועלכער עס איז אויסגעפאַלען די ליטעראַרישע טעטיגקייט מענדעלע׳ס האָט מען אויף יענעם ניצוץ נישט געקענט צופיעל אויפמערקזאַם זיין. די עפּאָכע יענע, דעם דור-השכלה, מוזען מיר שטענדיג האָבען אין זינען, ווען מיר פערטראַכטען זיך וועגען אונזער גרויסען זיידען, ווען מיר שאַרען אין די רייכע אוצרות פון זיינע ווערק. מיר מוזען זיך אין גאַנצען אַריינטהון אין יענער צייט, אויפפאַסען אַ פערגאַנגענעם דור, אונזערע טריט מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג. וואָרום, האָבען מיר זיך צוגעוואוינט צו אַנדערע, בעקוועמערע וועגען: ווי שיפער, וואָס רייזען אין אונבעקאַנטע וואַסער-געגענדען, האַלטען שטענדיג דעם קאָמפּאַס, כדי נישט צו פערבלאָנדזען, חלילה, אַזוי דאַרפען מיר אויך זיך אָנשטרענגען ערענסט זיין, ווען מיר בעטרעטען דאָס געביט פון טונעיאדעווקע. וואָרום בלי-ספק: מענדעלע געהערט צו די טאַלענטען, וועלכע מען טאָר נישט אַרויסרייסען פון די ראַהמען פון זיין צייט, צו ענג איז ער מיט איהר געוועזען פערבונדען, צו בי-

טער האָט ער דאָרט געקעמפט, און אין זיינע ליטעראַרישע מאָנומענטען האָט זיך די גאַנצע עפּאָכע אָבגעשפּיגעלט.

מיט דעם איז אָבער נישט געזאָגט, אַז מענדעלע האָט נאָר היסטאָרישע פערדיענסטען, אַז ער איז פאַר אונז נאָר אַ פערגאַנגענהייט. ניין, מענדעלע איז אַ בלייבענדער אוצר, אַ שטענדיג רוישענדער קוואַל, פון וועלכען מיר קענען נאָך איצט אויך שעפּען, דען, ווען אַפילו, דורך דעם קאַמף געטריבען, האָט מענדעלע, געמוזט זעהר אָפט אויפגעבען אין זיך דעם פּרעכטיגען קינסטלער, דעם דעטאַליסט, וואָס וואָלט מיט דעם גרעסטען פערגעניגען אָבגעשטעלט זיך לעבען יעדער קלייניגקייט, און בעשריבען עס, בעלויכטען, בעציהרט מיט די רייכסטע פאַרבען פון זיין בעהאַרצטער, צאַרטער שפּראַך, ווען מענדעלע, זאָג איך, האָט דורך דער עבודה, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, געמוזט דערשטיקען דעם קינסטלער און לאָזען הערשען דעם פּובליציסט, האָט דאָך דער קינסטלער דורכגעשלאָגען זיך אַ וועג דורך די פּובליציסטישע דערנער, און עס איז ענטשטאַנען אַ רייכע גאַלעריע טיעפע געשטאַלטען, וואָס וועלען קיין מאָל נישט פערטונקעלט ווערען, וואָרום אַ אמת׳ער מייסטער האָט זיי געשאַפען. דעם קינסטלער מענדעלע׳ן צו געניסען דאַרף מען זיך נישט צו אָנשטרענגען, עס איז גענוג אַוועקזעצען זיך און הערען: דאָ זענען מיר אין דער וועלט פון דויערענדע ווערטן, דאָ הערשט דער שטענדיגער מוסטער. דער זיסער קול פונ׳ם נאַכטיגאַל האָט געקוויקט אדם־הראשון, פונקט ווי דעם מאָדערנסטען מענשען; דאָ איז לייכט, און פרייע ריינע לופט, פון איהר האָבען דעם זעלביגען נחת געהאַט די פריהערדיגע דורות, די איצטיגע, ווי די קומענדיגע, דען אומפאַרגענגליך זענען די ווערק פון אמת׳ער קונסט.

אַ שטענדיגער אוצר, פון וועלכען מיר וועלען קיינמאָל ניט אויפהערען שעפען, איז אויך די שפּראַך מענדעלע׳ס. ער האָט אין אַ פערגליווערטען, טויטען אָרגאַניזם אַריינגעהויכט לעבען און זאַפט, אין די אָדערען האָט אָנגעהויבען פליסען בלוט. ווי טויטע, אָבגעזונדערטע איבער פערשיעדענע קעסטע־





לעך צעוואָרפענע אותיות איז געלעגען דער שפּראַך־אוצר. אין געקומען מענדעלע, האָט עס צוזאַמענגעקליבען, בעריהרט מיט זיין צויבער, און עס איז ענטשטאַנען דאָס וואָרט, מענדעלע׳ס יודיש, וואָס איז אַזוי מעלאָדיש, זיס, האַרציג און אינטים. די קאַפּוליער יודען, וואָס האָבען זיך אין מאַרק איבערגעוואָרפען מיט ווערטער, האָבען געוויס ניט געחלומט, אַז מענדעלע וועט אָט די אַלע ווערטער אויפכאַפּען, און מיר וועלען זיך דורך אי׳הם דערוויסען, וואָס פאַר אַ פאַרביגע שפּראַך די קאַפּוליער יודען האָבען דאָס אייגענטליך פערמאָגט. מענדעלע האָט ליעב אין זיינע ביכער אָפט געברויכען דאָס וואָרט „געשמאַק" — „מען האָט געשמאַק גערעדט וועגען ארץ־ישראל", די זון האָט „געשמאַק געוואַרעמט". בנימין, אַרויסגייענדיג אין וואַלד, האָט זיך אָנגעלענט זָן אַ בוים און „געשמאַק געטראַכט". אָט מיט דעם זאַפטיגען בעגריף, וואָס חזר׳ט זיך איבער אַזוי אָפט ביי מענדעלען, קאָן מען איבערגעבען דעם ערשטען איינדרוק פון זיין שפּראַך: מענדעלע שרייבט געשמאַק און עס איז אים געשמאַק צו לעזען. זיין רייכקייט אין ווענדונגען, אין בעטאָנען, אין צוזאַלצען, צופעפערען אָדער, פערקערט, צוזיסען, צוהארצען איז אומגעוועהנליך, עס איז דאָס רייכסטע, מערכענהאַפסטע בשמים־געווילבעל ערגעץ אין טיעפען מזרח. צו דער ליטווישער שאַרפקייט קומט צו דער אוקראַינישער חן, דאָס לירישע און ווייכע, עס שמעקט מיט וואָלין און פּאָדאָליע. און וואָס פאַר אַ מייסטער איז ער אין פערייודישען אַ גויאיש וואָרט, וואָס פאַר אַ ליעבקייט בעקומט אָט דאָס „בידנע פאַרשוין", אָט דאָס „צוויטען" (פון אוקראַינישען „צוויט", בליהען), אָט דאָס אַריינפלעכטען מיטאַמאָל „סערדצע־קרוין". און נישט די פרעמדע ווערטער האָט ער פערייודישט, נאָר אויך די נאַטור. זעהר טרעפענד האָט זיך ביאַליק אויסגעדריקט, אַז מענדעלע האָט די נאַטור מגייר געווען. אַלעמאָל שטעהט אין וואַלד מענדעלעס וועגעלע מיט זיינע ספרים און אין דעם שלעפערדיגען פויגעל־געזאַנג, אין אַ זומערפאַרנאַכט, מישט זיך שטענדיג אַריין דער אשרי יושבי ביתך. אויף דעם געביט האָט מענדעלע געשאַפען

אייביגע קונסט, אָריגינעלע. שלום־עליכם וועט זי נאָך ווייטער ענטוויקלען, פערפולקומען, ווייל ער איז נאָר ליריקער, נאָר הומאָריסט, און ווייל עס פעהלט איהם די ביטערקייט מענדעלעס, די גאַל פון קעמפער. אָבער שלום־עליכם איז דאָך אַנ׳אייניקעל. אָהן דעם זיידענס האַנט, וואָלט ער דעם וועג פיליילכט נישט געטראָפען.

די ביטערקייט, דער צאָרן, דער בייזער שפאָט — מיט דעם זענען אָנגעפולט מענדעלעס ביכער. און דאָס איז שוין נישט דאָס אייביגע, דאָס איז שוין היסטאָריש, און דאָס איז דער עלעמענט פון זיין שאַפען, וועלכער פאָדערט פון אונז יענע אָנגעשטרענגטקייט, יענעס קאָנען זיך אַריינלעבען אין אַ פרעמדער עפאָכע, וועגען וועלכער איך האָב פריהער גערעדט. אָהן דעם וועלען מיר נישט קאָנען ווירדיגען, ווי געהעריג, מענדעלע׳ס ברען, פאַטאָס, דעם צאָרענדיגען פראָטעסט אין נאָמען פון השכלה, פון הומאַניטעט, זאָגאַר אין נאָמען פון היגיענע און פון דער איינפאַכסטער, פרימיטיווסטער קולטור. אום דאָס צו פערשטעהן, מוז מען קוקען אויף טונעיאַדעווקעס פון יענער צייט נישט מיט אונזערע, מידע, מיט ראָמאַנטיזם פערשלייערטע אויגען, נאָר מיט די ווייט אויפגעשלאָגענע, פלאַמענדיגע אויגען פון אַ יונגען מאַן אין יענער צייט, וואָס האָט אָקאָרשט געענדיגט די ראַבינער־שול און האָט זיך אָנגעלעזען מיט שילערן און לודוויג בערנע, און, קומענדיג אין אַ יודיש שטעדטעל, זעהט ער פערלעטערטע פאָרמעס, פאַרשקלאַפטע פרויען, דעספּאָטישע גבירים, דאָנאָסטשיקעס, כאַפּערס, און, זעהענדיג דאָס, גיט ער זיך די הייליגע שבועה קעמפען ביז צום לעצטען און מיט אַלע כוחות אַריינברענגען ליכט אין יענער פינסטערניש.

מיר טאָרען נישט צוגעהן מיט אונזער איצטיגען מאַסשטאַב, מיט אונזערע בעגריפען, מיר מוזען פערגעסען, אַז מיר זענען מידע, ענטטוישטע קינדער פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, פאַר וועלכע אַזוינע ווערטער ווי קולטור, ציוויליזאַציע קלינגט עפּעס מאַדנע, ווי אַ איראָניע, ווי אַנ׳אומפאָרנעמער





רייצען זיך מיט אונז; מיט אונז עדפאַהרענע און ביטער אָבגענאַרטע.

מיר מוזען פערגעסען די אַלע אידיליעס, וועלכע אונזערע שרייבערס פון דעם לעצטען דור האָבען אויסגעוועבט דוקא פון יענער (פאַר די משכילים אַזוי געהאַסטער) צייט, מיר מוזען פערגעסען די פערקלערטע, טיפע, מעלאַנכאָלישע מאָנאָלאָגען רב אבא׳ס ביי אַנכי, צייטלינס אַרבייטען וועגען חסידיזם, בערדיטשעווסקיס מעשות, מאַרטין בובערס פערהערליכונגען פון די לעגענדעס. אונזער איבערטרייבענדער ראָמאַנטיזם, וואָס איז ענטשטאַנען אַ דאַנק אונזער מידקייט, אַ דאַנק אונזערע ענטטוישונגען, צווינגט אונז בעזינגען דאָס אַמאָליגע לעבען אין יודישען שטעדטעל. אונז ענטציקט דער פלאַמענדיגער חסיד, וואָס וואַרפט אַוועק ווייב און קינד, טרייסעלט אָב פון זיך די עולמות און לאָזט זיך וואַנדערען ווייט, ווייט צום רבי׳ן און אומקערען זיך ערשט אין אַ יאָהר צוריק, נאָכדעם ווי אַלע האָבען איהם שוין בעקלאָגט, פאַר פערלוירען געהאַלטען, אומקערען זיך צוריק צופוס, פריילך, פריש מיט אַ ניגון, מיט אַ נייעם ניגון פון רבי׳ן.

אָבער ביי מענדעלע׳ן איז אָט דער חלום אונזערער צעשטערט, דאָס גאַנצע פאַנטאַזיע־בילד צערינט, ווי אַ לייכטער נעפּל. מענדעלעס חסיד איז אַ לעדיקגעהער, אַ טויגעניכטס, אַ פּאַראַזיט. הערט נאָר די ביטערע רייד פון דעם חסידס ווייב, ווען זי קומט צום רב קלאָגען זיך אויף איהר מאַן און פאָדערט גט. זעהר ווייניג ראָמאַנטיק אין איהרע רייד, זי שילדערט איהר מאַן מיט אונבע׳רחמנות׳דיגער אָפענקייט, גאַנצענע טעג און וואָכען פערגעהען ביי איהם אין פוסטע שמועסען הינטערן אויבן, אין דעם אַ ביסעל בראָנפען נאָכן דאַווענען, די היים אינטערעסירט איהם נישט, אויף די קינדער קוקט ער נישט, קומט ער אַריין, מוז אַלץ זיין גרייט, און קומט דער פרייטאָג, נעהמט ער צו ביי דעם ווייב די לעצטע עטליכע גראָשען, און שלענדערט צו זיין רבין. פרובט זי יאָ אַמאָל אַ וואָרט זאָגען, דאַן פליהען איהר דראָהונגען, סטראַשונקעס, זי

זועט אַ וויסטע עגונה בלייבען, אין בעסטען פאַל שטויסט ער זי אָב מיט דעם „עט, וואָס פערשטעהט אַ יודענע".

פונקט ווי אונזער ראָמאַנטיזם איז איבערטריבען, אָבער ער איז אַ פסיכאָלאָגישע נויטוועגדיגקייט, אַזוי איז אויך דער שאַרפער רעאַליזם מענדעלע'ס געווען איבערטריבען, אָבער נישט ווייניגער אַ נויטווענדיגקייט. פריהער פאַר אַלץ איז ער אַרויס־געטראָטען אַלס סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר. ער האָט געפאָדערט יושר ביי די גבירים, בעל־טאַקסעס, וואָס האָבען געהערשט איבער דער געמיינדע, ער האָט געפאָדערט ריינליכקייט אין די שטיבער, איידעלע פאָרמען אין אומגאַנג, אַכטונג צו דער פרוי, צו וועלכער עס איז נאָך דאַן געווען אַ ריין אָריענטאַ־לישע בעציהונג. ער האָט געפאָדערט מענשענרעכט און איינגאַנ־צען אָבגעבען זיך דעם פערטיידיגען פון אָט די פרינציפען, ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין צענטר פון דעמאָלסדיגען לעבען און העלדיש, צוזאַמען מיט פיעל אַנדערע, געקעמפט. און דאַן איז עס געווען, ווען דער פובליציסט, דער סאַטירי־קער האָט געהערשט, און דער קינסטלער האָט געשוויגען, אָדער אָבגעקומען מיט קלייניגקייטען.

„אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען שפּאַציער איך מיר אַזוי צווישען וויגענדע קאָרנפעלדער און, איידער איך האָב בעוויזען זיך אַרומקוקען, בין איך שוין געשטאַנען אין גרויסען, געדיכטען וואַלד. איך בין געגאַנגען אַלץ טיפער און טיפער, אַראָבגענומען די טאָרבע פון די פלייצעס, אויסגעצויגען מיין קאָפּטל און זיך אויסגעשפּרייט צופוסענס פון אַ שאָטיגען בוים. מילא, וואָס איז דאָ צו דערצעהלען? אַ וואַלד, ווי אַלע וועל־דער, בוימער זענען בוימער, גראָז איז גראָז, און פייגל זענען פייגל" („פישקע דער קרומער").

ווי כאַראַקטעריסטיש אָט די שטעלע איז. מיר ווייסען, ווי מענדעלע האָט זיך געקאָנט דערוואַרימען ביי אַ אידילישען פייזאַזש. מיר ווייסען, ווי ער האָט ליעב מאָהלען, דעטאַליזי־רען. אין אַנ'אַנדער אָרט איז ער זיך מודה, אַז ער האָט אַ מין חולשה צו גאָטס נאַטור, צו אַלץ, וואָס שפּראָצט און בליהט,





און אָט דער חולשה האָבען מיר צו פערדאַנקען מייסטערהאַפטע נאַטור־שילדערונגען. נאָר ווי אָפט בעפאַלט מענדעלע'ן דער פובליציסטישער פּאַראָקסיזם. און דאַן איז ער מורא'דיג קאַרג, דאַן זשאַלעוועט ער ווערטער און, אָנהויבענדיג מאָהלען, וואַרפט ער אַוועק אינמיטען דאָס קעסטעל מיט פאַרבען, צעבייזערט זיך און וויל אונז פערזיכערען, אַז עס איז גאָרנישט בעזונדערס פערהאַנען, וואָס צו דערצעהלען, אַז בוימער זענען בוימער, גראָז איז גראָז. דער פובליציסט, דער קעמפער פאַר בילדונג, יושר און געזעלשאַפטליכען לעבען איז גובר דעם קינסטלער און פערטריבט איהם.

ליעבע דורך האַס, דורך צאָרן, דורך ביטערקייט איז איינער פון די וויכטיגסטע מאָמענטען אין מענדעלע'ס ווערק. ער געברויכט אַלעמאָל דאָס וואָרט „יודלעך" אָנשטאָט יודען. דאָס קאָן אמת אַ ביסעל אָבשטויסען, עס ווירקט אומאַנגענעם. אין אָט דעם איבערגע'חזר'טן „יודלעך" פיהלט זיך אַ גרינגשע־צונג, אַ מין פעראַכטונג. אָבער דאָס וועט זיין נישט ריכטיג. מענדעלע איז געווען פערביטערט, אָבער ער האָט שטאַרק גע־ליעבט זיין פאָלק. און אָפט פלעגט זיין האַרץ ווייך ווערען, און דאַן פלעגט ער קרעכצען, אָכצען, טרעהרען פערגיסען און „יודלעך" האָט שוין דאַן עפּעס אַנדערש געקלונגען.

פערהאַן אַ שטעלע אין מענדעלע'ס גלענצענדער דערצעה־לונג „שם און יפת אין אַ וואַגאָן", וואָס אַנטפלעקט פאַר אונז זיין ווייגענדיגע נשמה. ער שילדערט ווי אַנ'עדה יודען, יודע־נעס, קינדער בעשטייגען אַ צוג, שילדערט דעם טומל, די שטו־פעניש, די בערג מיט קישענס און זעק, שילדערט בייז, ביטער, און מיטאַמאָל ווערט דער כעס איינגעלאָשען און מענדעלע איז זיך מודה:

„איך בין זיך מודה, וואָס פאַר גאָט דאָס פאַר לייטען, אַז תחילת האָב איך געהאַסט אין האַרצען מיינע שכנים, גלייך ווי זיי זאָלען עפּעס מיינס פערנעמען, און ווי דער אמת איז, האָבען זיי מיך טאַקע נישט געלאָזט רוהען, און אין האַרצען האָב איך געשאָלטען מיין ביטערען מזל, וואָס האָט מיך אויפ־

געקאָמפּאַנירט מיט אַזעלכע מאָדנע משונהדיגע און דאָקוטשליווע נפשות. נאָר, אַז איך האָב זיך צו זיי גוט צוגעקוקט און זיי בעטראַכט, איז אין מיין האַרץ געוואָרען אַן איבערקערעניש זיי צום גוטען, און האָב אָנגעפאַנגען פון זיי אַנדערש צו דענקען. זייערע קליידער, משטיינס געזאָגט, זייער געשטאַלט און זייערע פּנימער, וואָס זענען שוואַרץ ווי די ערד, האָבען גאַנץ בעשיינפערליך בעוויזען, אַז זיי זענען נעביך אומגליקליכע, וואָס האָבען זיך אין לעבען גענוג אָנגעליטען, בענוג אויסגעשטאַנען, און דאָס האַרץ האָט מיר געריסען פאַר רחמנות אויף זיי. די ביטערע זיפצען יעדע מינוט פון דער מוטער, האָבען מיר געמאַכט אַ לאָך אין האַרצען, דאָס פליסען זיך פון דעם פאָטער מיט די עלטערע קינדער מיך נישט צו דריקען און ענג צו מאַכען, האָט מיך פאַרן האַרצען גענומען, און מער פון איטליכען האָב איך מיטלייד געהאַט מיט דעם זויגענדיגען קינד, וועלכעס האָט געדרעמלט שוואַך, אָהן קרעפטען, אָהן בלוט אין די ליפּעלעך, אָהן אָטעם אין זיין יונגער ברוסט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך נעביך אָנגעשריען ביי דער מוטער אויף די הענט — דאָס אַלץ איז פאַר מיר גענוג געווען זיך פאָרצושטעלען דאָס שווערע, ביטערע לעבען פון דעם אומגליקליכען געזינד. עס האָט מיר זיך פאָרגעשטעלט אין מיין געדאַנק נאָך טויזענדער אַזעלכע טרויעריגע, אומגליקליכע פאַמיליעס, וועלכע ליידען הונגער, דחקות, טראָגען דאָס בינטעל צרות, שטיל אָנבייגענדיג דעם קאָפּ, און מיין האַרץ האָט ביטער געוויינט אויף זיי נעביך".

יאָ! און מענדעלע׳ס האַרץ האָט ביטער געוויינט, עס איז איהם געוואָרען אַ לאָך אין האַרצען, און דאַן האָט זיין פעדער בעקומען אַ זאַנפטקייט, אַ ווייכקייט, ביז גאָר ריהרענדעס, און דער אויסדרוק „יודלעך" האָט שוין נישט געהאַט יענעם אונאַנגענעהמען שטריך, נאָר עפּעס אינטימעס, אייגענעס. פאַרהאַן ביכער גאַנצע, וואו דאָס „לאָך אין האַרצען"גיט זיך מעהר צו פיהלען, איידער זיין צאָרן, זיין ביטערקייט, וועלכע איז אויך געווען שטענדיג אויס גרויס ליבע צו זיין בידנעם פאָלק. און דאָס האָבען געוואוסט די טונעיאַדעווקער, גלופּסקער





אייניקלעך, ווען זיי האָבען מיט עטליכע צעהנדליגער יאָהר שפּעטער געפייערט און מקבל פּנים געווען זייער זיידען שוין נישט אויף די ברעגעס פון גנילאָפּיאַטאָווקע, נאָר אין די גרויסע שטעדט, און זעהענדיג אָט דעם ענטוזיאַזם פון די אייניקלעך, האָט זיך דער זיידע דערמאָהנט אָן אַמאָליגע שלאַכטען זיינע און, שמייכלענדיג, געוויס געטראַכט: אויף נאמנות, יענע טונעיאַדעווקער יודען זענען אויך אפנים נישט געווען אַזוי שלעכט, ווי איך האָב געמיינט, וואָרום ווי מאָהלט זיך עס דען, אַז זיי זאָלען האָבען אַזוינע בראַווע, האַרציגע אייניקלעך.

איך האָב געזעהן מענדעלע׳ן גראָד באַלד נאָך זיין טריומף־רייזע איבער ליטע און פוילען, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט קיין אָדעס צו זיך אַהיים. עס איז געווען אַ טרוקענער זוניגער האַרבסטטאָג, מיר זענען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע (ביאַליק, ראַווניצקי, פּרץ, הירשביין) געגאַנגען צו מענדעלע׳ן הערען, ווי איהם איז געפעלען דער ערשטער גרויסער אַרויספאָהר, און אָט זענען מיר געזעסען אַרום מענדעלען ביים רונדען טיש אין ברייטען אַרבייטסצימער. מענדעלע האָט דערצעהלט מיט התלהבות דאָס, וואָס ער האָט געזעהן, איבערגעלעבט, ער האָט געשמאַק גערעדט, בעהאַרצט, עס איז שוין געווען נישט אַ לאָך אין האַרצען, נאָר אַ טיעפע פרייד און בעפריעדיגונג, און, אַזוי ווי מיעד אַ ביסעל פון דערצעהלען, האָט ער פערנייגט דעם קאָפּ, דעם זעלטענעם ווייסען קאָפּ, פערלעגט אַ האַנט אין אַ האַנט, פערטראַכט זיך, און זיס־זיס צושמייכעלט זיך, און דאַן איז ער געווען ענליך צו דעם מאָנבלאַן ביי אַ שעהנעם זונענאונטערגאַנג.

מיר דוכט אַלץ, אַז מיט דעם זעלביגען זיסען שמייכעל איז אונזער זיידע אַריבער אין דער אַנדערער טיפערער וועלט.

נ. פרילוצקי

# מענדעלע'ס יודיש

„זעלבסט אין דער שפראַך און אויסדרוקען פון דעם יודיש-לשון ווייס איך נישט, ווי זיך צו ערקלערען די אַרט און ווייזע, ווי ער געברויכט איהם. איך גלויב נישט, ער זאָל אַזוי פעדאַנטיש זיין און האַלטען דעם לשון אַלס איינע געשטעלטע שפראַך, וואָס יעדעס וואָרט האָט איהר שורש און מקור אין דער שפראַך זעלבסט, און ער איז פאַר די שרשים און מקורים אַזוי פיעל איינגענומען, אַז אַלץ, וואָס ער געפינט נישט אין זיי, איז נישט הייליג און נישט גוט צו געברויכען, און שרייבט דעריבער ריין יודיש, ווי מאַנכער העברעער, אַ פעדאַנט שרייבט און וויל, אַז אַנדערע זאָלען אויך שרייבען נאָר ריין ביבליש, אָדער ער איז לכתחילה דעם זשאַרגאָן אַ פיינט און וויל איהם אונטערגראָבען, בכדי אַרויסצושטעלען זיין פראָסטקייט און פער דאָרבענקייט, ער זאָל זיך שעהמען פאַר לייט".

י. דינעזאָנס ווערטער וועגען ש. י. אַבראַמאָוויטשען אין „הויזפריינד"*), אין אַרטיקעל: „די יודישע שפראַך און איהרע שרייבער".

---

—*) באַנד I (ווארשע 1888). —

שרייבענדיג די שורות, איז דער בעקאַנטער שריפטשטע-
לער — אַ הייסער פריינד פון דער „אָבגעשטויסענער״ שפּראַך.
אָבער זי איז אין זיינע אויגען נישט מער ווי אַ „זשאַרגאָן״, אַ
צייטווייליגע זאַך, וואָס מוז סוף־כּל־סוף אונטערגעהן. גאָר לעת
עתּה טאָר מען זי נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנד, דען זי
איז אַ אויסגעצייכנטע מיטעל אויף אויסצובילדען די פינסטערע
יודישע פאָלקסמאַסען.

אַ בריק איז דאָס פון יודיש אונוויסענקייט צו אייראָפּע-
אישער בילדונג. אין דער מינוט, אָבער, ווי דער „געמיינער
סאָרט יודישער עולם״ וועט שוין משיג זיין, ווי נויטיג עס איז
זיך צו לערנען, וועט די יודישע שפּראַך ווערען איבעריג, און
מ׳וועט זי קאָנען אָוועקוואַרפען, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס האָט
אָבגעטהון זיינס און קאָן מער קיין נוצען נישט ברענגען.

פון דעם שטאַנדפונקט — האַלט דינעזאָן מער פון „יודיש-
דייטש״, ווי פון לשון־הקודש. העברעאיש, אַלס קולטור־שפּראַך,
„האָט זיינע אייגענע אָפּפער פערלאַנגט, און פיעל זענען צו איהם
פערקויפט געוואָרען אַזוי צו זאָגען: לעבדים עברים״*), — און
זענען סוף־כּל־סוף „ביי זייער העברעאיש געבליבען״, — „יודיש-
דייטש, ודאַגעגען, האָט אַזעלכע אָפּפער נישט פערלאַנגט, פאַר
זיך זעלבסט האָט דער לשון נישט גערעדט און נישט געהאַט
וואָס צו רעדען, דעריבער איז אַלץ, וואָס מען האָט אין איהם
געשריבען, נאָר געוועזען אויף צו וועקען, צו ערקלערען און
אָנצווייזען אַ וועג, און די, וואָס האָבען געפאָלגט דאָס, וואָס
זיי האָבען געלעזען, זענען צו אַ בעסערען תּכלית געקומען אַלס
יענע העברעער. זיי זענען נישט געבליבען ביים יודיש־דייטש,
נאָר זענען אַריבער „פריי צו זיין אין דער וועלט, מיט דעם
לשון־המדינה״...

האָבענדיג אַזאַ מיינונג וועגען דער יודישער שפּראַך, איז
דינעזאָן געשטאַנען פאַר מענדעלע מוכר־ספרים, ווי פאַר אַ
רעטעניש.

*) דאָרט. —





ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען העכערע קונסט
אויף „זשאַרגאָן״.

— „איך גלויב נישט, אויב ה׳ אַבראַמאָוויטש איז געווע-
זען אַזוי פאַרנאַרט צו גלויבען, דאַן ווען ער האָט די ספרים
געשריבען, אַז ער שרייבט עס פאַר דעם המון, און דער המון
וועט זיי פערשטעהן. בלייבט מיר אַלזאָ די פראַגע: פאַר וועמען
האָט ער די „קליאַטשע״ און „יודעל״ געשריבען אין זשאַרגאָן?
איבערהויפּט בעמערק איך לפי ראות עיני ורגש לבבי, אַז ה׳
אַבראַמאָוויטש האָט אויפגעהערט, באַלד נאָך זיין ערשטען טריומף
פון דער „טאַקסע״, ערענסט צו זיין אין זיין שרייבען יודיש-
דייטש און ערענסט צו דענקען פון דעם לשון זעלבסט. אין
אַלע זיינע לעצטע ווערק איז דער הומאָר און סאַטירע צו פיעל
און צו דיק איינגעוויקעלט אין איינפאַכע און אָפט נישט נוי-
טיגע און נישט גאָר וויציגע ליצנות, וועלכע עס פאַרשטעלען
דעם טראָפּען מוסר און דעת. און ווען איך לעז זיינע לעצטע
יודיש־דייטשע ווערק, ווי למשל, „מסעות בנימין השלישי״, בע-
קום איך אַ געפיהל, ווי דער מחבר שפּיעלט זיך און מאַכט
קונסטגעבערדען, און שפּעט, און לאַכט, און טאַנצט אויף אַ שטריק
פאַר זיינע חברים און מחברים זעלבסט, און בעקימערט זיך
ווייניג, אום דעם פאָלק וואָס נוצען צו ברענגען״.

אויב דער עיקר איז „דער טראָפּען מוסר און דעת״,
דאַרף דינעזאָן, נאַטירליך, גאָר עולם ומלואו האַלטען פון אייזיק
מאיר דיק, וועלכער איז „גרויס און ערענסט אין זיטענלערע״.

האָבענדיג פאַר זיך די „טאַקסע״, „די קליאַטשע״ און
„מסעות בנימין השלישי״, דערמאָנט זיך דער שרייבער מיט אַ
זיפץ אָהן יענער צייט, „וואָס איז ווירקליך געוועזען איינע בליה-
ענדע און געדייהענדע צייט פאַר אונזער יודיש־לשון, דאַן האָ-
בען מענשען געבילדעטע פון העכערען שטאַנד זיך בעגעבען
מיט דעם״...

אַ, דער יודיש־לשון איז ביי אַ סך פון די פריהערדיגע
יודישע שריפטשטעלער נעבעך גאָר קיין „שפּראַך״ נישט געווען,
נאָר טאַקי עפּיס אַ מין פערזעהעניש, אויסמישעכץ פון פערשיע-

דענע יסודות, דייטשמערישע, יודישע און העברעאישע, — דעם מחבר פון ציטירטען אַרטיקעל האָט עס קנאַפּ געאַרט: וויכטיג איז אין דער ניס דער יאָדער, נישט די שאָלעכץ, — אין ליטעראַטור האָט דינעזאָן געשעצט דעם תוך, נישט די פאָרם, און ספּעציעל האָט זיך איהם אויסגעוויזען קאָמיש צו זוכען האַרמאָניע אין אַזאַ „אָך-קוצך"-לשון, אין אַזאַ „אָהן-הענט-אָהן-פיס-אָהן-לייב-אָהן-לעבען"-שפּראַך, ווי דער „זשאַרגאָן", וואָס האָט קיין שום אויסזיכטען נישט אויף עפּיס אַ צוקונפט און וועט אויפהערען צו עקזיסטירען אין דעם מאָמענט, ווען ס'וועט אין דער יודישער גאַס שוין נישט זיין קיין ווינקעלע, וואוהין די ליכטיגע זון פון השכלה זאָל נישט האָבען אַריינגעוואָרפען אַ ביגטעל וואַרימע שטראַהלען...

ש. י. אַבראַמאָוויטש איז געקומען צום זשאַרגאָן דורך דעם זעלביגען געדאַנקען-לויף, ווי דינעזאָן.

אַלס משכיל, — אַלס מאָראַליסט און סאַטיריקער, — אַלס לערער, האָט ער געשטרעבט דערצו, זיין פען זאָל וואָס מער נוצען ברענגען דעם אָרימען יודישען פאָלק.

ווען ער האָט געשריבען העברעאיש, האָט איהם נישט געלאָזט רוהען דער געדאַנק: „ווער דאַרף דאָס האָבען? וועמען קומט עפּיס אַרויס דערפון?"

אויף איבערצוגעהן צום „זשאַרגאָן", האָט מען, אָבער, בעדאַרפט האָבען גרויסען מוט:

— „אין מיין צייט האָט דער זשאַרגאָן פאָרגעשטעלט אַ פערוויסט פעלד. פערשיעדענע טינטלערס האָבען אין דער שפּראַך געשריבען פּוסטע נאַרישע זאַכען. געלייענט האָבען ווייבער און פּראָסטאַקעס. דאָס פאָלק האָט זיך געשעהמט צו לייענען די „ווייבערישע ביכלעך". אונזערע שריפטשטעלער, די קינסטלער פון וואָרט, האָבען זיך פערהאַלטען צום זשאַרגאָן מיט גרויס פעראַכטונג, און ווען איינער האָט זיך ערלויבט אַ שפּאַס צו טהון אין דעם מבוזה'דיגען לשון, האָט ער פערשטעלט זיין נאָמען, מ'זאָל איהם נישט דערקענען און מ'זאָל נישט חוזק מאַכען"...





אַזוי דערצעהלט מענדעלע אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.

די שטאַרקע ליעבע צום פאָלק האָט, אָבער, גובר געווען דעם געזעלשאַפטליכען פאָראורטייל, און אַבראַמאָוויטש האָט גיך געפועלט ביי זיך צו ווערען אַ משרת ביי דער „דינסטמויד".

נאָך דעם ווי מענדעלע האָט אָנגעהויבען שרייבען יודיש, האָט, אָבער, די שפּראַך פאַר איהם שוין נישט געקאָנט בלייבען מער קיין „דינסטמויד". אין די הענד פון דעם כשוף-מאַכער איז דאָס כלומרשט חולא-וטלולאדיק פערזעהעניש כמעט ווי איבער נאַכט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בילדשעהנע בת-מלכה.

דער קינסטלער אין אַבראַמאָוויטש'ען האָט אים נישט ערלויבט אָבצוטיילען אין שרייבען דעם אינהאַלט פון דער פאָרם.

דער מאַטעריאַל, פון וועלכען אַ קינסטלער שאַפט זיינע ווערק, ווערט נאָר דאַן פערוואַנדעלט אין קונסט, ווען עס בעקומט די נויטיגע, די פּאַסענדיגע פאָרם.

דאָס העכער שטעהט אַ קונסטווערק, וואָס מער, וואָס שטאַרקער, וואָס טיעפער די פאָרם אין איהם איז צוגעפּאַסט צום אינהאַלט, — און פאַרקעהרט.

מענדעלע האָט דאָס געפיהלט מיט'ן איינגעבוירענעם, געזונדען אַרטיסטישען אינסטינקט, — און האָט די גאַנצע רייכקייט פון זיין אויסערגעוועהנליכען גייסט, די גאַנצע קראַפט פון זיין מערקווירדיגען טאַלענט איבערגעטראָגען אין די מלבושים פון זיינע גראַנדיעזישע ווערק, — אין די יודישע שפּראַך.

זיינע חברים, די איבריגע מחברים, האָבען געשטוינט. זיי האָבען אין דעם געזעהען נישט מער ווי פּוסטע „קונסטגעברויך": דער שרייבער מאַכט זיך פּשוט נאַריש „טאַנצט אויף אַ שטריק".

מיר פערשטעהען אָבער שוין, אַז אין דער אַרטיסטישער בעציהונג צו דער יודישער שפּראַך ליגט מענדעלע מוכר-ספרים'ס גרויסקייט.

ווי אַנ'אמת'ער גייסטריז, ווי אַנ-עפּאָכעמאַכער האָט דער פאָטער פון אונזער מאָדערנער נאַציאָנאַלישער ליטעראַטור אויף

דעם דאָזיגען געביט, ווי אויף פיעל אַנדערע, איבערגעשטיגען זיין דור.

אַבראַמאָוויטש איז געבענשט געוואָרען פון גאָט מיט דעם זעלטענעם גאָב, וואָס רופט זיך: חוש פון דער שפּראַך.

„סטיל — דאָס איז דער מענש", האָט זיך עמיץ אויסגעדריקט, אין דעם זין פערמאָגט איטליכער בעגאַבטער און ענטוויקעלטער שריפטשטעלער, מער־וועהניגער, זיין סטיל, ד. ה. זיין אַרט שרייבען, זיין לשון, אין וועלכען ס'שפּיגעלט זיך אָב זיין אינדיווידואַליטעט.

מענדעלע מוכר־ספרים איז סטיליסט אין ברייטערען זין פון וואָרט. — דהיינו, אויך אין דער אָביעקטיווער זייט פון זיין שפּראַך.

אויסער דעם, וואָס ער שטעמפּעלט־אָב אויף דער לעצטער זיין איך, זאַמעלט ער דאָרט צונויף די טיעפסטע אייגענשאַפטען פון „יודיש־לשון" גופא, אַלס אַזעלכען.

דורכלייענענדיג „דאָס קליינע מענשעלע", „די קליאַטשע", „דאָס ווינשפינגערל", „מסעות בנימין השלישי" וכו' האָט איהר פאַר זיך: די נשמה פון די פּערזאָנען, וואָס ווערען דאָרט אַרויסגעפיהרט: די נשמה פון דער פאָלקסמאַסע, פון וועלכער זיי האָבען זיך נאָך נישט אין גאַנצען אָבגעטיילט, אַלס אינדיווידועלישע טיפּען; די נשמה פון דעם מחבר, וואָס האָט דאָס אַלץ אין זיך איינגעזאַפּט און פון זיך צוריק אויסגעשטראַהלט, און די נשמה פון דער שפּראַך, אין וועלכער דאָס בוך איז פערפאַסט.

טיעף האָט הלל צייטלין אָנגעמערקט וועגען אַבראַמאָוויטש'עס העברעאישען סטיל:

„אין מענדעלע'ס לשון־קודש איז אויסגעמישט תנ"ך, הלכה, אגדה, פּיוט, דרוש, מוסר, חקירה, קבלה, שפּעטערדיגע שירה און מליצה. זיין סטיל איז אַן אויסדרוק פון'ם גאַנצען יודישען טויזענד־יאָהריגען לעבען. ער איז דער אויסדרוק פון אונזער גאַנצער קולטור.

„אַמאָל דאַרף מען אויסדריקען אַ קורצען, שאַרפען גע-





דאַנק — דאַן קומט דער הלכה־סטיל; אַמאָל דאַרף מען אויסדריקען אַ פערוויקעלטען געדאַנק — דאַן קומט דער סטיל פון גמרא מיט מפרשים; אַמאָל דאַרף מען אויסדריקען אַ טיעפען אַלוועלטליכען געדאַנק — דאַן קומט דער חקירה־סטיל; אַמאָל דאַרף מען אויסדריקען דעם אייביגען טרויער און דאָס אייביגע ליידען פון כלל־ישראל — דאַן קומט דער אגדה־סטיל אָדער דער פּיוט סטיל; אַמאָל דאַרף מען שטאַרקע שטראָף־רייד זאָגען— דאַן קומט דער נבואה־סטיל אָדער דער סטיל פון ספרי־יראים, אַלץ לויט'ן ענין נאָך; אַמאָל דאַרף מען, אָבער, אַ בעזונדער טיעף געדאַנקען־בילד אויסדריקען — דאַן קומט די קבלה צו הילף; אַמאָל מוז מען, אָבער, די אייביג ליידענדיגע טרייסטען, גלעטען, גוטע, זיסע רייד רעדען — דאַן קומט ווידער די אגדה, און ווידער די נבואה פון ישועות ונחמות"...

און נישט מעכאַניש אויסגעמישט, נאָר כעמיש צונויפגעשמאָלצען זענען די אַלע עלעמענטען.

נאָך מערקווירדיגער איז מענדעלע'ס יודישער נוסח.

דאָ האָט ער געמוזט זעלבסטשטענדיג זיך דורכשלאָגען אַ וועג.

פאַר איהם איז געווען רויער מאַטעריאַל, אין משך פון יאָהרהונדערטער אָנגעהויפענטער.

זיין אויפגאַבע איז געווען: פון דעם פערשיעדענאַרטיגסטען מאַטעריאַל איין אָרגאַניש גאַנצקייט בעשאַפען.

שווערע אַרבעט האָט איהם געמוזט קאָסטען זיין יודיש, דאָס פלאַסטישע, האַרמאָנישע, ליכטיגע, פולבלוטיגע יודיש פון „פישקע דעם קרומען", פון „ווינשפינגערל".

איינקוקענדיג זיך אויפמערקזאַם אין מענדעלע'ס לעקסישען אוצר, זעהען מיר, אַז אונזער ערשטער סטיליסט איז גרינטליך בעקאַנט מיט דער גרויסער אַלטער ליטעראַטור פון טייטש חומשים, יודישע מוסר ספרים און ווייבערישע תחינות; אַזוי געניי, ווי ער קען די יודישע לעבענסאַרט מיט אַלע איהרע פּישטשעווקעס, ביז די נעמען פון די יודישע מאכלים און פון יודישען קיך געשיר, — אַזוי אויסגעבונדען איז ער אויך

אין לשון פון די יודישע פאָלקס מאַסען, — אין ליטע, וואו ער איז געבוירען און אויסגעוואַקסען, און אין וואָלין, וואו ער האָט אַ בעדייטענדיג שטיק פון זיין לעבען פערבראַכט; פול איז זיין נשמה אויך מיט אָבקלאַנגען פון דער יודישער פאָלקס פּאָעזיע, פון איהרע לידעלעך און מעשה'לעך, — און שפּריכווערטער מיט רעדענסאַרטען געפינט איהר אין זיין שפּראַך מעהר, ווי ביי דער באַרעדעוודיגסטער קליינשטעטעלדיגער יודענע מיט אַ מיילעכעל אויף שרויפען און אַ צינגעל ווי אַ גאָלמעסער.

איין גייסט האָט זיך פאַר אַבראַמאָוויטש'ס טיפגרייכענדיג אויג אין די דאָזיגע פערשיעדענאַרטיגע עלעמענטען פון דער יודישער שפּראַך אַנטפּלעקט.

ער האָט איהר פערבאָרגענעם ריטם אונטערגעהערט, די געזעצען פון איהר עקזיסטענץ און ענטוויקלונג אָנגעטאַפּט און זיך קלאָר געמאַכט.

יודיש איז אין זיינע אויגען ווירקליך געווען „איינע געשטעלטע שפּראַכע"; ער האָט ווירקליך געהאַלטען, אַז „יעדעס יודיש וואָרט האָט זיין שורש און מקור אין דער שפּראַך זעלבסט"; ער איז, ווירקליך, געווען „פיר די שרשים און מקורים אַזויפיעל איינגענומען, אַז אַלץ, וואָס ער געפינט נישט אין זיי, איז נישט הייליג, און נישט גוט צו געברויכען"; ער האָט, ווירקליך, געשריבען „ריין יודיש"... דער ערשטער, קען מען זאָגען*).

מיט 22 יאָהר צוריק איז מען נישט אומשטאַנד געווען משיג צו זיין, אַז דאָס איז אַ געניאַלע רעפאָרם, אַז דאָס איז די געבורט פון ליטעראַרישען יודיש, — מ'האָט איינגעפונען אין דעם אַלעם „אַזעלכע פעהלער, וואָס זענען כעבות העגלה ביי דעם, וואָס קוקט בעין יפה אויף דעם לשון און אויף די ספרים, וואָס סופרים מהוגנים שרייבען"...

מענדעלע האָט אויסגעמעקט פון זיין לשון די דייטשי-

*) אָקסענפעלדס יודיש איז ריין, אָבער פּרימיטיוו; ס'פעהלט איהם דאָס קינסטלערישע, וואָס מאַכט דעם סטיל, — ש. עטינגער האָט זיינע ווערק ביים לעבען נישט געדרוקט. —





שע ווערטער, מיט וועלכע א. מ. דיק האָט פערגאָסען אונזער שפּראַך, אָבער אָהן וועלכע זי קען זיך אינגאַנצען בעגעהן; די דייטשמערישע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און דעם דייטשישען בוי פון זאַץ, וואָס זענען ווירדיג דעם גייסט פון מאַמע-לשון, פרעמד זיין היסטאָרישער טראַדיציע. ער האָט אויך שטאַרק בעגרענעצט דעם העברעאישען און סלאַווישען עלעמענט אין דער יודישער שפּראַך.

מענדעלע האָט זיך אָבגעשטעלט בלויז ביי די ווערטער און אויסדרוקען פון דייטשישער, לשון-קודש'דיגער און רוסישער, פוילישער, אוקראַינער אָבשטאַמונג, אויף וועלכע ס'ליגט שוין פון דורות אַ בולט'ע יודישע חתימה; וועלכע זענען נאָך פאַר יאָהר-הונדערטער אַריין אין דער יודישער גאַס, איבערגעאַרבעט, איבערגעאַנדערשט געוואָרען, איבערגעקאָכט, פערדייט, אַסימילירט פון דער יודישער פסיכאָלאָגיע, לויט בעזונדערע אינווייניגסטע געזעצען.

איהר וועט ביי איהם נישט בעגעגענען איינעם פון די העברעאישע אויסדרוקען, מיט וועלכע, למשל, דאָס אויבענדערמאָנטע דינענזאָנס אַרטיקעל איז, גאָר אָהן אַ שום נויטיקייט, נאָר ווי בכיון אָנגעשטאָפּט.

אין „ווינשפינגערל" איז פערהאַן ביז 180 ווערטער פון סלאַווישע שרשים, — „אַזש, אָבגעבליאַקעוועט, אוגערקע, אונטערוואָרטשען, אינדיק, בורטשעט, בורנעס, באָרשטש, בלאָטע, געמבע, גאַניק, געפּענטעט, געמאָנטעט, דרעמלען", און אַ. וו., — כמעט איינס און איינס געהערען זיי צו די טיף-פעריודישטע, אַלגעמיין-געברויכליכע, אַזוי כאַראַקטעריסטישע פאַר'ן ליטווישען און וואָלינער דיאַלעקט, ענג-פערקניפּטע מיט דער אָבשטאַמענדיגער עפּאָכע אין אונזער לעבענסאַרט, וואָס איז אַזוי אַלזייטיג אָבגעמאָהלט אין די ווערק פון אונזער גרויסען נאַציאָנאַלישען קינסטלער.

ריכטיג אָבגעוואויגען, פּינקטליך אויסגעמאָסטען זענען די גרונט-ייִדישקייט אין זיין שפּראַך; ער מישט זיי צונויף אין אַ שטרענג-אויסגעהאַלטענער פּראָפּאָרציע, וואַכענדיג, די האַרמאָניע

זאָל אויף קיין האָר נישט געשטערט ווערען.

נישט קוקענדיג אויף די פּאָרזיכטיגקייט אין אויסוואַהל און געברויך פון ווערטער, פּילט מענדעלע קיינמאָל נישט קיין מאַנגעל אין זיי. צו פּאָלקאָם בעזיצט ער די שפּראַך, צו פעסט איז ער אין איהר, עס זאָל איהם קאָנען פעהלען אויסדרוקען!

ער היט זיך זעהר פון ניטדייטליכקייט, פון צעשווימענקייט אין סטיל. ער וועט תמיד אָפּזוכען דאָס וואָרט, וואָס זאָל אַרומנעמען דעם בעגריף, ווי אַ גוט אויפגענייטע הענטשקע די האַנד, ווי די אייזערנע רייף דעם ראָד אין וואָגען.

און דאַרף מען אויסדריקען אַן׳איידעלערען ניואַנס פון בעגריף, אָדער אַן׳אַבסטראַקטע השגה, איז מענדעלע תמיד ביכולת צו בעשאַפען אַ נייע פאָרם פון אַן׳אַלטען שורש, — און דאָס נייגעבוירענע וואָרט איז פּונקט אַזוי יודיש, ווי די אַלטבעקאַנטע ווערטער פון מאַמע־לשון, מחמת דער מחבר פון „מסעות בנימין השלישי״ ווייסט צוצוגעבען צום יודישען וואָרצעל אויך אַ יודישען פּרעפיקס און אַ יודישע ענדונג.

נישט „בלענדענד, ערצויגען, ערנידריגט״ שרייבט מענדעלע, נאָר: „בלענדזענדיג, דערצויגען, דערנידעריגט״, — און אַזוי פון אָנהויב ביז סוף לאָזט ער אויף קיין רגע נישט אָב פון אויג די דורך איהם אַליין צום ערשטען דורכגעפילטע געזעצען פון דער יודישער עטימאָלאָגיע.

ווי טיעף, ווי בעשמעקט איז, למשל, דאָס הויפּטוואָרט „געדראַנג״, וועלכעס מענדעלע האָט אַרויסבעקומען פון צייטוואָרט „דרינגען״. — אַ שאָד, וואָס דער לאָגישער טערמין איז נישט אַריין אין אונזער היינטיג יודיש. ער פעהלט דאָך אונז ממש! מיר שרייבען: „פּועל־יוצא״, „רעזולטאַט״, — דיביידע ווערטער זענען נויטיג, זיי גיבען אָבער דורכאויס נישט איבער יענעם בעגריף, פאַר וועלכען אַבראַמאָוויטש האָט נאָך מיט 40 יאָהר דערפונען אַזאַ גליקליכען אויסדרוק.

מענדעלע ווייסט, ווי רייך זיין שפּראַך איז, און קאָקעטירט אָפטמאָל מיט זיין עשירות. אָנשטאָט איין וואָרט, וואָס וואָלט גאַנץ ריכטיג איבערגעגעבען אַ בעגריעף, האָט ער ליעב





נישט זעלטען אַ וואָרף צו טהון אַ גאַנצע זשמעניע מיט ווערטער, — ווי ווייץ פאַר די פייגעל, — ווי איינער זאָגט: „נאַט, בעוואונדערט״!

— „איך וועל דיר ווייזען אייערע אַלע תכשיט׳לעך, אייערע מיוחסים׳לעך, אייערע בעלי־טובות׳לעך, אַלע אייערע אפּוטרופּסים׳לעך״, — זאָגט דער אשמדי אין דער „קליאַטשע״: — „איך וועל דיר ווייזען אייערע ספּאָדיקלעך, אייערע ציגאַנערלעך... איך וועל דיר ווייזען פייקעלעך, גערגעלעך, אוכניאָקעלעך, מרידענלעך, שיך־און־זעקעלעך, פּיאַטקעלעך, פּאַטשיילעכלעך, פּושקעלעך, קעסטעלעך, קאַראַבקעלעך און קאָכלעפעלעך... איך וועל דיר ווייזען אייערע דריידלעך, שרייערלעך, גרעגערלעך, שטאַרקע העמערלעך, ניימאָדנע גלות־ליכטלעך, קאָרפּירער־אתרוגים׳לעך און אייערע כפּרה־הינדלעך!״ *)

— „איך, מענש, — זאָגט ישראליק־דער־משוגענער, — איך, מענש, בין דער תכלית, דער צימעס, דער אַנטיק פון אַלע בעשעפעניששען; נאָר צוליעב מיר, תכשיט, צוליעב מיין בעדערפעניש און מיין פערגעניגען לעבען זיי אַלע אויף דער וועלט; איך, תכשיט, בין דער מלך, דער אויבערהאַר איבער אַלע בהמות״ **)...

אין דער „קליאַטשע״ געפינען מיר אויך אַזאַ פראַזע:

„אפילו אַ יונגעל, אַ שוטה, אַ ווייסע׳חברה׳ניק, אַ דראַב, אַ טויגעניכטס, אַ לא־יוצלח״...

מ׳וועט אפשר זאָגען: וואָס טויג דאָס אָנהויפען פון סינאָנימישע ווערטער? ביי מענדעלען האָט, אָבער, דער לוקסוס אין אויסדרוקען אַ בעזונדער טעם. דערביי ווירקט עס פּסיכאָלאָגיש: מאַכט בולטער דאָס בילד, אויסדריקליכער דעם געדאַנק, פולער דעם איינדרוק.

*) „די קליאַטשע״ ז׳ 110.

**) דאָרט ז׳ 18. — דאָרט ז׳ 29.

...אַלע אויבענאָנגעוויזענע אייגענשאַפטן, אַלע סובטעלע ניואַנסען פון זיין לשון־קודש׳דיגען סטיל האָט מענדעלע מוכר־ספרים איבערגעטראָגען אין לשון פון זיינע יודישע ווערק, און דערמיט פערפולפאַכיגט די בייגעוודיקייט, די גראַציע, די גייסט־רייכקייט פון מאַמע־לשון.

„אָט איז ער, גאָט! אָט זעה איך איהם באַלד פאָהרען דאָרט, דאָרט צווישען די צוריסענע כמאַרעס! אַ שטיק שוואַרצ־געדיכטער וואָלקען, העל־ליכטיג ביי די קאַנטען, טראָגט זיך דאָרט אויבען אין דער געשטאַלט פון אַ מורא׳דיג גרויס פערד, מיט אַ קלאָר־ווייסע גריווע אויף דעם טונקעל־געפלעקטען האַלז. פון די נאָזלעכער, פונ׳ם מויל פליהען איהם ביסלעכוויז פייערדיגע בליצען, מיט אַ ציק הין־און־הער... דאָס איז ער — דער כרוב, אויף וועלכען עס זיצט רייטענדיג אַ שרעקליך גרויסער העלד, אַ גבור, אין אַ פורפערקלייד, מיט לאַנגע גרייז־גרויע לאָקען און מיט אַ לאַנגער געקרייזעלטער באָרד, ריין, ווייס ווי זילבער. נאָך איהם ציהט זיך אַ גאַנצע מחנה ריזען, עוג מלך־הבשנ׳ס, גוג־מגוג׳ן, מיט אַלערליי חיות, וועלכע איהר ווילט, אַלע מיט ערנסטע פנימער, אַלע עפעס פערטראַכט, אַלע איילען, יאָגען זיך פלינק, דער גוטער יאָהר ווייסט וואוהין — און לאָזען נאָך זיך איבער אויפ׳ן הימעל אַ בלויען, לויטערען שטעג. די לבנה שטעקט פון צווישען די וואָלקען אַרויס אַ שטיק קעפעל און קוקט זיי נאָך פון דער ווייטענס מיט אָבשיי, ווי איין עלטסטער, בשעת עס פאָרט דורך אין זיין אָרט אַ גרעסערער פריץ פון איהם... די בוימער בייגען אָן די קעפ, בוקען זיך מיט גרויס דרך־ארץ, האָבען אַ פנים ווי די אָפגעשמיסענע — תרבות, שאַ־שטיל! און פונ׳ם גרינעם בלעטער־מאַנטעל קאַפּעט זיי טראָפּענס וואַסער, קאַפּ־קאַפּ אויף דער ערד, קאַפּ־קאַפּ מיר אויפ׳ן קאָפּ.

אָ, הייליגער גאָט! — לאָז איך אַרויס אַ געשריי און פאַל כורעים אויפ׳ן פייכטען נאַסען גראָז״.*)

*) „די קליאַטשע“ ז׳ 49—50.



משה נאַדיר

# הויך־וועג, ווייט־וועג און טיעף־וועג

מענדעלע — דאָס איז דער גלייכער וועג, וואָס ציהט זיך אַהין־אַהין, אייביג אַהין, שטענדיג־אַהין — דער וועג צו די אַלטע דורות, דער וועג צום אייביגען קוואַל פון אונזער געשיכטע, דער הויכוועג און ווייט־וועג און טיעף־וועג צו דער פערגאַנגענער אייביגקייט, וועלכע בעשאַפט זיך אויפסניי איטליכע מינוט פון אונזער לעבען.

מ׳דאַרף נישט פערגעסען: מענדעלע איז באַנאַל. די יוגענד איז עס נישט, היינע איז באַנאַל — פריינד איפּסעלאָן נישט. געטע איז באַנאַל, טעקערי איז באַנאַל, דיקענס איז באַנאַל, גאָגאָל איז באַנאַל, — אַלע גרויסע דיכטער און קינסטלער זענען פערבאַנאַליזירט געוואָרען פון דרויסען. מ׳האָט זיי איבערגעשריבען און נאָכגעשריבען און מיטגעשריבען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי זענען געוואָרען אַזוי שאַבלאָן ווי לבנה־און־שטערען, ליליען און רויזען, טוי און נאַכטיגאַלען.

ליליען זענען וואונדערליך שיין. רויזען? — איך געה אויס נאָך רויזען, איך שטאַרב נאָך זיי. לבנה, די בלייכע לבנה, די אומיטיגע, ווי איך האָב דיך ליעב! און פונדעסטוועגען היט

אין מיך ווי נאָיך-ווייס-אַליין-נישט-וואָס, אַז איך זאָל מיך, חלילה, נישט אַרויסכאַפּען מיט אַזאַ באַנאַל וואָרט ווי לבנה-שטראַהלען, אָדער ליליענפינגער, אָדער ענליכע שעהנע זאַכען.

די עטליכע פעריונגעלשטע יונגע — די וואָס פערקינדישען אונזער שעהן-ליטעראַטור, זענען נישט שטאַרק פערליעבט אין מענדעלע'ן, ווייל ער איז נישט ניי. נו, פערשטעהט זיך, זיי זענען נייער—וועלען אייביג בלייבען ניי, גלאַנציג מיט פערעלדיגען שווייס-גלאַנץ. זייערע ווערק וועלען קיינמאָל נישט אָבגענוצט ווערען פון צופיעל געברויך, וועלען קיינמאָל נישט האָבען אויף זיך דעם הייליגען שטויב פון אַלטקייט, פון געשיכטליכקייט. נאַראָנים עלטערען זיך נישט. זיי האַלטען זיך תמיד אין דער מאָדע. און ווען די מאָדע איז צו זיין טראַגיש און גאָטזוכענדיג, און עדעל-פיין, און אומעטיג — טהוט מען עס. דער, וואָס האָט נישט קיין אייגענע פערזענליכקייט, קאָן אָננעהמען אַלערליי פּאָזען און זשעסטען; און אַז די נוצען זיך אָפּ, נעהמט ער אָהן אַנדערע, נייערע, פיינערע, בעקוועמערע. וואָס פאַר אַ דאגה האָט ער!

מענדעלע איז, פערשטעהט זיך, אַלט. אָבער אין זיין צייט, איז ער געוועזען יונגער, פייערדיגער, רעוואָלוציאָנערער, ווי אַ סך פון אונזערע יונגע. מענדעלע לאַכט פון אַלטקייט ווי נאָר איינער! מענדעלע שפּעט-אָפּ פון די, וואָס גלויבען, אַז יענער איז געוועזען פאַר מיר, דערפאַר איז ער געוועזען קלוגער. מענדעלע לאַכט פון די אַמאָליגע „אַלטע", וואָס פלעגען זינגען פון „אינדען, וואָס טהוען צוברעכען זייער דאָרשט" און „וואָס שפּיעלען און שאַלען אַ לויב ליעד דער געליעבטער כלה", פון די וואָס שרייבען „אַ האַרבען אָך-קוצץ-לשון, און יודען זענען זיך מחיה, ווייל ס'איז אוממעגליך צו פערשטעהן".

מענדעלע'ס פּאָעזיע איז נישט קיין אויסגעדיכטערטע, פון ביכער אַרויסגעלערענטע, ווערטערדיגע. מענדעלע'ס פּאָעזיע איז רויע פּאָעזיע — נישט געפּאָלירט און נישט געקינסטעלט, נאָר ווי זי קומט פון דעם יודישען לעבען אַרויס. מענדעלע'ס פידעל-שפּיעל איז לויטער פידעל-שפּיעל, יאָהן די קונצען פון מאַכען





מיט די פינגער, פון וואַרפען מיט'ן קאָפּ פון חן ווענען.

מענדעלע מאַכט אַליין זיין פידעל — זיין געצייג. און אויב אַפילו זיין ליעד איז אַמאָל נישט אַזוי הויך אינטערעסאַנט, איז אָבער דער פידעל שטענדיג ציטערדיג, שטענדיג קלאָגענדיג, און — ווי אין יענע לעגענדע פון דעם פידעל, וואָס מ'האָט געלעגט אויפ'ן קבר פון אַ דער'הרגט'ן פּרינץ — שפּיעלט ער פון זיך אַליין, און ער בעוויינט און בעקלאָגט דעם געשטאָרבענעם פּרינץ—דאָס פּרינצליכע, דאָס פערגאַנגענע.

מענדעלע, דער נישט-דאָס-בין-איך-אויסען-מענש, איז שטענדיג עפּיס אויסען. זיין נישט-אויסען-זיין איז בלויז אַ לשון סגי-נהור, אַנ'אָנשטעל. מענדעלע איז דער אויסענדיגסטער פון אַלע יודישע שרייבער. אפשר שוין אַ ביסעל צופיעל אויסען. אָבער ווער קאָן זאָגען צו'ם דעמב „אַזוי זאָלסטו וואַקסען"? ווער קאָן פערשרייבען מענדעלע'ן זיין וועג, זיין מאַניר, זיין סטיל?

מענדעלע'ס כתבים זענען געשריבען פאַר תלמוד'ישע מענשען, פאַר מענשען, וואָס לערנען — נישט פאַר אַזוינע, וואָס לייענען. מען דאַרף לערנען אַ קאַפּיטעל מענדעלע, ווי מ'דאַרף לערנען אַ פרשה רש"י אָדער תוספות. מענדעלע בעשרייבט נישט דעם יוד, נאָר דאָס יודישקייט, נישט די וועלט, נאָר דאָס וועלטליכע, מענדעלע זאָגט וועגען מענדעלע'ן, אַז עס האָט איהם געצויגען אַהין, אַהין דאָרט אין די ווייטע מקומות אַריין. דאָס האַרץ האָט זיך אין איהם געצויגען, אַזוי ווי קליינע קינדער ציהען זיך מיט די הענטלעך געגען דער לבנה. זעהט איהר שוין: קינדערלעך מיט בלינדע אויגען בענקען נאָך דער לבנה — נישט נאָר ביי אונזער יינגסטען, נאָר אַפילו ביי אונזער זיידען. נאָר דער זיידע זאָגט עס שעהנער, פיינער, אמת'דיגער. ביי מענדעלע'ן, אַז די זון געהט-אויף, קוקט זי אַראָפּ מיט איהר ליכטיג פנים, איין קוק איהרער האָט מחיה געוועזען איטליכע זאַך בעזונדער. בוימער און גראָזען האָבען ווי זיס געשמייכעלט איידער די גרויסע טרערען טוי פון ביינאַכט זענען ווי אויסגעטריקענט, אַקוראַט ווי קינדער צולאַכען זיך פלוצים אין מיט'ן אַ געוויין.

און מענדעלע'ס הומאָר, ווי עדעלשייז איז ער, ווי טיעף,

ווי גרויסשטריכיג! די בלאָטע אין גלופּסק איז ביי איהם אַזוי שיטער און טיעף, אַז אַפילו אַ הויכגעוואַקסענער מענש, מוז זיך פערשפריצען ס'היטעל. דאָס וואַסער פון דעם יודישען טייך פּיאַטיגיליוקע איז אַזוי געדיכט, אַז בנימין לעגט זיך אָהן דערמיט פולע קעשענעס און הייסט מענדעלע'ן זיך מאַכען דערפון אַ פעקעל. מענדעלע בעשרייבט די יודישע הייזער, ווי זיי שטעהען עפּיס ווי אָנגעברוגז'טע איינס אויף דאָס אַנדערע, שטעהסט דו אַרויסגערוקט, זאָגט איין הויז, שטעה איך מיר דווקא אַריינגערוקט. שטעהסטו מיט'ן דעכעל אַראָפּ, שטעה איך מיט'ן דעכעל אַרויף.

מענדעלע'ס גרויסקייט איז פון יענעם סאָרט, וואָס דערוויטערט אַ ביסעל, וואָס פערפרעמדט, וואָס שטעלט אַוועק אַ ווייטע גרענעץ צווישען אייך און זיינע בעשאַפענע געשטאַלטען. ער גיט אייך דאָס בילד און די דיסטאַנץ, כדי איהר זאָלט קענען זעהן זיינע נישט ליעבע מענשען אין דעם ווייכערען ליכט פון פערגעבונג, אין דעם מאַט-ליכט פון פערגאַנגענהייט, פון עפּיס, וואָס איז, ווי אַ גראָער פלעק, געבליבען אויף די בלעטער פון אונזער לעבען.

מענדעלע איז געדאַנקליך, אָבער נישט דענקעריש. מענדעלע איז אַ חכם, אָבער ער חכמה'ט זיך נישט. ער שטראָפט און שילט, ער שמייכעלט און גלעט, ער גיפטיגט און היילט, אָבער דאָס אַלצדינג ווערט געהייליגט אין די טיעפע פייערען פון ליעבשאַפט און געטריישאַפט. מענדעלע שרייבט און ערגערט זיך. ער שרייבט און ס'טהוט איהם וויי. ער שרייבט און פריידט זיך, ער שרייבט און שפּיעלט אַ ליעבע מיט דעם געשריבענעם, און די ווערטער זענען רונד און פערלדיג, און בעטען זיך: שרייבט מיך אויף פּאַרמעט, ווייל איך בין אייער הייליגע שריפט, ווייל איך בין דאָס פערגאַנגענע יודישע לעבען, וואָס קעהרט זיך מעהר נישט אום. מענדעלע'ן מעהר ווי וואָס-עס-איז אַנדערען יודישען שרייבער — איז געלונגען פעסטצוהאַלטען די פאָרמען פונ'ם פערגייענדיגען דור, פון דעם אַלטען דור, וואָס האָט געליטען פון בעלי-טאַקסע און פּייני" בריות. ער איז אַ





חוץ דער גרויסער יודישער שריפטשטעלער, מיט אַלע זיבען חנ'ען פון אמת'ער יודישקייט, אויך דער געשיכטע-שרייבער, דער פערצייכענער פון יודישע מנהגים, פון יודישע גענג, פון יודישע צרות-און-נחת. ער איז דער עקספּאָנענט פון דער יודישער נשמה, ווי זי האָט זיך ענטפלעקט אין די פערשאָלטענע יאָהרען פון איהר גלות.

מיר, די היינטיגע, די נייערע האָבען געמאַכט אַ פעטיש, אַנ'אָבגעטץ פון אונזער אייגענעם טראַגיזם. מיר דינען צום בלוי-בלייכען גאָט פון מעלאַנכאָליע און צער. מיר וואַלגערען זיך אין אַ פעטען אומעט און מיר ווערען דערפון געזונד, מיר פרעסען דעם זעלבסט-שמערץ מיט גרויסע לעפעל, און דאָס פערשאַפט אונזער ליידיגען אַפּעטיט צום לעבען. אונזערע טרערען זענען פּיע-אייל פאַר אונזער געמיט. מיר שטעהען פאַר'ן שפּיגעל און מיר מעסטען זיך אָן די וואונדערבאַרע פּאָזע פון אַ רעוואָלווער נעבען דער שלייף. מיר זענען יונג און אויסגעלעבט אין פערקרימט, און גאָרנישט וועלענדיג. מיר בלאָנדזען אַרום און מיר זוכען נישט. מיר האָבען גאָרנישט און מיר ווייסען נישט, ווי אַזוי עפּיס צו וועלען.

מענדעלע איז געוועזען דער נביא, מיר זענען די בייזע נבואה. מיר שפּיעלען און פערשפּיעלען זיך מיט אַלערליי נאַרישקייטען, מיר זינגען מיט גאָלדענע צויטען און מיר טראַכטען מיט זילבערנע פליטערלעך. מיר האַלטען אָפען אַלע טהירען פון אונזער געמיט, אָבער וואָס קענען מיר זעהן דאָרטאינעווייניג?

מענדעלע איז געוועזען דער יונגער, דער יוגענדליכער, דער מענש מיט אַ וואונש און אַ ציל. לאַמטערען און וואַנדערשטעקען אין האַנד, איז דער זיידע געקראָכען איבער די בלאָטעס פון גלופּסק און טונעיאַדעווקע, געשאָלטען און זיך געבייזערט, און כסדר האָט ער געהאַלטען ס'אויער צו דר'ערד, צי קומט שוין נישט, אפשר, דער פערשפּעטיגטער משיח, און אפשר קאָן מען איהם אונטעראיילען. ער האָט געזען דאָס טראַגישע פון אונזער לעבען. ער האָט זיך דערביי פערטראַכט. ער האָט געזען, ווי

גרויס גאָט'ס וועלט איז און ער האָט געטריבען דאָס פאָלק ישראל מיט בייטשען אַרויסצוגעהן אויף דער וועלט, און זיין מיט מענשען גלייך. ער האָט געוואָלט, אַז יודען זאָלען זיין „מיט מענשען גלייך״ — מיר גלויבען בכלל נישט זעהר שטאַרק אין מענשען. ער האָט געמיינט, אַז אַ יוד דאַרף זיך נאָר גוט אָרומזייפען, אָראָבוואַרפען ס'שטריימעל, ווערען אַ זשענטעלמאַן און ער איז געראַטעוועט. — מיר גלויבען, אַז ס'איז גאָר קיין רעטונג נישטאָ פאַר דעם לעבען, און אַז אַזוי צי אַזוי, ציהט אַלץ אונזער האַרץ אַהין, אַזוי ווי קליינע קינדער ציהען זיך מיט די הענטלעך צו דער לבנה.

ו. אויסלענדער

# מענדעלע מוכר ספרים

## I

מיט דעם דורשט פון פיעל דורות איז מענדעלע צוגע־פאַלען צו יעדען חן־גריבעלע פון יודישען לעבען, שעפּענדיג פון דאָרט די אוצרות פון בילדערישקייט, וואָס דאָס אַנאָנימע „יודעלע״ האָט שוין געהאַט אין זיין שפּראַך אָנגעזאַמעלט.

די שטריכען פון מענדעלעס קינסטלערישער פיזיאָגנאָמיע זענען די הויפּט־שטריכען פון מענדעלע'ס וועזען בכלל, און ווען מיר ווילען דאָס דאָזיגע מענדעלע־וועזען כאַראַקטעריזירען, הויבען מיר אָן פון דער אייגענאַרטיגער „חולשה״, וואָס מענ־דעלע האָט אין זיך דערזעהן.

„רבותי, איך בין זיך מודה — שרייבט מענדעלע — אַ מין חולשה אַזעלכע האָב איך פון קליינוויין אויף, נישט פאַר יודען געדאַכט, וואָס אויף זייער לשון הייסט עס: ליעבשאַפט צו נאַטור, ד. ה. צו אַלצדינג, וואָס וואַקסט, וואָס שפּראָצט, וואָס לעבט, וואָס געפינט זיך אין דער וועלט, עס ציהט מיך, ציהט, נישט פאַר אייך בעדאַכט געוואָרען. עס קריכט מיר אַמאָל אין קאָפּ אַריין אַ צאַצקעלע, אַ שיין פּנימ'ל, אַ בילד, אַ געשטאַלט, אַגרע־

זעלע, אַ בוימעלע, אַ רויזעלע, אַ פייגעלע..."

אָט די דאָזיגע „חולשה" מענדעלע'ס, וואָס איז קיינמאָל נישט געבליבן פּאַסיוו, וואָס האָט שטענדיג געצוואונגען איהם צו זינדיגען קעגען דעם „לא תעשה לך פסל" און שטרעבען צו פּלאַסטישע בילדער — אין דעם איז דער ערשטער שטריך פון מענדעלע'ס קונסט.

מענדעלע איז געווען אַ מייסטער, און זיין פערהאַלטען זיך צו דער נאַטור איז נישט געווען די חסידישע בעציהונג צו נאַטור, וואָס לייטערט אַלץ אַרום אין נאָמען פון וועלכען ס'איז רעליגיעזען זכות־אבות... אין דעם בעריהמטען בילד פון „צווישען צוויי בערג" ביי פּרצ'ן לעבט אַלעס אין דער נאַטור נאָר אין זכות פון שמחת־תורה, דאָרט געהט אונבעמערקט אַריבער דער גלאַנץ פון די חסידישע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס אויפ'ן גראָז, און ערשט דערפון נעמט דאָס גראָז גלאַנצען. ביי מענדעל'ן איז עס נישט אַזוי. ביי איהם לעבט די נאַטור אין אַלץ, וואָס איז נאַטירליך פאַר זיך, מיט אַן'אייגען לעבען. און גראָד דערין ליגט מענדעלע'ס טבע, וואָס ער וויל די נאַטור נאָכמאַכען, די קונסט צו אָביעקטיווירען איז דער ערשטער קענצייכען פון מענדעלע'ס וועזען, און דאָס מאַכט איהם אויך פערשיעדען פון די דורות אַלט-העבּרעאישע דיכטער, וועלכע מען קאָן גיכער אָנרופען מיט'ן נאָמען „ליטורגיסטען", איידער מיט'ן נאָמען „קינסטלער". די ליטורגיע איגנאָרירט אינגאַנצען דעם אָביעקטיווען אינהאַלט און די קערפּערליכע ממשות פון דער נאַטור. אין בעסטען פאַל שוועבט זי איבער דער נאַטור, אין ערגסטען פאַל איז זי בכלל אויסער דער נאַטור.

נישט אַזוי אָבער איז די טבע פון דער קונסט. די קונסט וויל אַ נאַטור בעשאַפען, און פערשיעדענע קינסטלער געהען צו דעם ציעל מיט פערשיעדענע וועגען. פאַרהאַן קינסטלער, וואָס נעמען זיך דערביי לויט'ן קאָנקרעטען מוסטער די נאַטור נאָכצומאַכען, נאָכמאָהלען.

מענדעלע געהערט צו דעם לעצטען אַרט קינסטלער. מיר לייענען די פריהלינגס־בעשרייבונג אין „שלמה ר' חיימס", דעם





אָנקום פון ווינטער אין „ווינשפינגערל", און דער דאָזיגער איינדרוק ווערט נישט אָבגעשוואַכט. אָט איז אַ בילד „פון פישקע דעם קרומען": — „דער הימעל איז בלוי, לויטער, אָהן אַ פּיצעל וואָלקען. די זון ברענט, סמאַליעט, עס וויהעט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין פייגעלע..."

אין דער דאָזיגער נאַטור־בעשרייבונג, וואָס איז, אגב, לאַנג און גענוי, אין געזעהען מיט ספּעציפישע אויגען פון אַ יודען, „וויהעט דאָך נישט קיין ווינטעלע" פון מיסטישער בעגייסטערונג, פון הללויה־געזאַנג...

מענדעלע מאַכט נאָך די נאַטור און ער געהט זי נאָך שריט נאָך שריט, בעשרייבט דעם לאַנדשאַפט מיט אַלע בעשעפענישען, וואָס אויף איהם...

עס איז באמת געווען אַ „חולשה" אין פערגלייך מיט דער טבע פון'ם אָרטאָדאָקסאַלען טיפּ יודישען דיכטער, וואָס האָט זיך אויפגעצויגען אויף תהלים און אויף אַ בלעטעל פערטייטשען שיר-השירים...

מענדעלע'ס קונסט, אַ ווייטע פון רעליגיעזע צוועקען און רעליגיעז-קינסטלערישע מיטלען, איז אַ נייטראַלע, פּלאַסטישע קונסט, און דאָס בעטייט זיין „חולשה", זיין ליעבע צום צאַצקעלע, צום גרעזעלע, צום בוימעלע, צום פויגעלע...

אָבער אין דער דאָזיגער ליעבע „צום צאַצקעלע" איז פערהאַן נאָך עפּיס: ער גלויבט אין דעם דאָזיגען „צאַצקעלע". מענדעלע האָט נישט די קראַפט מבטל צו מאַכען די מינדסטע בעוועגונג אין דער נאַטור, דעם מינדסטען שטריך אינ'ם מענשענ'ס טבע, דעם קלענסטען בויג אינ'ם שפּראַכען־גאַנג. מענדעלע האָט אָנגעהויבען פון „תולדות הטבע" און דאָס איז קיין צופאַל נישט. דער גאַנצער אַרט צוגאַנג זיינער צו מענשען און ערשיינונגען, דאָס אומגעשראָקענע קוקען דער טבע אין די אויגען, יעדע איינצעלנע שטעל, וואו מענדעלע נעמט זיך רעדען אין נאָמען פון אָט דער בעליידיגטער טבע — דאָס אַלץ דערווייזט, אַז מענדעלע פערמאָגט נישט נאָר „ליעבע צו דער נאַטור", נאָר אויך דער גלויבען אין דער נאַטור'ס ווילען, אין

דער נאַטור'ס טהאַט, עס איז דעע זעלבער גלויבען, וואָס קאַר־לעיל האָט אַמאָל אָנגערופען „די רעליגיע פונ'ם פּאַקט." און מענדעלע בעווייזט עס גאַנץ אָפּט. אין זיין שטענדיגען דערמאָ־נען וועגען די „מילבען־יודען" ליגט בעהאַלטען אַ פערבאָרגענער גלויבען אין זיי. „מיר האָבען געזעהן, אַז מיר זענען אַ זיווג מין השמים"—דערצעהלט מענדעלע וועגען אַ געוויסע קאַטעגאָ־ריע פון די דאָזיגע מילבען—פון די גלופּסקער יודען. און ביי זיין גרעסטען בטול צו זיי האָט ער זייער שפּראַך אָנגענומען, זייער ליטעראַרישען נוסח פערקערפּערט און, ווען שטעהענדיג שוין גאָר אין דער עלטער, האָט ער מיטאַמאָל דערזעהן, אַז די מילבען הויבען אָן מענשליכע הויט און ביין צו בעקומען, האָט ער, דער יוד אין די אַכטציגער, מיט שטאָלץ אויסגערופען:

— איך בין מיט די „עמי־הארצים" געגאַנגען ביז אַהער און וועל ווייטער געהן...

און אין דעם איז געוועזן דער טריאומף פון זיין גלויבען, פון זיין „רעליגיע פונ'ם פּאַקט."

וואָס איז דער סוד פון מענדעלע'ס אייזען־פעסטער שטאַנד־האַפטיגקייט, פון דעם גראַדען שניט פון מענדעלע'ס לעבען, וואָס האָט בחור־ווייז אויף אַ ווײַלע זיך פערלוירען אין דער פּערספּעקטיוו פונ'ם יודישען לעבען, האָט זיך ווידער פּערענ־דערטערהייט אַרויסבעוויזען און, נישט אָראָבפּאַלענדיג ביי זיך, דורות נאָכאַנאַנד בעגלייט?...

דער זעלבער סוד שוועבט אויך איבער מענדעלע'ס ווערק, מיט זיין ענציקלאָפּעדיסטישען גייסט נישטערט אויס מענדעלע אַלע פאַלדען און ווינקלען פון יודישען לעבען און בעגיסט זיי מיט דער העלער שיין פון זיין גלויבען אין דער טבע, פון זיין „רעליגיע פונ'ם פּאַקט".

שטעהענדיג אין דער מיט פון אַ דור, וואָס האָט די אויגען געהאַלטען געווענדעט צו דער הימלישער מאַכטער—דער השכלה, האָט מענדעלע, דער מחבר פון „תולדות הטבע" דער־הערט די שטים פון דער טבע און פאָרמולירט אין דער „קליאַ־טשע" דאָס עכט־מענדעלישע געזעץ:





— „אַלע שרייען, פילדערן — שרייבט מענדעלע — שוין צייט דאָס אַלץ אַוועקוואַרפען און ווערען קליגער, געבילדע־טער, געניטער; נאָר קומט פון זייער שרייען עפּעס אַרויס?... פאַרוואָס? מחמת אין דער וועלט הערשט איין געזעץ פאַר אַלע בעשעפעניששען, פאַר אַלע מענשען גלייך, איך מיין דאָ דעם דאָזיגען.בעקאַנטען געזעץ, וואָס אַלע ווילען עסען"...

מענדעלע איז מיט אַ קאָפּ העכער געוואָרען פון זיין משכיל'ישען דור, אַרויסזאָגענדיג דעם דאָזיגען געזעץ. עס האָט אין איהם גערעדט דער גלויבען אין דעם, אַז אַלע מענשען מעגען ווענען עסען, אַז ברעכען די „תאוה פון עסען", הייסט ברעכען די „רעליגיע פונ'ם פּאַקט", און דאָס האָט דאָך שוין מענדעלע נישט געקאָנט פערליידען.

און אַזוי אַרום האָט מענדעלע'ס „חולשה" פון אַ קינסט־לער זיך סומך געווען אויף דער „רעליגיע פונ'ם פּאַקט", וואָס האָט בעהערשט זיין גייסט, און דער אייזען־פעסטער גייסט מענדעלע'ס, וואָס האָט שטענדיג פערנומען דאָס געבאָט פון דער טבע, האָט געצויגען זיין יניקה פון די רעאַליסטישע נטיות פון זיין קונסט, וועלכע לאָזט נישט איבער אין ערגיץ קיין סודות און נישט־דערזאָגטעס. וואו־זשע איז דער סוד פון דאָזיגער שטאַנטהאַפטיגקייט, וועלכע לאָזט זיך זעהען סיי אין מענדעלע'ס לעבען, סיי אין זיינע ווערק?

וועמענס ווירקונג האָט דערצויגען די דאָזיקע אייגענ־שאַפטען פון מענדעלע'ס וועזען?

מיר לייענען מענדעלע און פיהלען גאַנץ אָפּט, אַז דער־פאַר רעדט מענדעלע אַזוי שאַרף, דערפאַר בעטאָנט ער מיט אַזאַ ענערגיע זיין „געזעץ", ווייל הינטער איהם שטעהט עמי־צענס אויטאָריטעטער מיין, עמיצענס אייזען־פעסטע כונה. און דעמאָלט, ווען מענדעלע רעדט וועגען דעם געזעץ, אַז „אַלע ווילען עסען", הערען מיר די שטים, וואָס האָט אין די שפּריכ־ווערטער געזאָגט: „קייען איז קיין הבל נישט". אָדער: „אַלץ קאָן דער מענש פערגעסען, נאָר נישט דאָס עסען".

און ווען מענדעלע פיהרט לעבענסלאַנג די האַרטע מלחמה

מיט׳ן יודישען דאָן־קישאָט, בנימין השלישי, ווען ער שרייט שפּעטער אַרויס מיט אַזאַ פּראָטעסט געגען דער העגעמאָניע פון׳ם קאָפּ איבערען גוף ביי יודען: „וואָס דו ווילסט, רבונו של עולם, — שרייבט מענדעלע, — נאָר אָט דעם קאָפּ אָהן אַ גוף זאָל איך מעהר נישט אָנקוקען”. אין אַלע די דאָזיגע מאָמענטען דערמאַנט איהר זיך נישט־ווילענדיג אָהן דעם אַנאָנימען „יודעלע”, וואָס האָט מענדעלע׳ן יודישע ווערטער כלומרשט גערוימט, נישט נאָר ווערטער, נאָר, משמעות, דעם גאַנצען היציגען שטרייט צווישען דעם יודענס „שכל” און דעם מענשענ׳ס „שגעון”, צווישען דעם „נארס” דאָן־קישאָטישקייט און דער געזעצטקייט פון „בעסער” — אָט דאָס אַלץ האָט דאָס „יודעלע” מענדעלע׳ן איינגערוימט. און מענדעלע, וואָס האָט די דאָזיגע טענדענצען פון פאָלקס־בעוואוסטזיין איבערגענומען, קריגט דערביי יענע שטאַנדהאַפטיגקייט און מוטיגקייט פון טאָן, וואָס מאַכען אַזוי אויטאָריטעטיש זיין שטים. און דאָ ליגט דער סוד פון מענדעלע׳ס שטאַנדהאַפטיגקייט. „ניין, רבותי, — שרייבט מענדעלע (אין דער אויפלאַגע פון יאָהר 1873) אין די „מסעות”— גלויבט נישט אין די הימלישע קעלבלעך, צווישען אַלע אונזערע קעלבלעך איז אַפילו נישטאָ איין קעלבעל פון׳ם הימעל אַראָבגעשיקט געוואָרען”...

און מיט דער אמונה שלמה פון אַ קינסטלער, וואָס האָט זיין פאָלקס קולטור־נוסח אויפגענומען, נעהמט מענדעלע זיך צו זיין קונסטווערק.

און דאַן איז נאָך מענדעלע גאַנץ אין זיין ווערק — איינהייטליך.

## II

מיר קומען אָבער צו דער ערשטער סתירה אין מענדעלע׳ס נאַטור. גלויבענדיג אינ׳ם פאַקט, בעגעהט זיך מענדעלע דאָך נישט פריי מיט איהם. מענדעלע האָט שטענדיג צו טהון מיט גרויסע לייוועטען, מיט ברייטע מאָסשטאַבען. קומענדיג צו דער צייט, ווען דאָס בעוואוסטזיין פונ׳ם פאָלק האָט ביסלעכווייז גענומען אויסראַהמען די מעטאַפיזישע בעגריפען פון אתה־בחרתנו, דעם בטחון און דאָסגלייכען, פערבלייבט מענדעלע דאָך געטריי זיין אייגענער נאַטור, וואָס איז אַ פערשמעלצונג פון צוויי היסטאָרישע תקופות.





צוויי שאַפונגס־סוביעקטען זענען צונויפגעשמאָלצען אין מענדעלע׳ס גייסט (מענדעלע זאָגט אַליין: מיין נשמה איז אַ שותפות׳דיגע דירה), און די ירושה, וואָס מענדעלע האָט בעקומען פונ׳ם פאַרצייטיגען טיפּ פון יודישען דיכטער, לאָזט זיך נישט שווער אונטערצושיידען פון דעם אָרט שאַפען, וועלכען מענדעלע האָט איבערגענומען ביים „יודעלע”, ביי דעם יודישען פאָלקס־שאַפען. וואָרום, גלייך ווי אין מענדעלע׳ן קעמפט דער מחבר מיט׳ן פאָלקס־קינסטלער, אַזוי קעמפט אויך דער קינסטלערישער אַנאַליז מיט׳ן סינטעז, וועלכען מענדעלע האָט געלערנט פון דורי־דורות יודישע מעטאַפיזיקער.

און דערפון נעהמט זיך דער פאַקט, וואָס וואַרפט זיך יעדען אין די אויגען. נישט האָבענדיג צו טהון מעהר מיט די אָבגעלעבטע מעטאַפיזישע בעגריפען, שאַפט מענדעלע נייע בעגריפען, וואָס זענען אבסטראהירט פון אַ נייער ווירקליכקייט, וועלכע בעציהען זיך אויף נייע פערהעלטענישען און ווערען דאָך אויפ׳ן מעטאַפיזישען אופן בעשאַפען. אַזוי אַרום בעקומען מיר די גראַנדיעזע „יודישע טאָרבע”, וואָס הענגט ווי אַ נייער הימעל איבער מענדעלע׳ס וועלט. אַזוי אַרום בעקומען מיר דעם סימבאָל פון דער „קליאַטשע”, דעם „עמק הבכא”, דעם „בנימין השלישי”, — אַלץ בעגריפען, וואָס דערהויבען זיך פון קינסטלערישען אנאליז, וואָס וואַקסען איבער אַלע דעטאַלען און קלייניגקייטען, וואָס נויטיגען זיך נישט אַפילו אָפּטמאָל אין קיין לייבליכער פערקערפּערונג, ווייל זיי לעבען פאַר זיך...

מענדעלע טראָגט מיט זיך אומעטום דעם סינטעטישען שטייגער פון דענקען, ער האָט וועהניג געדולד זיך אָבצוגעבען מיט דעם איינצעלנעם פאַקט, הגם ער גלויבט אין איהם באמונה שלמה... מענדעלע סינטעזירט שטענדיג, פּרובט דערהויבען יעדע איינצעלקייט ביז צו דער הויך פון אַ געזעץ. און אָט די סינ־

טעטישקייט ראַנגעלט ,זיך אין מענדעלע׳ן מיטן פלאַסטישען חוש׳ זי לאָזט איהם נישט פערבלייבען נאָר ביים געזעהענעם, זי טרייבט איהם פון שילדערען צום קאָמבינירען, זי מאַלט פון זיינע בילדער סלעמעס, און טוט זיי אָפטמאָל דערמיט אַוועק. אָבער מענדעלע קאָן דאָס אין זיך נישט גובר זיין.

„איך בין אַ פעדימעל איינגעוועבט אין דער גרויסער שטיק מאַטעריע... אונטער דעם נאָמען „יוד". — אַזוי דערצעהלט מענדעלע וועגען זיך אַליין. און אַזוי איז עס ביי מענדעלע׳ן אומעטום. ער זוכט אומעטום די איינהייט, דעם אויבער-פרינציפּ. דאָס גאַנצע יודישע פאָלק איז איין קליאַטשע, איבער׳ן גאַנצען יודישען לעבען הענגט איין יודישע טאָרבע. איבער׳ן גאַנצען לעבען פון אַלע מענשען אין דער וועלט הענגט איין געזעץ, „וואָס אַלע ווילען עס"... נעהמט מענדעלע נאָר צו שרייבען אַ פּאָרטרעט, גיט ער שוין צו: „עס איז געוועזן פון יענעם מין". ער געהט שטענדיג פונ׳ם מין.

און דאָס איז אפשר געוועזן דער זינען פון מענדעלע׳ס „שלייפען": אָבצואוואַרפען דאָס איינצעלנע, דאָס צופעליגע און דאָס אינדיווידועלע. דערין איז אויך מענדעלע׳ס קאָנסערוואַטיווער ערענסט בעשטאַנען: ער האָט שטענדיג אויסגעמיידט די אַזוי גערופענע „לירישע אונאָרדענונג". די אָרדענונג, דער מין, דער געזעץ — דאָס זענען געוועזן די דעוויזען פון מענדעלע׳ס קונסט.

מענדעלע ווערט אַ „קינסטלער מיט אַ געזעץ" און דאָס איז די אמת׳ע סיבה, פאַרוואָס מענדעלע׳ס „געזעצען" האָבען אַזאַ שטיק צייט פערשטעלט דאָס עכטע אויסזעהן פון זיין קונסט. אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור ווערט זיך אפשר קיינער, חוץ זאָלאַ, נישט קאָנען אויסצייכענען מיט אַזאַ פאַנאַטישער איבערגעגעבענקייט דעם „געזעץ". גלייך ווי זאָלאַ האָט אַ לעבען אָבגעגעבען דעם „ירושה-געזעץ", אַזוי האָט מענדעלע שטענדיג נאָר לויט איין געזעץ, לויט איין נאָרמע („אַלע ווילען עסען") פאָרמירט זיינע קינסטלערישע געשטאַלטען.

זעלטען-ווען לאָזט זיך מענדעלע׳ס פיגור אַרויסצורייסען





פונ׳ם אַלגעמיינעם „מין", און מענדעלע׳ס אויג גיט, משמעות, נאָר דערויף אַכטונג, אַז די. „אויסטערלישע פערזאָן" זאָל זיך נישט בעווייזען אין זיינע ווערק.

אָט ווי מענדעלע געהט צו צו זיינעם אַ העלד:

— „עס ציהט זיך גאָט׳ס גרויסע וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט, אָהן אַ סוף, אָהן אַנ׳עק... אין דער מיט וועלט אויף דער קיילעכדיגער ערד איז דאָ אַ קליין פלעקעלע, ווי אַ פליג האָט איבערגעלאָזט — דאָס איז גלופסק. אין דעם דאָזיגען פלעקעלע איז דאָ אַ פינטעלע — אַ קלייזעל, אין דעם פינטעלע איז דאָ נאָך אַ ברעקעל פינטעלע — אַ באַנק. און אין דעם פּיצינק פינטעלע — אַ מין בעשעפעניש אַזוינס, וואָס הייסט הערשעלע. דאָס פּיצינק בעשעפעניש ליגט, ווי אַ שפּין, פונקט אין דער מיט פון דער גרויסער ראָד שפּינוועבס. פון איהם ציהען זיך אַרום און אַרום אין אַלע זייטען לאַנגע דינע פעדימלעך, פול און פול אָנגעזעצט, האַרט איינס ביי׳ם אַנדערען, מיט עפּיס לופטיגע מיני פינטעלעך, אַזעלכע גאָר נישט פאַר דעם אויג, וואָס הייסען ביי די פילאָסאָפען „אַטאָמען".

אָט אַזוי האָט מענדעלע דאָס יודישע לעבען געזעהן: אויף דורך און דורך מיט אַלע „אַטאָמען"... און ווען איהר הערט זיך איין אין דעם דאָזיגען ציטאַט, צי פיהלט איהר נישט מענדעלע׳ס ציטערדיגע האַנד, ווי זי נעהמט אַרויס פאָרזיכטיג, ווי אַ פויגעל־איי פון נעסט, דאָס „פּיצינק פינטעלע" — הערשעלען, דעם העלד פון זיין בעסטען ווערק!...

מענדעלע בעגעהט זיך אַזוי פאָרזיכטיג דערפאַר, ווייל ער וויל נישט צערייסען דעם צובונד פון דעם „פּיצינק פינטעלע" צו די איבעריגע „אַטאָמען", צו אַלע די פעדימלעך, וואָס שאַפען די „מאַטעריע יוד" — וואָרום, ווער ווייסט, אפשר אָהן דעם דאָזיגען צובונד צום מין, צום גרויסען אַלגעמיינעם סדר, וועט מענדעלע גאָר נישט איינזעהן דעם העלד זיינעם, ווייל דאָ וועט זיין קינסטלערישער מעטאָד מעהר נישט גילטען. אָט דער קינסטלערישער מעטאָד מענדעלע׳ס איז די שטענדיגע געבונדענקייט אין דער אַלגעמיינער קאַטעגאָריע, אין דעם מין,

אין דעם געזעץ. אַרויס פון דעם „פער׳כשופ׳טען קרייז" קאָן מענדעלע נישט.

דערפון נעהמט זיך צוויי אייגענשאַפטען פון מענדעלע׳ס רעאַליסטישער קונסט, ערשטענס, ווערען ביי איהם אַלע מענשען, זאַכען און סביבות געבונדען, ווי „דער שפין פונקט אין דער מיט פון דער ראָד שפינוועבס", אַלע איינצעל־זאַכען, גלייך ווי אַלע יחידים, ווערען איינגעקניפּט אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון דער עפּאָכע, און צווייטענס... צווייטענס, האָט מענדעלע דערפאַר אָפטמאָל צו טהון מיט אַקסיאָמעס. אויב איבער אַלעמען הערשט איין געזעץ, אַלץ האָט איין שורש און איין סוף — דעמאָלט בלייבט דאָך נישט קיין אָרט פאַר דעם „יוצא מן הכלל", פאַר דעם דאָזיגען שטענדיגען ליעבלינג פון קונסט, עס בלייבען נאָר די „געזעצליכע קינדער" — וואָס זענען וועניג בעליעבט פון דער קונסט — די אַקסיאָמעס. און מענדעלע, מען מוז עס מודה זיין, האָט אָפטמאָל צו טהון מיט אַקסיאָמעס.

איין זאַך ווערט סאָרט דערגרייכט דורך מענדעלע׳ס קינסטלערישען מעטאָד: די געבונדענקייט פון אַלע ערשיינונגען, די איינהייטליכע סיסטעם, אונטער וועלכער עס טרעט אַרויס בולט די גאַנצע סטרוקטור פון יודישען לעבען — און אָט די סטרוקטור האָט אונז מענדעלע טאַקע דער ערשטער געגעבען.

## III

אין וואָס בעשטעהט דער עצם פון מענדעלעס קינסטלערישען פּראָצעס?

מענדעלע׳ס קונסט, אַ פערשמעלצונג פון צווייערליי תקופות, ווערט פון איין זייט דיקטירט, ווי געזאָגט, פון דעם גלויבען אין פאַקטען, וואָס רופט אַרויס דעם פערלאַנג יעדען פאַקט פּלאַסטיש צו פערקערפּערען, און דאָס ברענגט מענדעלע׳ן צו די בעסטע דערגרייכונגען פון זיין קינסטלערישען אַנאַליז, פון דער צווייטער זייט אָבער ווערט מענדעלע׳ס קונסט אונטערגעוואָרפען דעם סינטעטישען אַרט דענקען, וועלכער בינדט אַלע





ערשיינונגען אין איינהייטליכע סכעמעס, נעמט צו ביי יעדער פיגור איר אינדיווידועלען ווערט, און פיהרט אַריין אָפטמאָל אין מענדעלע׳ס רעאַליסטישער קונסט טענדענצען, וואָס שטעהען אויסער דער קונסט.

וואָסערע קונסט-מיטלען אַרבעט אויס די דאָזיגע צוויי-פאַכע טבע פון מענדעלע׳ס קונסט? ווי שאַפט מענדעלע זיינע בילדער?

מענדעלע גופא שילדערט אָפטמאָל זיין בעגייסטערונגס-פּראָצעס. אין „פישקע דעם קרומען" שילדערט מענדעלע די מינוט, וואָס ער לעבט איבער, איידער ער הויבט אָן צו דערצעהלען, ד. ה. צו שאַפען. עס ווערט אין איהם, דערצעהלט מענדעלע, אַ קאָכעניש, אַ יריד פון אַלערליי געשטאַלטען. (פישקע דער קרומער ז. 138).

אין דער סקיצע „די ישיבה של מעלה" איז פערהאַן אַזאַ שילדערונג:

„ס׳איז נאָך בלוי אין די פענסטער, כאַפּ איך זיך אויף אַ צעטומעלטער, אַ פערדולטער... די שלייפען האַמערן, אין קאָפּ דרעהען זיך משונה־ווילדע געשטאַלטען. עפּיס בילדער פון מיין לעבען, פון קינדווייז אָן און ביז די עלטערע יאָהרען, אָבער אָהן אַ סדר, אויסגעמישט, איבערגעדרעהט, ווי אין אַ שדים-טאַנץ".

אָט דער דאָזיגער „שדים־טאַנץ" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדעלע׳ס בעגייסטערונגס־פּראָצעס. מיט וואָס ענדיגט זיך דער דאָזיגער פּראָצעס?

„עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, — דערצעהלט ישראליק אין דער „קליאַטשע", — אַ טאָג אין מיין שטאָדט, ווי אַזוי און מיט וואָס די מענשען ברענגען איהם צו"...

און ווייטער געהען וואונדערליך־קאָנצענטרירטע בילדער פון דעם, וואָס עס האָט זיך „פאָרגעשטעלט".

דאָס זעלבע טרעפען מיר אויך אין „ווינשפינגערל". פלוצים רייסט מענדעלע איבער די דערצעהלונג און גיט זיך אַב אין רשות פון דעם, וואָס איהם שטעלט זיך פאָר:

עס שטעהט מיר פאַר די אויגען זיין בלייך פּנים"...

און מענדעלע מאָהלט אַ בילד, וואָס איז אויף דורך און דורך „פאַרגעשטעלט" און איז אַ סינטעז פון אַלע ביזהעריגע איינ־צעלהייטען.

אַזוי קומט פאָר אויך אין דער סקיצע „די ישיבה של מעלה", כמעט דאָס ענליכע קומט פאָר אין דער סקיצע „בשרפים", „הג־האסיף" און אַנדערע...

בּעהערשען זיך קאָן דאָ מענדעלע נישט. אָט דאָס, וואָס איהם „שטעלט זיך פאָר", איז די טרייבקראַפט פון זיין שאַפען. און נאָר אַ דאַנק איהר האָט מענדעלע, אפשר, געקאָנט זיך אָריענטירען אינ'ם יודישען לעבען. ביז מענדעלע'ן איז דאָס יודישע לעבען, אַלס גאַנצעס, ביי קיינעם פון די פאָרגעהער נישט אויפגעפּאַסט געוואָרען. עס פלעג דאָס רוב געשילדערט ווערען, ווי אַ ווילדער קנויל פון דערשיינונגען, מענשען און מנהגים.

מענדעלע הויבט אָן דער ערשטער זיך „פאָרשטעלען" דאָס יודישע לעבען, אַלס גאַנצעס גענומען, אָנהויבענדיג פון די צופעליגע דערשיינונגען, פון די ווייטע ווינקלען און ביז יענע וועגען, וואָס פיהרען צום מיטעלפונקט.

דערביי קאָן אָפּטמאָל טרעפען, אַז מענדעלע'ס בילד זאָל זיין דורכאויס אַ גוזמא, דורכאויס היפּערבאָליש, און אַזוי גע־העןבייבאַנד די צווייערליי אייגענשאַפטען פון מענדעלע'ס רעאַ־ליזם: פון איין זייט איז ער שטרענג איבערגעגעבען דעם פאַקט, שטעהנדיג „אונטער פיער אויגען מיט דער ווירקליכקייט", פון דער אַנדער זייט איז ער פּאַטעטיש פערשפּיצט, ער רייסט די גרעניצען פון דער ווירקליכקייט און שטרעבט צו וויזיאָנען. מענדעלע'ס איינצעלנע בילדער, וועלכע זענען קלאַסיש געוואָרען, הגם זיי זענען דורכאויס גוזמא, דערמאָנען אָפּטמאָל וויזיאָנען. צו זיי געהערען איינינע בילדער אין דער „קליאַטשע" און אין „פּישקע דעם קרומען".

סיי דער פּערביסען־סאַטירישער טאָן, וואָס טרעפט זיך אָפט אין אַזעלכע שטעלען ביי מענדעלע'ן, סיי די טרעפענדיג־





קייט פון די בילדערישע אויסדרוקען, מיט וועלכע מענדעלע קאָן אַזוי מייסטעריש בעגעהען זיך, — דאָס אַלץ גיט צו מענ־דעלע'ס גוזמא־בילד אַ בלייבענדיגע שטייפקייט, אַנ'אונפערגעסלי־כע בולטקייט.

ווי דערגרייכט עס מענדעלע? ער דערגרייכט עס דאָס רוב דערמיט, וואָס ער גיט בילדער סך־הכל'ן, בילדער, איבער־בליקען. די דאָזיגע בילדער קאָנען זיין גאָר פערשיעדענע.

אָט איז אַ יריד אין „פּישקע דעם קרומען":

„עס לויפען גאָר אָן אַ נשמה מעקלער, שדכנים, טאַנדעט־ניקעס, מאַכליאַרקעס, קורלאַפּניצעס, יודענעס מיט קוישען, יודען מיט טאָרבעס, מיט פינף' פינגער, בעי־הבית'לעך מיט שטעקלעך, בעל־הבתים מיט בייכלעך — איטליכען פלאַמט דאָס פּנים, נישטאָ קיין צייט, אַ רענדעל אַ מינוט..."

אָט איז מען מחדש די לבנה אין „ווינשפינגערל":

„עס לאָזען זיך הערען ביי־קול'כלעך דינינקע פון קליינע יונגעלעך, גרעבליכערע פון בחורים, גראָבע, הייזעריגע, פערלע־גערטע, באַסאָווע אויף דער געמבע פון אַלטע, בעטאָגטע, גרייז־גרויע, פּאָנפעוואַטע, לאַנגנעזיגע און ברייטבייכיגע בעל־הבתים.

מען דאַרף כלל נישט מיינען, אַז דאָס זענען צופעליגע עפּיזאָדען אין דער דערצעהלונג, און אַז מענדעלע געברויכט זיי אָהן שום כונה. ביי נאָהענטער בעקאַנטשאַפט מיט מענדע־לע'ס אַרט שרייבען ווערט קלאָר, אַז מענדעלע נוצט אויס די דאָזיגע מאַסען־בילדער סיסטעמאַטיש און מיט אַ כיון. אָט זענען נאָך אַ פּאָר ביישפּילען, וואָס ווייזען וואָס עס ווערט דערגרייכט דורך דעם מאַסען־בילד.

„דער וואָגען איז אָנגעזעצט געוועזען ענג מיט פערשוינען, כמעט אַ פערטעל קאַבצאַנסק. דאָרט האָבען זיך געפונען מייד־לעך, ווייבלעך, וואָס זענען געפאָהרען זיך שטעלען פאַר דינ־סטען און אַמען, אויך אַלערליי סאָרטען יודען: שעהנע יודען, כשר'ע יודען, מיט'ן פולען מויל יודען, ברענענדיגע יודען, צו־בראָכענע יודען, גילדענע־אָדער־יודען, גלאַט־יודען, אַזוי־זיך־יודען

און אויך־מיר־יודען. ס׳איז געווען אַ פערמישעניש, אַ פערפלאָנטעניש (ווינשפינגערל 66).

אַזאַ פאַל, ווען מענדעלע צוגלידערט דאָס מאַסען־בילד לויט דעם בעגריף „יודען״ איז גאַנץ זעלטען צו טרעפען ביי מענדעלע׳ן. אָפטער זעהט מען, ווי ער צוגלידערט דאָס מאַסען־בילד נישט לויט אַ בעגריף, נאָר לויט די קינסטלערישע דעטאַלן. אין „ווינשפינגערל״ טרעפען מיר אַ בילד פון דער „זאָרג־באַנק״, וואו מענדעלע שילדערט „אַן אויסמישעניש פון אַלערליי דורות און געשטאַלטען״. די שילדערונג איז אָנגעשטאָפּט מיט קינסטלערישע דעטאַלען, און מענדעלע פערענדיגט דערביי:

„אַ דור הפלגה פון פערמישטע לשונות און געמבעס: אַ גראָבע דינע, קוויטשענדיגע, הייזערדיגע, כארכעלדיגע און זינגענדיגע קולות״ (וויגשפינגערל 155).

אויף שריט און טריט קאָן מען זעהען, ווי גערען מענדעלע נעהמט זיך צו שילדערען אַזעלכע בילדער.

געבען אָפטמאָל אַזעלכע „אויסמישענישען״, דאָס איז אַ מין קינסטלערישע מאַניר ביי מענדעלע׳ן. און דערביי זעהען מיר, ווי מענדעלע גיט אין דעם איבערבליק־בילד נישט בלויז אַ טרוקען איבערצעהלען, נאָר יעדע געשטאַלט ווערט בעגלייט פון קינסטלערישע דעטאַלען, אַזוי, אַז עס שאַפט זיך אין געוויסען זינען איין כאַראַקטער פון פילע. און מענדעלע האָט דאָ אָן אַ שיעור מיטלען, כדי צו דיפערענצירען עדע געשטאַלט בעזונדער. מיר געפינען, למשל, אין די מסעותי (אויפלאַגע 1873) אַזאַ שטעל:

„די שטוב, וואָס פריהער אַ ביסעל איז זי געווען אַ ספּאַלניע, דערנאָך אַ טשייניע, איז פלוצים געוואָרען אַ קלייזעל. עס האָבען זיך פערקאַשערט אַרבעל, זיך אַנטפּלעקט נאַקעטע יודישע אָרעמס: האָריגע, גלאַטע, דאַרע, פעטע, שוואַרצע, ווייסע, טונקעלע פון אַלערליי קאָלירען און געשטאַלטען.״ (מסעות בנימין השלישי 82).

פונקט ווי מענדעלע דיפערענצירט קינסטלעריש „יודישע אָרעמס״, אַזוי בעגעהט ער זיך אויך מיט „יודישע ביי־קול׳כלעך״,





דאָסגלייכען מיט די „יודישע בגדים״ (די בילדער פון באָד אין „פישקען״ און אין די „מסעות״)—און אַזוי אָרום שאַפט ער, אָנשטאָט „אַנ׳אויסמישעניש״, דאָס עכטע מאַסען־בילד, וואָס איז רייך נישט נאָר אין דעטאַלען, נאָר אויך מיט בעוועגונג. אַלס מוסטער פון די בעוועגונגס־בילדער, וואָלט מען קאָנען ברענגען דאָס בילד פון אַ געלויף אין גלופּסק (ווינשפינגערל), וואו מענדעלע רעכענט אויס לכתחילה, וואָס עס טהוט איינער, דער צווייטער, דער דריטער, און מיט אַמאָל וואַרפט ער שוין אַוועק די איינצעל־פיגורען און שאַפט זיין געוועהנליך בילד: „אַ עולם יודען, אָהן עין הרע, דרעהט זיך, די אַהין, יענע שוין צוריק. ס׳איז אַ גערעדעריי, אַ האַנדמאַכעריי, אַ געווערטלעריי, אַ ווערטלזאָגעריי״...

און אַזעלכע בילדער, וואו מיר האָבען שוין אָנשטאָט מאָסען־פאָרטרעטען — מאַסען־בעוועגונג, געפינען מיר גאָר פיעל ביי מענדעלען, אַהער געהערט דאָס בילד פון גלופּסקער מאַרק אין די „מסעות״, דאָס בילד פון ווינשעניש אין „ווינשפינגערל״, דער אַריינפאָהר פון די ישובניקעס אין שלמה ר׳ חיים׳ס — אומעטום טרעפען מיר זיך דאָ מיט׳ן איינצעלנעם כאַראַקטער פון פילע, וואָס איז געגעבען דווקא אַ דאַנק דער אויסמישעניש פון געשטאַלטען. מענדעלע׳ן ציהט עפּיס צו די דאָזיגע מאַסען־בילדער, עס געפעלט איהם מיט אַמאָל פערווישען די קאָנטורען פון איינצעלנע געשטאַלטען, כדי צו לאָזען נאָר איין גרונד־טאָן פון אַלעמען, דעם טאָן, וואָס הערשט איבער אַלעמען, וועלכער איז שוין נישט אַזוי רעאַליסטיש, ווי סימבאָליש... די נשמה פון אַ מאַסע רעדט צו מענדעלע׳ן מעהר, ווי עס רעדט צו איהם די נשמה פונ׳ם יחיד, פונקט אַזוי אפשר, ווי צו די אַלטע קאָמפּאָניסטען האָט מעהר גערעדט די כאָר־מוזיק. און מענדעלע׳ס מוזיק איז דאָך רוב אַזאַ כאָר־מוזיק.

נאָר דאָס מאַסען־בילד, וואָס טראָגט אַזאַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם קאָלאָריט פון אַ כלל־נשמה — דאָס האָט מענדעלע׳ן געקאָנט צופרידענשטעלען. וואָס געבען אָבער די דאָזיגע בילדער אויסער דעם, וואָס זיי שטעלען צופרידען מענדעלע׳ס

שטרעבונג צו סינטעטישער איינפאַסונג פון איינצעלנע ערשיי־נונגען? די דאָזיגע בילדער געבען מענדעלע׳ן די ווייטע פּער־ספּעקטיוו פאַר זיינע ווערק.

פונקט ווי אין מענדעלע׳ם בילד פון נאַטור, וואו ער גיט שטענדיג, אָנשטאָט אָבגעזונדערטע ווינקלען, נאָר ברייטע פּאַנאָראַמעס („עס טהוט מיר אַ שיין, שרייבט מענדעלע, ווי אויף צו להכעיס אַ בילד־שעהנע פּאַנאָראַמע") — אַזוי קריגט אויך יעדע מענשליכע פיגור אַ דאַנק דעם מאַסען־בילד, וואָס שטעהט הינטער איהם, אַ ווייטע קינסטלערישע פּערספּעקטיוו, אַ בולטען פּאָן.

קינסטלערישע דעטאַלען און אָפטמאָל גאַנץ שטאַרקע האָ־בען מיר אויך ביי דיק׳ן, ביי לינעצקי׳ן און ביי אייניגע משכּילים. און זייערע געשטאַלטען (למשל ר׳ שמעיה גוט־יום־טוב ביטער) פעהלט אָבער די נויטיגע קינסטלערישע אַטמאָס־פער, זיי זענען אַרויסגעריסען פון דער פּערספּעקטיוו פון גאַנ־צען יודישען לעבען. דעריבער ווערט דאָס שטעדטעל „לינאָוו" קיין סימבאָל נישט, ווי קאַבצאַנסק, דערפאַר ווערט שמעיה גוט־יום־טוב ביטער קיין שליח־צבור נישט אין דער יודישער קינסטלערישער גאַלעריי... מענדעלע האָט דער ערשטער אַדאַנק דער סינטעטישער קראַפט פון זיין גייסט געגעבען די ווייטסטע פּערספּעקטיוו פון גאַנצען יודישען לעבען, פונ׳ם גאַנצען יודי־שען ישוב...

עס איז אָבער נויטיג געווען די קראַפט פון זיין אַנאַלי־טישער קונסט, כּדי אָנצופילען דעם חלל פון די דאָזיגע גרויסע סכעמעס, וועלכע מענדעלע האָט מיט דער קראַפט פון „פאַרשטעלען זיך" אויפ׳ן אופן פון וויזיאָנען אויפגעבויט. אָט די אַנאַליטישע קונסט געפינען מיר אין מענדעלע׳ס יחיד־פּאָרטרעטען.

## IV

מענדעלע׳ס יחיד־פּאָטרעטען זענען אַזוי אוממיטעלבאַר פאַרבונדען מיט די מאַסען־בילדער, אַז זיי דאַכטען זיך אָפט־





מאָל ווי פון איין שטיק געגאָסען. מיר זעהען צו־מערסט, אַז די יחיד־געשטאַלטען זענען נאָר פראַגמענטען פון דער כּלל־נשמה. אינדיווידועלע שטריכען, גלייך ווי אינדיווידועלע ווילענס־אַקטען, פערמאָגען זיי זעהר ווינציג. זייער יצר־הרע איז נישט אינדי־ווידואַליזירט און, האָבענדיג „געבראָכען די תאוה פון עסען", ווי מענדעלע זאָגט, האָבען זיי, משמעות, קיין שום תאוה בכלל מעהר נישט בעקומען. די עמאָציעס פון מענדעלע׳ס פיגורען זענען דעריבער געבראַכט ביז צום מינימום. און דאָך, זייענדיג קינדער פון דער נאָרמע, „פעדימלעך פון דער מאַטעריע יוד", שטעלען מיט זיך פאָר די דאָזיגע פיגורען אַ רייכע גאַלעריי פון טיפען. ענטפלעקען דעם סוד,׳ ווי זיי ווערען איינגעקריצט אין אונזער זכּרון, הייסט דעריבער צו געפינען דעם סוד פון מענדעלע׳ס אַנאַליטישער קונסט.

מענדעלע׳ס קונסט איז קודם כּל אַ פרימיטיווע פאָלקס־קונסט. פרימיטיווע קונסט שילדערט נישט, זי „מאַכט נאָך", זי אימיטירט, אין בעסטען זינען פון דעם דאָזיגען וואָרט. און דאָס זעלבע איז אויך ביי מענדעלע׳ן.

מענדעלע אָריענטירט זיך במעט נישט אין פאַרבען. אָט זענען עטליכע פּאָרטרעטען זיינע:

„הערצל קיילעס איז געווען, ווי אייזיק, שוין אין די יאָהרען, אַ טאַטע פון קינדער, אויך אַ דאַרער, אַ בלייכער, ווי ער". (שלמה ר׳ חיים׳ס).

„לייזער דער שניידער איז געווען אַ קליין דאַר יודעלע מיט אַ בלייך פּנימ׳ל." (דאָס קליין מענשעלע).

„שמואל׳יק דער טאַנדעטניק... ער איז געקרומט, געבויגען מיט אַ בלייך פּנים, געקנייטשט, געעלטערט, פערזאָרגט אין צרות." (ווינשפינגערל).

„ליפּא ראובנ׳ס איז אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיגער, מיט אַ בלייך פּנים, אַ שטילער, אַ גוטער". (שלמה ר׳ חיים׳ס),

„האָדעלע׳ס מאַן... עס געהט זיך פאַמעליך אַ דאַר־בלייך יודעלע". (ווינשפינגערל).

אין פינף פּאָרטרעטען פון פערשיעדענע העלדען און פער־

שיעדענע ווערק זעהען מיר דאָס איינע און זעלבע „בלייך פנים״, און דער גאַנצער פּאָרטרעט איז בכלל מעהר כאַראַקטעריסטיק, איידער בילד. מיט וואָס־זשע געלינגט מענדעלע׳ן פאָרט אונטערשיידען איין געשטאַלט פונ׳ם צווייטען און בעפעסטיגען עס אין אונזער זכרון? מיט׳ן איינציגען מיטעל פון זיין פרימיטיווער קונסט: מיט׳ן „אימיטירען״.

מענדעלע דערצעהלט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז אין דער קינדהייט איז זיין איינציגער אינטערעס צו מענשען בעשטאַנען אין נאָכמאַכען זייערע בעוועגונגען און תנועות. דאָס זעלבע איז שפּעטער געוואָרען זיין קונסט־מיטעל. ווארום, אויב מענדעלע אָריענטירט זיך שלעכט אין פאַרבען, איז ער דערפאַר אַ בקי אין העויות. און דורך זיי בעקומען מיר דעם קינסטלערישען איינדרוק.

ווי מאָהלט מענדעלע מענשליכע פיגורען? ער ווייזט אונז שטענדיג נישט נאָר וואָס זיי זענען, נאָר וואָס זיי טהוען. און ווייל יעדער אַקט מוז דערביי שוין זיין אויסגעשפּראָכען־טיפּיש, ווערען מענדעלע׳ס פּאָרטרעטען דאָס רוב פערוואַנדעלט אין צעך־בילדער.

מענדעלע׳ס קונסט גיט צו יעדען געשטאַלט אַ ספּעציעלען צייכען. דערפאַר האָט לייזער דער שניידער אַ צינגעל, אַ געשליפענס, זעהר אַ געלויפיגס, אשר דער מעקלער האָט אַ נאָז צו שמעקען און נישטערען, רייזע די בעל־אכסניה׳טע ערשיינט מיט׳ן פּאָלאָניק, לייזער־יענקעל דער חזן מיט דער „כלי״ א. א. וו....

די העויות מאַלעריי פאָדערט אָבער נישט נאָר דאָס בילד זאָל זיין טיפּיש, עס זאָל זיין אַ זשאַנר־בילד, נאָר ווי יעדער זשאַנר־קונסט פאָדערט עס, אַז ס׳זאָל זיין בעוועגליכקייט, רירעוודיגקייט און בילד. און דערפאַר, וואָס מענדעלע בעהערשט נאָר די פרימיטיווע זשאַנר־קונסט, זעהען מיר, ווי עס געבען זיך איהם איין דאָס רוב נאָר די פיגורען, אין וועלכע עס איז פערהאַן בעוועגונג, רירעוודיגקייט, ביי וועלכע די העויות בייטען זיך נאָכאַנאַנד...





און אָט דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיגען מאָמענט אין מענדעלע׳ס שאַפען, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער יודישער ליטעראַטור. ס׳איז דאָס, וואָס אונטערשיידט מענדעלע׳ן פון פּרצ׳ן — די צוויי תקופות פון אונזער ליטעראַטור, וואו עס קעמפען צוויי ליטעראַרישע מאַנירען: דאָס „יודישע״ מיט׳ן „יודישליכען״.

וואָס איז אַזוינס דאָס „יודישליכע״? עס איז דאָס אויבען־אויפיגע, דאָס אויסערליכע, דאָס, וואָס נויטיגט זיך נישט אין קיין נשמה־וואָרצלען, ווייל עס איז לייבליך צוזאַמענגעבונדען מיט די אויסערליכע בעדינגונגען.

דאָס „יודישליכע״ וואַקסט אויס פונ׳ם עטנאָגראַפישען עלעמענט, וואָס פערנעהמט דאָ דעם גרעסטען פּלאַץ, עס האָט דאָס רוב קיין טיפערע אימפּולסען נישט, עס איז מעהר „ציקאַווע״, איידער אינטערעסאַנט, מעהר שפּילעוודיג, איידער אויסגעהאַלטען און עס איז מעהר קינסטלעריש פערגרימירט, איידער קינסטלעריש געשילדערט. און נישט ציהענדיג זיין יניקה פון דעם פערבאָרגענעם פאָלקס־עפּאָס, צעפאַלט זיך דאָס „יודישליכע״ אויף שטייגערס און שטייגערלעך און עס קומט זעלטען ווען אַפילו צו דער מדרגה פון אַ קינסטלערישער מאַניר. דאָס בעמערקען מיר, למשל, ביי אייניגע פון די משכילישע שריפטשטעלער, וואו די אַרט „יודישליכע״ קונסט איז געווען ענג פערבונדען מיט דער פאָרשטעלונג פון דער „שפחה״־שפּראַך און וואו דאָס „יודישליכע״ איז אַזוי אָפט דערגאַנגען ביז צום אַנעקדאָטישען.

מענדעלע, וואָס איז פון דער משכילישער פאָרשטעלונג וועגען דער שפחה־שפּראַך אַזוי פריה בעפרייט געוואָרען, קומט אָן אָבער אייניגע מאָל צום זעלבען „יודישליכען״ אַרט מאָהלען. מענדעלע׳ס העלד איז נישט דער „יוד״, נאָר דאָס „יודעל״ און פּונקט אַזוי ווערט זיין קונסט פון צייט צו צייט „יודישלעך״ אָנשטאָט „יודיש״.

וואָס איז אַזוינס דאָס „יודישע״, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגען דעם „יודישליכען״?

דאָס „יודישע" האָט טיפע נשמה־וואָרצלען. עס איז יענע וואָגיגע קונסט, וואָס האָט צו טהון מעהר מיט׳ן פסיכאָלאָגישען, ווי מיט׳ן עטנאָגראַפישען מאַטעריאַל, די קונסט, וועלכע מיהט זיך צו דערהויבען צום נאַציאָנאַלען סינטעז, וואָס שעפּט פון דער אַרומיגער סביבה פאַרבען פאַר׳ן קאָלאָריט, גלייך ווי עפּי־זאָדען פאַר דער האַנדלונג, קיינמאָל אָבער נישט מעהר.

דאָס „יודישליכע" איז עפּיזאָדיש, עס לעבט אין עפּיזאָד און ווייטער פון איהם געהט עס נישט. דאָס „יודישע" גיט צו צום עפּיזאָדישען נייע, אַלגעמיינערע מאָטיווען, עס גיט צו דער האַנדלונג אַ מעהר פולדיגען זינען.

און צווישען די דאָזיגע צווייערליי אַרטען פון שרייבען וואַקעלט זיך נאָך אָפטמאָל די פּרימיטיווע קונסט ביי מענ־דעלען.

מענדעלע היט זיך אַזוי שטאַרק פאַר „לירישע אומאָר־דענונג", ער זוכט נאָר די געזעצמעסיגע פיגורען. נישט־האָבענ־דיג אָבער אין זיינע הענט קיין. מיטלען פון אַ מעהר ענטוויי־קעלטער קונסט, קומט ער צום „יודישליכען". דאָס קומט פאָר דאָס רוב אין מענדעלע׳ס זשאַנר־בילדער. אָט די זשאַנר־ביל־דער האָבען עס טאַקי אין אַ געוויסער מאָס געשאַפען די איי־גענטימליכע פאָרשטעלונג וועגען מענדעלע׳ס קינסטלערישער מאַניר, אַ דאַנק וועלכער שלום-עליכם האָט פון זיינע ערשטע שריט געהאַט בעשלאָסען, אַז ער איז מענדעלע׳ס אַ תלמיד. וואָס געפינען מיר אין די זשאַנר־בילדער? אָט זענען אַ פּאָר:

„אַ קוק געגעבען אויף די יודלעך, האָט מען געקאָנט דערקענען, אַז זיי געהערען צום „עולם-המעשה": ביידע רירעוו־דיגע, ספּריטנע, האַלטען, דאַכט זיך, אין איין לויפען"...
(ישיבה של מעלה).

„אַ יודענע, אַ רירעוודיגע, אַ זשוואַווע, מיט אָבגעבליאַ־קעוועטע פעלענע מושקעס און עפּיס אַ מין טיכעל אויפ׳ן קאָפּ".
(פישקע דער קרומער).

ר׳ אשר: — „אַ דאַר יודעל, אַ רירעוודיגס, אַ צאַפּעל־דיגס".





אַלטער יכנה־ז: — „אַ יאָדעריג יודעל, אַ געשפּיקעוועטער, מיט אַ דיק בייכעלע".

אין די ערשט געבראַכטע בילדער געהען פאַר אונז דורך גאָר פערשיעדענע געשטאַלטען. עס איז דאָ פערהאַן אַ פרוי אַ קרעטשמערקע, אַ יוד אַ מעקלער, אַ יוד אַ מוכר־ספרים׳ניק, און ענדליך צוויי יודען סתם פון „עולם-המעשה". אין אַלע געפינען מיר אָבער איינעם און דעם זעלבען שטריך, איינע און די זעלבע סטרונע, אויף וועלכער מענדעלע פערשטעהט אַזוי גוט צו שפּיעלען: דאָס איז די רירעוודיגקייט, די בעוועגליכ־קייט זייערע.

נישט אַלע מאָל געהערט דאָס אַפילו ביי מענדעלע׳ן צו די אָבלאַך־מיטלען, צו וועלכע עס איז איהם מחייב זיין סאַטי־רישער טאָן, נישט אַלע מאָל לאָזט זיך עס דערקלערען אויך דורכ׳ן פערלאַנג צו בעלעבען דאָס בילד, אַריינצובריינגען אין איהם מעהר לעבען. יעדער מאָל, ווען מענדעלע קומט אָן צו די דאָזיגע שילדערונגען, זעהט איהר, אַז ער טהוט דאָס צו־ליעב מאַנגעל אין פאַרבען, צוליעב דעם שטענדיגען שילדערען דורך העויות. מענדעלע שטעלט זיך דעמאָלט גאָר נישט אָב, כדי נאָר צו געבען אַ קינסטלערישען עפעקט. ער נעהמט דאָס עפּיזאָדישע, דאָס אויסערליכע, ער מאַכט די האַנדלונג פון יעדען מענשען פאַר׳ן ווזען פונ׳ם מענשען, נישט פערטיעפענ־דיג די האַנדלונג גופא, און אַזוי אַרום שאַפט זיך דער טיפּ פון מענדעלע׳ס „יריד־יוד".

אידילישע און טראַגישע געשטאַלטען האָט מענדעלע פער־זעהן נישט צוליעב זיין משכילישען „ירגזון". פערקעהרט, ער פּרובט זיך אין „שלמה ר׳ חיימ׳ס" געבען בלויז אידיליע. אָבער צי לאָזט זיך פערגלייכען די שילדערונגס־קראַפט מיט דער קראַפט, וואָס לעבט אין „ווינשפינגערל", אין די „מסעות"?

מיר האָבען שוין געזעהען, אַז דאָס אויסשליסליך־מענשלי־כע, דאָס נשמה׳דיגע גיט נישט מענדעלע׳ס פאַנטאַזיע קיין אינ־טענסיווען שטויס. ווייטער פון „בלייך פנים" געהט מענדעלע נישט אין די דאָזיגע פאָרטרעטען. די „פּאָזיטיווע" בילדער פון

שלמה'לעס פאָטער, ר' חיים, פון ר' אברהם דעם מקבל, פון שמואליק דעם טאַנדעטניק, האָבן נאָר דערפאַר קיין פלאַסטישן אינהאַלט נישט, ווייל זיי זענען, אַזוי צו זאָגן, „ריין־מענשליך". די זשאַנר־קונסט, די פרימיטיווע העויות־קונסט מענדעלע'ס פערמאָגט נאָך נישט קיין מיטל, כדי צו פיקסירן די דאָזיגע געשטאַלטן. און ווי עס קומט דערפאַר צו רייזי דער בעל אכסניה'טע, צו לוי בחור'ס ווייב, דעם קרעטשמערס טאָכטער אין „פישקען" — געשטאַלטען מיט אַ בלוט־אויסגעדריקטער אויסערליכקייט, מ'קאָן זאָגן, זאָאָלאָגישע פיגורען — אָט דאָ שאַפט מענדעלע'ס פלאַסטיק וואונדער. מענדעלע פערזוימט זיך דאָ ביי יעדער דעטאַל, ער דערגרייכט דאָ יענע קראַפט, וועלכע מיר געפינען נאָר אין זיינע מאַסען־בילדער. צו אַזעלכע זאָאָלאָגישע מאָטיוון מוז מענדעלע'ס פרימיטיווע קונסט אָנקומען גאָר אָפט. דאָס חיהשע גיט איהם מעהר אינטענסיווע אימפולסען. און דעריבער שטעלט ער זיך טאַקי מיט אַזאַ רחבות אָב אויף די חיות־געשטאַלטען אין יעדער דערצעהלונג. אָט איז אַ פריהמאָרגען אין „ווינשפינגערל" (221), אָט איז די קרעטשמע־בעשרייבונג אין „פישקען", אָט איז נאָך אַ שעהנער טאָג „אין ווינשפינגערל", און אָט איז שוין גאָר אַ גאַנצע אָבהאַנדלונג וועגען די דאָרפישע און שטעדטעלשע הינט — אַלץ אָהן אַ טראָפען רמז, אַלץ געצייכענט מיט'ן ריינעם קינסטלערישען געוויסען. און ווען מיר טרעפען באַלד נאָך דעם דאָס בילד, ווי ווייבער זיצען אום שבת אינ'ם „אידילישען" „שלמה ר' חיימ'ס", דאַכט זיך אונז: דאָס זענען האַלב־מענשען און אויף אַ העלפט די זעלבע חיות, וועלכע מענדעלע מאָהלט מיט אַזאַ רחבות און ליעבע...

---

מיר קאָנען איצט שוין אָנצייכענען די אַלגעמיינע ליניע פון מענדעלע'ס שאַפען. מענדעלע גיט אין זיינע מאַסען-בילדער דעם מאַקסימום פון זיין קינסטלערישער ענערגיע. אַ דאַנק דער סינטעטישער קראַפט פון זיין גייסט גיט ער דאָ בילדער־גוזמאות,





בילדער־וויזיאָנען (זיי „שטעלען זיך איהם פאָר"), פאַר וועלכע עס גענוגען אַלע מיטלען סיי פון זיין אייגענאַרטיגער שפּראַך, סיי פון זיין גוואַלטיגער לעבענס־קענטעניש. דאָ גיט מענדעלע די איינצעלנע נשמה פון פיעלע, דעם מאַסען־כאַראַקטער. אין זיינע יחיד־פאָרטרעטען, וועלכע קריגען אַזאַ בולטען פאָן דורך די מאַסען־בילדער, איז מענדעלע געבונדען מיט די בעגרעניצטע מעגליכקייטען פון זיין פרימיטיווער זשאַנר־קונסט, דאָ גיט ער אָפטמאָל אַוועק אין דעם אימיטירען דאָס „יודישלעכע", דאָ פאַלט ער אונטער אונטער'ן פאָלקס-גוסט צום מגושמ'דיגען, צום האַרבען שטריך, צו דער גרעלער פאַרב. אין די דאָזיגע קינסטלערישע סימפּאַטיעס זיינע איז ער נאָהענט צום יודישען פאָלקס־שאַפען, פונקט ווי אויך אין קאַמף פאַר דער קינסטלערישער נאַאיווקייט און שלימותדיגער פאָעטישקייט, וועלכע מערקט זיך ביי מענדעלען פון ווערק צו ווערק.

## אפרים קאַגאַנאָווסקי

# דעם זיידענ׳ס פאַרבען

מענדעלע מוכר-ספרים, דער זיידע, האָט פערמאָגט זיין שענקעלע, וואו עס זענען אין גרויסער אָרדענונג געווען אויסגעשטעלט, אָהן אַ צאָהל באַנקעלעך מיט פערשיעדענע פאַרבען; די פאַרבען זענען ביי קיינעם נישט געווען צו געפינען, נאָר ביים „זיידען".

און האָט עמיצער געוואָלט אויסמאָהלען אַ גרין פעלד, אַז דאָס פעלד—זאָל זיין דוקא אַ יודיש פעלד; אַז ס׳זאָל זיך פיהלען דערפון אַ שבועות-ריח, אַז ס׳זאָל שמעקען מיט הדס, האָט ער געדאַרפט געהען צום זיידען און זאָגען:

„גוט מאָרגען, זיידעניו... גיט מיר אַ גרינע שבועות-פאַרב, אַז זי זאָל שמעקען מיט דעם שבועות-ריח, ווי עס האָט געשמעקט, ווען איך בין געגאַנגען פון חדר, ווען דאָס פעלד האָט געשמעקט מיט די פרישע פוטער-בולקעס, וואָס די מאַמע האָט אויף יום-טוב געבאַקען.

און דער זיידע האָט אָנגעזאָטעלט די נאָז מיט די קלוגע ברילען און אויפגעזוכט דאָס כשופ׳דיגע באַנקעלע מיט דער וואונדער-פאַרב.

און טאָמער וויל איינער זיין אַ יודישער שרייבער, און

אַ יודיש בוך אויפשרייבען, מוז ער נאָך פאַרב צום זיידען געהען, און טאָמער וויל איינער אַ יודיש פּנים אויסמאָהלען, מוז ער פאַרב ביים זיידען נעהמען.

פון וואַנען האָבען מיר שוין נישט קיין פאַרב אויסגעשריבען פאַר אונזער ביסעל אָרימקייט, פאַר אונזער קליין אָרים ביכער שענקעל. מיר האָבען פאַרב פון פאַריז אַראָבגעבראַכט, אַנדערע — פון בערלין, דריטע — פון נאָרוועגיען האָבען פאַרב פאַר'ן יודישען בוך אויסגעשריבען; דערפון האָט זיך גענומען, וואָס אונזער צאַפּעלדיגער יוד האָט מיט דעם לאַנגזאַמען, קיהלען פיאָרד-אָטעם אָנגעהויבען אָטעמען. אונזער ליעבע חנה האָט מיט דינע פאַריז-ריחות שמעקען אָנגעהויבען, אונזער יודישע נאָז געקיצעלט, און מיר האָבען געניסט: אייראָפּעאיש.

*

צוויי פעדים וועבען זיך אַרויס פון דער בלויער ווייט, פון אונזער פערגאַנגענהייט, וואָס ווייזען אונז די טראַדיציע פון אונזער שעהנער ליטעראַטור, פון דעם בוך.

איין פאָדים אַ גאָלדערנער, וואָס געהט גראָד פון אונזער פאָלקס-האַרץ, דאָס איז דער פרימיטיוו, פון דער באָבען און דעם זיידען דערצעהלטע פאָלקס-מעשה. דער צווייטער פאָדים, וואָס געהט פון אונזערע אומגעבונגען, אַ פאָדים, וואָס שטאַמט פון אונזערע געלעגענהייטס טראַדיציעס. דאָס איז די פרעמדע, אָנגעשטיקטע ראָמאַנטיק, פון גראַפען און באַראָנען, מיט פרעמדע, ווילד-קלינגענדיגע נעמען, צו וועלכע עס האָט געהאַט אַזאַ שוואַכקייט שמ״ר און הינטער איהם, אַ גאַנצע שורה פון מעשהביכלעך.

אָט מיט דעם ערשטען, עכטען, גאָלדענעם פאָדים, האָט זיך פערקניפּט מענדעלע מוכר-ספרים, ווען ער האָט מיט עטליכע און זעכציג יאָהר צוריק, איינגעטונקט זיין פעדער, און דערצעהלען אָנגעהויבען. אין זיין האַנד האָט זיך בעוויזען זיין פאַליטר מיט די צויבער-פאַרבען, געשטעלטע אויף די טיפּסטע





זאַפטען פון דעם פאָלק, און יעדער שמיר איז אַ געזעץ געוואָרען, אַ געזעץ פאַר די אַלע, וואָס ווילען אויף יודיש, אַ יודיש בוך שרייבען.

*

דאָס וואָרט „דלות", וואָס דער „זיידע" האָט אַזוי פיעל גענוצט אין זיינע ערצעהלונגען, האָט זיך פאַר מיר שטענדיג אויסגעמאָהלט ווי עפּיס אַנ'אונבעשטימטע זאַך, פון אַ גראָדער, אונבעשטימטער פאַרב; צוזאַמען גענומען, איז עס געוועזן אַנ'איינדרוק פון: אַלטע זעק, שימעל, צובראָכענע פענסטער, אַלטע פאָדעשווע, און פערפלאָנטערטע שטריק...

נאָר ווען כ'האָב צום ערשטען מאָל געזעהן אַ בויד, אָט די בויד מיטן קיילעכיגען, מיט אַלטע זעק און שמאַטעס-געדעקטען, דאַך, מיט דעם יודיש-אויסגעקראָכענעם פערדעל, וואָס וויגט זיך, שלעפּט זיך איבער דעם זיידענס יודישלעך-היימישע וועגען, האָב איך ענדליך געפונען די פולע פערקערפּערונג פון דעם וואָרט: „דלות".

יאָ, דאָס איז דער ליעב-היימישער, פון גאָט-געבענשטער דלות, וואָס ברענגט אַריין אַזוי פיעל, וואָס ברענגט אַריין אַזוי פיעל יום-טוב אינ'ם האַרץ פון יעדען עכטען קינסטלער.

אָט אויף דעם ביידעל, וואָס איז אויסגעוועבט, פון די טיפּסטע, סאַמע האַרציגסטע פאַרבען, פון אונזער גאָט-געבענשטען פאָלקס-דלות, האָט מענדעלע מוכר-ספרים זעכציג יאָהר זיך געשלעפּט אין דער טיפּעניש פונ'ם פאָלק, אויף זיינע היימישע יודישליכע שליאַכען: זיין קולטור איז נישט קיין וואָקזאַל קולטור, ווייל אָבגערוהט האָט ער אויף גאָטס פעלד, צוזאַמען מיט זיין מידער פאָלקס-קליאַטשע...

*

איצט שטעהט ערגיץ אויף אַ שטילען שליאַך דאָס ביידעל.

די יודישלעך-אויסגעצופטע קליאַטשע קוקט ערגיץ מיט בענק-שאַפט אין דער ווייט, צו די היימיש-צוואָרפענע שטעדט און שטעדטלעך, וואו שעמעוודיגע מיידלעך וואַרטען מיט קלאַפּיגע הערצער אויפ'ן „ראָמאַן" צו לעזען פרייטאָג-צונאַכטס, נאָר דאָס ביידעל געהט נישט ווייטער, ווייל דער אַלטיטשקער מוכר-ספרים איז איינגעשלאָפען זיין אייביגען, זילבערנעם שלאָף.

ווער זשע וועט דערקוויקען די אויסגעבענקטע הערצער פון אונזערע זיהן און טעכטער, וואָס וואַרטען אויף דעם ביי-דעל מיט'ן נייעם בוך?...

י. דאָברושין

# דער גאָטישער מבוא

מענדעלע איז קודם כל און אויסשליסלעך אַ נאַציאָנאַלער קינסטלער. און דאָס גופא איז שוין אַ אויסטערלישע ערשיינונג. מיט יעדען דיבור און תנועה שאַפען דעם נאַציאָנאַלען טיפּ און כאַראַקטער, שעפען יעדען נשמה־שטריך און איבערלעבונג נאָר פונ'ם נאַציאָנאַלען ירושה־אוצר, אויף אַ רגע'לע נישט קאָנען זיך בעפרייען, נישט קאָנען אַרויסגעהען פון די דורות־דיגע אויסגעבויטע מחיצות פונ'ם נאַציאָנאַלען געדאַנק און געפיהל — דאָס איז שוין אפשר די בעגרעניצונג, יענע זעלבסט־בעגרעניצונג, וואָס איז גופא אַ סימן פון אַן אמת'ער קונסט...

קונסט דאַרף אָרגאַניזירען. און דער נאַציאָנאַלער שעפער אָרגאַניזירט. ער געפינט דאָך די אַלגעמיינע גרונד־ליניען, וואָס פעראייניגען אונטער איין קולטור־דרוק אַלערליי לעבענס און כאַראַקטערען, ער ענטפלעקט די פערוואָרצעלטע טיפענישען פון פערשיעדענע געשעהענישען און איבערלעבונגען, דעקט אויף אויף אַזאַ אופן די לעבענס־געזעצען פון דער בעשריבענער וועלט און געזעלשאַפטליכקייט.

מענדעלע איז דערפאַר דער גרויסער קינסטלער און אייבערדיכטער פון אונזער עבר געוואָרען, ווייל ער איז אויס־

שליעסלעך און נאָר אַ נאַציאָנאַלער שעפער געווען, און מהאי־טעמא טאַקע איז ער אונז אַזאַ נאָהנטער און אין דער זעלבער צייט אַזאַ ווייטער, אַזאַ בלוט־אייגענער און אַ פרעמדער. ביים קרעפטיגען לעבען נאָך, בעת פון זיין פען האָבען נאָך שעהנסטע שאַפונגס־זאַפטען גערונען — האָבען מיר דאָך איהם שוין פאַר אַ זיידען געקרוינט, איהם זיין זיידישען כבוד אָבגעגעבען. אין דער ליטעראַטור האָבען מיר איהם אַ בעזונדער אויבער־שטיבעל אויסגעבויט און אַמאָל נאָר מיט'ן גרעסטען יראת־הכבוד זיך צוגעהערט, ווי ער האָט דאָרט מיט זיינע פאַרמעטן געשאַרכט, פונאַנדערגעוויקעלט די געשיכטליכע כשרע יריעות און אַ גאַנצע כתיבישע וועלט אין זיי געפּערלט.

און מיר — מיר גופא האָבען שוין לאַנג יענע וועלט פערלאָזען, פון דעם זיידענס שטוב אויף תמיד אויסגעוואַנדעלט, מיט שלום־עליכמ'ען איבער שטעדט און גרויסע שטעדט געירידעוועט, מיט פרצ'ן אַלט־נייע געטער געזוכט און מיט די יונגע, די קרעפטיגע, די נייע יודיש־מענשליכע געזעלשאַפטליכקייט געבויט. און צופרידען זענען מיר געווען, וואָס דער לעבעדיגער זיידע האָט אונז אויפן וועג נישט פערהאַלטען, נישט געשטערט אונז שוין אַפילו פון זיין ווייטען עבר — אַזאַ ווייטער איז ער, און פון דער ווייטענס אַ ליעבליכער, אַ בילדעריש־ליעבליכער, ווי די ווייטקייט....

---

וואָרום אָט אַזוי שטעהט ער, דער זיידע מענדעלע, מיט'ן פנים אין גאַנצען צום עבר. די שאַפונגס־פערספעקטיווען פון מענדעלע'ס ווערק, יענע שטראַהלענדיגע ווייטען, וואָס אַנטפּלעקען זיך בכלל פון יעדער אויפגעעפענטער קינסטלערישער טהיר אין לעבען — ציהען זיך ביי מענדעלע'ן נישט צום צוקונפט, צו די קומענדיגע דורות, נאָר צו דער פערגאַנגענהייט, צום היסטאָריש־אָבגעלעבטען און איבערגעלעבטען. נישט וואוהין זיי געהען, די טיפען, ווייס מענדעלע, נאָר פון וואַנען זיי קומען. שוין שלום־עליכמ'ס יודען און מכל־שכן פרצ'עס גוטע־יודען,





טרעטען אין דער ברייטער אַרומיגער וועלט אַריין. די ערשטע פאָהרען ממש פון שטעדטעל אין שטאָדט, פון שטאָדט אין גרויסער שטאָדט, און די צווייטע בינדען זיך מיט דער גרויסער פרעמדער וועלט אידעאָלאָגיש דורך פרצ'עס רוחניות'דיגען פאַנטעאיזם. אָבער מענדעלע'ס „יודעלעך" — ס'איז אַ כאַראַקטעריסטיש מענדעלע־וואָרט — „ליגען אין גלופּסק מיט אַלע זייערע אברים און חושים, געדאַנקען און איבערלעבונגען, ווי „אַ וואָרים אין כריין", און מענדעלע'ס רייזענדער אַפילו, דער טעטעריוקער „ר' בנימין", מאַכט זיין בעריהמטע נסיעה אויף צוריק אין דער טיעפעניש פונ'ם יודישען מיטעל־אַלטער אַריין, צו די רויטע יודעלעך.

„קאָמפּאַניעס קומען, קאָמפּאַניעס געהען, און קאַבצאַנסק און גלופּסק וועלען בלייבען אייביג" — בעת ס'איז נישט דער „אני מאַמין" פונ'ם מחבר גופא, איז דאָס דער לעבענס־אמת פון זיינע פאַרשוינען, די גרונד־הנחה פון זייער אויסקומעניש, איינע פון די הויפּט־עיקרים פון זייער געדאַנקען־גאַנג.

און פון אָט די דורות, וואָס האָבען אויפ'ן „אין כל חדש תחת השמש" זייער וועלט־אָנשויאונג געבויט, האָט מענדעלע זיין קינסטלערישע שפע בעקומען, — פון די דורות, פאַר וועמען דער מאַרק און די באָד זענען אַזעלכע נצחיות, ווי די שול און די תורה געווען, פון יענע מיטעל־עלטערישע ירושה־יודען, וואָס האָבען אַלע גלייך, אָהן חילוק פון עלטער און גראַד, געשפּייזט זיך פון ירושה־געדאַנקען און ירושה־ביכער, פון פערעלטערטע און פערגליווערטע ירושה־געפיהלען און ירושה־איבערלעבונגען — אָט פון זיי האָט מענדעלע אונז גאונ'יש־בולט'ע קינסטלערישע דאָקומענטען בעשאַפען, אָבער נאָר דאָקומענטען, ווייל פאַר פלאַסטישע פיגורען, פאַר מענשען־סימבאָלען זענען זיינע טיפען צו פערקיילעכיגט, ארנאמענטאַליש פערגאַנצט און פערענדיגט.

מענדעלע'ס יחיד קוקט דאָך נישט אַריבער זיין דור, זיינע פערהאַנגען און השגות זענען אין גאַנצען צוזאַמען־געוואַקסען מיט זיין צייט און סביבה. ער איז נאָר אַ רינגעלע אינ'ם גרוי-

סען קייט, אָדער, ווי מענדעלע, האָט זיך גופא אויסגעטייטשט: „אַ פאָדים אַריינגעוועבט אין דער מאַטעריע, וואָס רופט זיך יוד". און אין מענדעלע'ס אַרומגעטאָקטע נאַציאָנאַל-פעראַלגעמיינטע טיפען פעהלט דעריבער דאָס יחיד'יש-ליידענשאַפטליכע, און איך אפשר טראַגישע, אָט דאָס איראַציאָנאַלע, טיעף נשמה'דיגע און מענשלעך-סודות'דיגע, וואָס ס'ברענגען אַריין אין דער אייביגקייט די פלאַסטישע געשטאַלטען — העלדען פון אַלע אַנדערע קלאַסישע מייסטער-ווערק. און אויך דעריבער טאַקי איז מענדעלע אָפט רחמנות'דיג סענטימענטאַל, אָנשטאָט צו זיין ליריש, און אָנשטאָט צו זיין דראַמאַטיש, איז ער מעשה'דיג... ער מוז דאָך, דער מחבר, זיין בעשרייבעריש און עפיזאָדיש דאָרטען, וואו די גאַנצע האַנדלונג, געשעהענישען און איבערלעבונגען שטאַמען און ענטוויקלען זיך פון דער אויסערער אַרומיגקייט, און נישט פון די פערזענליכע טיעף-אינעווייניגסטע אייגענשאַפטען פון די טיפען.

יאָ, מענדעלע איז נישט געקומען געבען אונז דאָס פערזענליכע, נישט דעם פרט מאָהלט ער אונז, נאָר דעם כלל, די פאָדים, אָדער ריכטיגער, די פעדים פון דער מאַטעריע, וואָס רופט זיך יוד. און פון דער מאַטעריע האָט מענדעלע אונז דער ערשטער דאָס אינערליכע, מאָלעקולאַרע לעבען געוויזען. דורך זיין נאַציאָנאַל-קינסטלערישער שפאַקטיוו האָט ער געזעהען דאָס, וואָס מיר וועלען אָהן איהם מער, אפשר, נישט זעהן — די אינעווייניגסטע וועבעכץ פונ'ם פאָלקס-אָרגאַניזם, די בלינדע קעמערלעך, יענע אונפערזענליכע אָרגאַנישע חלקים, וואָס האָבען אין משך פון דורות זיך בעהעפט, צוזאַמענגעוואַקסען אין דעם יודישען פאָלקס-קערפער, די יודישע אונזעריגע נאַציע בעשאַפען.

פישקע דער קרומער, הערשעלע פונ'ם ווינשפינגערל, שלמה ר' חיימ'ס דערהויבט בנימין השלישי — דאָס זענען מאָזאאישע פיגורען, קאָלעקטיווע מאָנומענטען, בולט'ע, אָפענע און קלאָרע געשיכטליכע דענקמאָלער, וואָס פאָדערען נישט קיין שום בעזונדערע אויפשריפטען און פרושים. און קומט עמיץ אויסטייטשען זייערע פערזענליך-מענשליכע חסרונות און מעלות,





פערמינדערט ער בעצם זייער קינסטלערישען ווערט, ווי מענדעלע גופא, בעת ער האָט פקח'יש געוואָלט אין פראָצעס פון שאַפען זיין בעשריבען וועלטעל אָב/שאַצען — מענדעלע דער השכלה-מענש, מענדעלע פון די צו אָפטע דריי פינטעלעך און פון דעם „נישט דאָס בין איך אויסען"...

און בחוש זעהען מיר דאָך, אַז דאָרטען, וואו מענדעלע'ס יחידים האָבען פונ'ם איינגעפונדעוועטען נאַציאָנאַלען באָדען עוקר געווען, די רגע, ווי זיי האָבען זייער אַלטע כנסת-ישראל-וועלט פערלאָזען, אָבגעגעבען זיך דער כלומרשט'ער מרידה פאַר דאָס פערזענליכע און וועלטליכע — האָט מענדעלע, דער קינסטלער שוין אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט. און נישט נאָר אין וועקער'ן, אַלעקסאַנדער'ן, און אין די אַלע געשטאַלטען פונ'ם נייעם שניט האָט זיך מענדעלע קינסטלעריש טועה געווען, נאָר אַפילו הערשעלע'ן, דעם יודיש-פערוואָרצעלטען פאָלקס-קינד, האָט ער דאָך צו אַ השכלה'דיגען תכלית געבראַכט. דער העלד פונ'ם ווינשפינגערל איז לסוף אין אַ אויסלענדישען גביר מגולגל געוואָרען, און צוריק אין שטעדטעל איז שוין נישט דער פאָלקסטימליכער הערשעלע, נאָר אַ השכלה'דיגער העגריך קאהאַן געקומען.

אָט אַזוי איז מענדעלע'ס קינסטלערישע גבורה בעשטאַנען נאָר אין מאָלען דאָס, וואָס איז שוין לגמרי מיט אַלעמען אַריינגעוואַקסען אינ'ם אויסקומעניש, פערוואַקסען מיט אַרט-לעבען און שטייגער. דאָ האָט ער געפונען געשליפטע בולטע וואָרט אין בילד, שאַרף געפיילטע דויערענדיגע כאַראַקטעריסטיק פאַר די צייטווייליגע, דווקא ריין אויסערליכע סימנים פון יודישען לעבען. דאָ זענען די דעמאָלדיגע יודישע קבצנות און דער לופט-האַנדעל דערוואַקסען ביז צו דער כמעט סימבאָלישער מענדעלע-טאָרבע און מענדעלע-ירידיווען. אונטער מענדעלע'ס פען האָבען אַזוי ווי געגליווערט, סקולפטאַריש זיך פערהאַרטעוועט יודישע לעבענס-שטריכען, תנועות און העויות — דער גאַנצער מאַרק-שוים, די פסולת פונ'ם שטעדטעלשען אויסקומעניש — וואָס זענען ביים מחבר פון „פישקע דעם קרומען" ווי

צוגעזאטען צום פאָלקס קערפּער, געוואָרען, כלומרשט, דער עצם מהות פונ׳ם יודישען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער...

און אפשר איז שוין מענדעלע גאָר נישט שולדיג, וואָס די געשיכטע פון יענעם דור, די מענדעלע־תקופה איז איהם הינטערען פלייצע געשטאַנען און פון אונטער זיין פען די אַלע שטריכען און טיפען דורשטיג געשלונגען; זי האָט זיך שוין דאָך געקליבען אין וועג אַריין, די מענדעלע־תקופה האָט בעדאַרפט אָט־אָט אין דער פערגאַנגענהייט, אין „עולם השכחה" אויף תמיד פערשווינדען, האָט זי דאָס אַ·לבוט׳ע מיט מענדעלע׳ן צוזאַמען פון שטיקער פראָטאָקאָלירטע געשיכטע קינסטלערישע דאָקומענטען געשאַפען. והראיה: אָט האָט זיך מענדעלע, נישט נאָר מענדעלע מוכר־ספרים מיט׳ן פערד און וועגעלע, נאָר אויך מענדעלע דער שרייבער, דער פערקניפּעלטער משכיל פונ׳ם „ויתרוצצו" — אָט האָט ער זיך גופא ביים לעבען נאָך אין אַ גאונ׳יש געשיכטליכען און אויך קינסטלערישען דאָקומענט פערוואַנדעלט, און דאָס איז שוין געוויס איינע פון מענדעלע׳ס דערגרייכונגען, פאַר אונז, פאַר׳ן ווייטערדיגען גורל פון אונזער ליטעראַטור — אפשר די העכסטע.

---

און נאָך מיט איינער אַ דערגרייכונג איז דער זיידע מענדעלע צו אונז געקומען און אינ׳ם זיידישען ירושה־אוצר אויך אויף אייביג עס אַוועקגעלעגט. דאָס איז דער מענדעלע־סטיל, שפּראַך, פאָרם און אַרכיטעקטאניק, דאָס גאַנצע, וואָס איז אין אונזער ליטעראַטור שוין געקרוינט מיט׳ן נאָמען, — דער מענדעלע־נוסח.

„דער סטיל איז דער מענש". אַזוי האָט מען געפּסקנ׳ט ביי די אומות העולם. מענדעלע׳ס סטיל איז אָבער, ווי אַלץ ביי איהם, — די עפּאָכע. דאָס האָט נאָך אַמאָל די מענדעלע־תקופה איהם געגעבען דעם „ספור המעשה", דעם „מעשה בתוך מעשה" פונ׳ם אַלטען יודישען דערצעהלער. דאָס האָט זי אויך געשליפען און געפּיילט, געטאָקט און געצירט יעדעס וואָרט פון





זיין שפּראַך, ווי אויך יעדען אות פון זיינע געפּערלטע כתב־יד׳ן. מענדעלע גופא דערצעהלט אונז מכוח דעם רבי׳ן „ר׳ יוסף אַברהמ׳ס", וואָס האָט זיך פערנומען מיט מאלעריי און שניידע־ריי, מיט יענעם „מעשה חושב" פון הונדערטער יודישע מושלמים, וואָס האָבען מיט ליעבליכער התמדה אין די לאַנגע ווינטער־נעכט די פערשיעדענע מזרח׳ס און יהי־רצונ׳ס, פּנקסים און ארון קודש׳עס געשניצט און געמאָהלט. און אויך דאָ האָט מענדעלע אויפ׳ן גאונ׳ישן אופן יענע דורות׳דיגע השלמה־ענערגיע אין טאַלאַנט פערוואַנדעלט, פון דער אַלטער יודישער „בצלל־אַרבעט" האָט ער זיינע קונסט־כוחות געשעפּט, די אָדערדיגע מוסקולען פון דער יודישער שפּראַך געשמידט, די יודישע גאטיק, מעגליך, געשאַפען.

יאָ, מענדעלע איז דער גאטיקער, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגען, פון דער יודישער ליטעראַטור. זיינע ווערק פערמאָגען די מאָנומענטאַלע רחבות פון די גאָטישע בנינים, פון יענע מיטעלאַלטערישע וואוקסיגע געביידעס, וואָס בעשטעהען בעצם פון בעזונדערע אויסגעטאָקטע גלידער, פון דער ברייטער און רייכער האַנד פונאַנדערגעוואָרפענע פלאַסטישע פרטים מיט ריין אויסערליכע בעפּוצונגען און קנעטערייען.

מענדעלע׳ס אַ ספר — ס׳איז אַ פערפלייצעניש פון סקולפּטאָרישע איינצעלהייטען לאחדים־טעמעס, וואו ס׳ווערען דערצעהלעריש אויסגענוצט פערשיעדענע געלעגענהייטען, בכדי צו פערגרעסערען דעם מעשה׳דיגען גוף הענין, געבען וואָס מעהר בילדער, וואָס מעהר מאַלערייען. „איך נעהם פון רענצעלע מיינעם אין ביידעל אַרויס אַ בליי־פען — דערצעהלט אונז אַלטער יכנה"ז אין „פישקע דעם קרומען" — רייס אָב פון אַ סידור דאָס אויבערשטע בלעטעל, שפּאַר מיך צו, צו דער קעלניע און שרייב די „דאָזיגע ווערטער". און די „דאָזיגע ווערטער", דער אויף דער גיך אָנגעוואָרפענער בריף צו „הצנועה מרת חיה טריינע", פערנעמען אַ סך־הכל פון גאַנצע צוויי געדרוקטע עמודים...

אָט אַזוי זענען דעם זיידענ׳ס ווערק בעצם נאָר „חבורים",

צונויפגעשטעלטע פון איינצעלנע עפּיזאָדען, מעכאַניש בעהעפטע, ווי אין „פּישקע דעם קרומען", און אָפטמאָל מעכאַניש פערענדיגטע, ווי אין „ווינשפינגערל". נישט אומזיסט האָט דער זיידע ליב געהאַט אַפילו זיינע גאָר קליינע עפּיזאָדישע דערצעהלונגען אָנרופען מיט גאָר גרויסע בעדייטענדיגע נעמען, געבען זיי גוזמא-קעפּלעך, ווי למשל: „די ענטדעקונג פון וואָלין", „ספר הבהמות", „ספר הגלגולים", „אין אַ שטורם צייט", תמיד פערמאַסטען זיך, אפּנים, אויף גרויסע לייווענטען. ער האָט אפשר לכתחילה אַ קינסטלערישע כּונה געהאַט שרייבען גרויסע ווערק, וואָרום ס'איז אַ בעוואוסטע זאַך, אַז מענדעלע'ס גרעסערע ספרים זענען געוואַקסען ביי איהם פון מאָל צו מאָל, צוגעקומען אין כּמות אַפילו פון אויסגאַבע צו אויסגאַבע, — אַ זאַך, וואָס איז לחלוטין אונמעגליך פאַר'ן מאָדערנעם פּסיכאָלאָגישען ראָמאַן, וואו יעדע בעוועגונג דאַרף זיין אַפריער אויסגעחשבונ'ט, ווי אַ גאַנג אויפ'ן שאַכמאַט-ברעט, און דאָס בוך, אין גאַנצען גענומען, מוז זיין „אַ מאנאליט", אַ לעבעדיג בעשעפעניש מיט אָרגאַניש צוזאַמענגעוואָקסענע פּלאַסטישע גלידער, נישט מוסיף צו זיין און נישט מינדערען.

מענדעלע האָט אָבער גרויסע פונאַנדערגעוואָרפענע לייווענטען געהאנגען, און בערעכטיגט האָט ער זיי מיט דער מיט, וואָס ער האָט אויף זיי פּרט נאָך פּרט, גליד נאָך גליד דאָס לעבען פון דורות געמאָלט. ער ווייסט, דער קלוגער זיידע, „אַז אַ יוד שפּרינגט קדוש, ענטפערען איהם די יודעלעך פון אַלע שטעדטלעך: קדוש, קדוש, קדוש"- אַזוי גאונ'יש האָט ער אַליין כאַראַקטעריזירט די רחבות'דיגע פערגליווערטע איינאַרטיגקייט פון אַ לעבען, וואו דער עיקר זענען געוואָרען די איבערלעבונגען פונ'ם כּלל, די תנועות און בעוועגונגען, וואָס זענען טויזענדער מאָל געווען איבערגעחזר'ט און גע'כּיפּל'ט, און אין אָט אָ די איבערגעחזר'טע און גע'כּיפּל'טע איבערלעבונגען איז מענדעלע'ס קראַפט געלעגען, פון זיי האָט ער זיין גרויסען גאָטישען בנין אויפגעשטעלט, ווייל אין זיי איז דאָך, מעגליך, די נשמה פון דעם אומה דעמאָלט געווען בעהאַלטען.





און שפּאַצירען מיר אין מענדעלע'ס „סטאַלאַקטיטען-הייל" צווישען די וואוקסיגע זיילען פון מענדעלע'ס שאַפען, ווייסען מיר, אַז מיר וועלען דאָ אַל'ן בעגעגענען, „יודען און יודעלעך, בעל-הבתים, קבצנים, דעם מדבר, ווי דעם בעל-חי, דעם דומם, ווי דעם צומח", וואָרום אָט אַזאַ איז ער, מענדעלע'ס שאַפונגס-היקף, ער נעהמט אַרום אַ נאַציאָנאַלע תקופה מיט אַלע איהרע לעבעדיגע בעשעפענישען און מיט איהר גאַנצען סקאַרב: די מענשען, ווי די כּלי-בית, די בעלי-טאַקסע, מיט די באָד-לייט, די יודישע קליאַטשע מיט'ן תוספות-יום-טוב קעלבעל, דעם פעריודישטען וואַלד און פעלד און די סאראקע אין תּכלית...

דער זיידע מענדעלע — ס'איז דער גאָטישער „מבוא" פון אַ תקופה, דער אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג, דער אָנהויב און דער סוף.

1919

ח. טשעמערינסקי

# יודישע גראמאטיק ביי מענדעלע'ן

מענדעלע'ס שפראך איז פאלקסטימלעך. דעם כלל ווייסען אלע. וויכטיג זענען אבער די פרטים, וועלכע דארפען אונז דיענען פאר א מוסטער ביים שרייבען און ריידען. (און מענדעלע'ס ארט שרייבען איז אומגעהויער רייך אין אזעלכע מוסטערהאפטע פרטים, וואס קאנען געבען גענוג "שטאף אויף גאנצע ספרים מיט גרינדלעכע גראמאטיקאלישע און סטיליסטישע חקירות. אז אונז וועט באשערט זיין אמאל האבען א רעכטע גראמאטיק, וועט זי זיין פערפלייצט מיט טויזענדער מוסטערביישפילען, גענומען פון מענדעלע'ס ווערק. דערווייל אבער האבען מיר קיין געשריבענע גראמאטיק ניט, ממילא פעלט נאך די טערמינאלאגיע. אהן א טערמינאלאגיע ווידער קומט אויס זעהר שווער צו פארמולירען די גראמאטיקאלישע כללים, וואס מיר געפינען אין מענדעלע'ם שרייבען. מיר וועלען דעריבער מוזען מער מאריך זיין און בעווייזען יעדע אייגענטימליכקייט זיינע מיט איינִיגע ביישפילען.

נאר פריהער—א קורצע הקדמה:

דאס ווארט „פאלקסטימליך" האט, אייגענטליך צוויי טייטשן.

ערשטענס, הייסט עס: לייכט, פּאָפּולער, פֿערשטענדליך פֿאַרן פּשוט׳ן עולם, וואָס קאָן נישט תּופס זיין קיין צופֿיעל געקינסטעלטע, ליטעראַרישע שפּראַך, מיט איהרע פֿערוויקעלטע, צונויפֿגעזעצטע הויפּט־זאַצען און בײ־זאַצען און ווערטער, פֿער־ענדערט אין פֿערשיעדענע גראַמאַטיקאַלישע בייגונגען און בײ־גונגען. צווייטענס, מוז אַפילו די ליטעראַרישע שפּראַך זיין „פֿאָלקסטימליך" אין איהרע פֿאָרמען און צוזאַמענשטעלען פֿון ווערטער, דאָס הייסט, אַז די פּראָזע דאַרף געבויט ווערען אינ׳ם גייסט פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך.

אין אונזער נייער ליטעראַטור, בעזונדערס אין דער פּרע־סע, בעגעגענען מיר אָפט אַזאַ פֿאָרם ווי, למשל, „די געשרי־בענע פֿון מענדעלעס ווערק". דאָס איז אַ רוסישער נוסח, אַ רוסיציזם, פֿרעמד דעם גייסט פֿון יודישער שפּראַך. ליטעראַ־ריש ריכטיגער וועט זיין: „די פֿון מענדעלען געשריבענע ווערק", אָדער — נאָך ריכטיגער — „די ווערק, געשריבען פֿון מענדעלע׳ן". ריין פֿאָלקסטימליך אָבער איז פּשוט: „די ווערק, וואָס מענדעלע האָט געשריבען".

מענדעלע אַליין האָט זיך ווי וויט מעגליך געהאַלטען אָן לעצטען, עכט־פֿאָלקסטימליכען, פּשוט׳ן נוסח. נישט שטענדיג אָבער איז עס מעגליך. אַמאָל איז אַזאַ איינפֿאַכקייט צו־שווער־פֿעליק, האַמעטנע און לאָזט זיך נישט בינדען אין אַן אָבגע־טאָקטער, שיין־אָבגערונדעטער פּראָזע. האָט ער געשריבען לי־טעראַריש און דערביי געבליבען געטריי דעם גייסט פֿון יודי־שער שפּראַך, און אויסערדעם צונויפֿגעשטעלט די פּראָזע אַזוי, זי זאָל זיין פֿערשטענדליך פֿאַר יעדערען, ס׳הייסט פּאָפּולער.

אַזאַ קלאָרע פֿערשטענדליכקייט גיט זיך איין בעזונדערס שווער אין יודיש. אַנדערע שפּראַכען האָבען שוין אַ געשריבע־נע גראַמאַטיק, וואָס ווערט געלערענט אין פֿאָלקס־שול. דער שילער טראָגט פֿון דאָרט אַרויס פֿערשיעדענע שפּראַך־פֿאָרמען, סיסטעמאַטיזירט און איינגע׳חזר׳ט אין זכּרון. בעגעגענט ער די פֿאָרמען אין לעזען, איז ער באַלד תּופֿס זייער ריכטיגע בע־דייטונג און געוואוינט זיך אַליין צו, אַזוי ליטעראַריש זיך





אויסצודריקען. אַנדערש איז אין יודיש: אונזערע לעזער ווייסען נישט מעהר ווי די פּראַקטיק פֿון געוועהנליכען רעדען. דאָס לעזען ווידער דיענט, על פּי רוב, צו... פֿערדאַרבען זייער שפּראַך, ווייל דאָס רוב יונגע שריפֿטשטעלער אונזערע האָבען שוין אַליין פֿערלוירען דעם געזונטען שפּראַך־אינסטינקט און בענוצען זיך מיט פֿרעמד־שפּראַכיגע פֿאָרמען אין אַ שלעכטער בוכשטעבליכער יודישער איבערזעצונג.

— —

אינ׳ם ביישפּיעל, וואָס מיר האָבען אָנגעוויזען — „די גע־שריבענע פֿון ר׳ מענדעלע׳ן ווערק", איז דאָס גופֿא אַ רוסיציזם, וואָס דער סוביעקט פֿון בײ־זאַץ, דער ענין פֿון וועלכען מ׳רעדט איז נישט די ווירקענדע פּערזאָן אין אַקטיווער פֿאָרם — ר׳ מענדעלע, וואָס האָט געשריבען, — נאָר דער געגענשטאַנד, אויף וועלכען די ווירקונג איז געפֿאַלען, דער אָביעקט אין פּאַסיווער פֿאָרם, די געשריבענע ווערק. דאָס פֿאָלקסטימליכע יודיש קאָן נישט ליידען אַזאַ פּאַסיווען פּראַזען־בוי, סיידען אין זעלטענע אויסנאַהמס־פֿאַלען.

נאָך אַ רוסיציזם ווערט ביי אונז מיסברויכט און אָפֿט בענוצט: אַבסטראַקטע זאַך־ווערטער. ווען זיי נעמען זיך פֿון אַנדערע זאַך־ווערטער אָדער קוואַליטעט־ווערטער, איז עס צו דערליידען: חכמה, גוטסקייט, פֿריינדשאַפֿט, אָבער נישט זאַך־ווערטער, אַבסטראַהירט פֿון צייט־ווערטער. למשל, די פֿערשפּע־טיגונג פֿון צוג, די עפֿענונג פֿון פּאַרלאַמענט. אין איינפֿאַכע פּראָזע קאָן מען עס נאָך געברויכען, אָבער אין צוזאַמענהאַנג מאַכט זיך עס פֿיעל שוועריגקייטען. בעזונדערס צוויי אַזעלכע אַב־סטראַקטע זאַך־ווערטער אין איין פּראָזע, למשל, אַ פּראָזע פֿון צייטונגס־כראָניק: „די פֿאָדערונג פֿון דער אָפּאָזיציע פֿון דער אָפּשאַפֿונג פֿון תּחום", אָנשטאָט צו זאָגען פּשוט: „דאָס, וואָס די אָפּאָזיציע האָט געפֿאָדערט, מ׳זאָל אָבשאַפֿען דעם תּחום".

זעהר נישט פֿאָרזיכטיג איז מען ביי אונז מיט׳ן געברויך פֿון פּאַרטיציפּען: „זעהענדיג, געהענדיג, נעמענדיג אין בע־טראַכט" א. אַ. וו. בעזונדערס שווער איז זיך אויסצודרעהען

אין אַ פּאַרטיציפּ פון אַ פּאַסיווען אָדער געגענזייטיגען צייט־וואָרט מיט׳ן צוזאַץ „זיך״, למשל — פאָרשטעלענדיג זיך און אַז. וו.

די בייגונג פון זאַך און קוואַליטעט־נעמען איז זעהר נישט פאָלקאָם. בעזונדערס — אין פערזאָן-ווערטער: „איהסוו״ ווערט בענוצט ווי אין דאַטיוו (געב־פאַל), אי אין אַקוזאַטיף (ציל־פאַל): „איהם זעהען און איהם געבען״. מיט׳ן מיטעל־געשלעכט איז נאָך ערגער.

ווי אַזוי מענדעלע מיידט אויס אַזעלכע שוועריגקייטען, ווען מיר זעהען פון די פאָלגענדע מוסטער־ביישפּילען:

פאַרבינדונג פון הויפּט־זאַץ מיט׳ן ביי־זאַץ.

דער לאַנטוק, מיט וועלכען דאָס ביידעל איז איבערגעדעקט; דאָס דיקע ציבעכל, פון וועלכעס דאָס דינע מונדשטיקעל איז; אַנ׳אַרבעטער, אַ דאַרער, וואָס ער האָט זיינע יונגע יאָה-רען; די קעכינס, וואָס האָבען געהאַט אַ מגו׳ מיך צו לאָזען הונגערען און וואָס דאָס האָבען זיי אָפּט טאַקע געטון; ליידען צרות ווי אַמאָל, וואָס אַז איך דערמאָהן זיך, ציטערט; איך, וואָס אין אייער געזעלשאַפט איז מיר; נמאס ווערענדיג מיט די גאַנצע מעשה, בלייבט ביי זיי; דאָס פערדעל, נמאס ווע-רענדיג איהם צו שטעהן, גאָרנישט צו טהון, איז זיך מישב; אַפּנים בשעת נעמענדיג זיך צום פלעשעל, האָב איך; דאָס וואָס איינצופיהרען עס דאַכט זיך אַצינד גוט; שווייג איך, מיר גאָר-נישט דערום צו מאַכען; ער גייט איין, נישט צו מאַכען קיין פּירוש; פערהאַקט זיך די אַקס אין אַ רעדעל, אומצוּוואַרפען עס; די וועלדער שטעהען שטיל, קיין שאָקל זיך נישט צו טון; עס האָט אַ סך פּירושים, וואָס פאַר אייך קיין משא ומתן; איינער פון די נגידים, וואָס מיט אַ פערקרימטע צורה; פרעגען די נגידים, כלומרשט פערשטעהען זיי נישט (אָנשטאָט: „נישט פערשטעהענדיג״); צו אַ שטוב, וואָס אָיפען טירעל אין הויף אַריין איז געהאָנגען; בעקעס אַלטער, אַ קראַץ געבענדיג זיך אין דער פּאה, אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ זיפץ (פעהלט, „טהוענדיג״); נעבען מיין ביידעל בעהאָנגען (פעהלט „וואָס איז״) אַ





וואָס פלעגט דורך דעם שטרויענעם דאַך, צושיטעט ווי אַ רע־שעטע אַהין אַריינקאַפּען; נעבען אַנ׳אַלטער, האַלב פערדאַרטער ווערבע, איבערגעשפּאָלטען אויף דער העלפט, שטעהען; זאָל אָנשפּאַרען אין אַזעלכע ערטער, וואו גרויסע האָבען אַהין נישט בעקאָנט צוקומען (אָנשטאָט „וואוהין״); זומער פאַר אַ יאָהר, וואָס די היצען זענען דעמאָלט געווען גרויס; בענויטיקט זיך אין רעצעפּט, וואָס זעהר מעגליך אַז דרינען; שוין נישט זאָ־גען, פאַרוואָס קומט עס זיי, פרעג איך; אָנשטאָט מ׳זאָל זאָגען; אַנ׳אַלטער דאָרפסהונד (פעהלט „וואָס״) לעבט פון קצבה, מיט אַ קאָלטון, צאָמבלענדיג זיך איהם אויפן עק, שאַרט זיך; ביים ערגסטען חזן, וואָס גלוסט זיך ברעכען; אַנ׳אות, וואָס דעם יענעם דאַכט זיך איבעריג; נישט לאַנג שיהות געמאַכט, קרי־כען מיר; הויבט פּישקע אָן אויף זיין לשון, וואָס אויסגעבע־סערט מיט מיין הילף מאַכט עס.

---

קצור. פון די אויבענגעבראַכטע ביישפּיעלען זעהען מיר, אַז מענדעלע פערפעהלט אַמאָל אַ וועלכס הילפס-וואָרט פון קצור ווענען. אַזעלכע בקצור־פאָרמען געפינען מיר ביי איהם זעהר אָפּט. למשל: אָנגענומען, זיי דיגען, גרינגער אויסצולער־נען די שפּראַך; צערעכענט געווען אַ מצוה, אַלע קלעפּ מיר צו צולאָזען; געזאָגט, ער נעמט מיך צו; יענעם שטעדטעלס חזנות; מיט אַ פול האַרץ מחשבות; דאָס אויפשטעהן אַ געפּאַ־לענעם אין וואַלד איז נישט מאוס; שווייגענדיג ווי אַ שעפּעלע ביים בעשוירען עס. אַ מענש זאָל נישט געדענקען, וואָס מיט אים אַמאָל.

פעלערהאַפטע פראַזען פון קצור .ווענען. די ליעבשאַפט צו קצור ברענגט מענדעלען זעהר אָפּט צו אַ פאַלשען פראַזען־בוי. אַזעלכע ביישפּיעלען געפינען מיר אין זיינע ווערק מאַ־סענווייז, אַזוי אַז דאָס זענען נישט קיין צופעליגע טעותים, נור אַ סיסטעם. ביי אַנ׳אַנדערען וואָלט עס געהייסען פּשוט עם-הארצות, מענדעלען אָבער מוז מען גלויבען, אַז מ׳מעג זיך עס

ערלויבען. די פעלער קומען פאָר אויף צוויייערליי אופנים: ענטוועדער עס פעהלט דער סוביעקט, ווען עס דאַרף זיך אויס־דריקען אין אַ פראָנאָם (פערזאָן־נאָמען). בעזונדערס — „איך". אַ שטיקל ראיה לדבר, אַז מ׳מעג עס, האָבען מיר אין וואָהלינגער אַרט שרייבען. אַ פשוט׳ער דרום-יוד שרייבט אין אַ בריוועל: בעט איך, האָב געהערט, דורכלאָזענדיג דעם „איך".

דער צווייטער מין פעלער בעשטעהט דערין, וואָס דער פאַרטיציפ אין ביי־זאַץ בעציהט זיך נישט אויף די פערזאָן פון הויפט־זאַץ, צו וועלכער ער געהערט (נישט צום סוביעקט), נאָר צו אַנ׳אַנדערער. אויף אַזאַ פאַלשקייט האָט איר בערעכטיגונג אין... דער פראַנצויזישער שפּראַך, למשל: „דער אַפּעטיט קומט עסענדיג".

ביישפּיעלען: 1) וואו ס׳פעהלט דאָס פערזאָן־וואָרט אַלס סוביעקט אין הויפט־זאַץ (דאָס פעהלענדע שטעלען מיר אין קלאַמערן): וואַרעניקעס, פון וועלכע מ׳האָט געלעקט די פינגער און (פעהלט „זיי") ליגען אין מויל; מיר איז אַרויף אַ געדאַנק און (איך) האָב עס...; עס איז זיי גרויס אין די אויגען און (זיי) טראַכטען...; דער געדאַנק לעגט זיך מיר אויפ׳ן מוח און (איך) ווער ביי מיר שטאַרקער...; עס איז מיר אין האַלז נישט געקראָכען און (איך האָב) מיך געוואָרגען מיט דעם ביסען...; דעם רויטען קאָלנער האָט אָבגענומען דאָס לשון און (ער האָט) שוין גערעדט ווייכער...; מ׳צעשטאָפּט זיי די קישקעס אויף אַלע חתונות... און (זיי) רייסען פון טויטע; איין פלעט גע־פינט זיך ביי מיר און קען איהם איינעם פון אייך געבען.

2) פאַרטיציפּ (בכלל—צייטוואָרט אין ביי־זאַץ) נישט אויפ׳ן סוביעקט: מ׳ווינשט איהם דעם טויט, נאָך ליגענדיג אין בויך (נישט דער ווינשער ליגט אין בויך)...; גוטמאַן איז אַרויסגע־פאָהרען, נישט צו וויסען, וואו ער געפינט זיך (מיר ווייסען נישט, וואו ער געפינט זיך. גוטמאַן ווייס דאָך אָבער יאָ)...; מיין גוף ווערט שיטער, עס באָמבלען זיך אַרום איהם עפּיס חלקים מענדעלע, נישט רעכט צו פיהלען, וואו איז דאָס ריכ־טיגע פינטעלע...; אונזער לייב, שטעהענדיג אין צרות, טהוט





עס איהם אַ טראָג...

דאָס געביי פון זאַץ. אויסגעזוכט ביי זיך תמיד פאַר מיר אַרבייט (פריער אומשטענדען פון צייט, אָרט און ציל, דערנאָך —אָביעקט); צוויי וואָכען, אַז קיין רויך פון מיין קוימען איז ניט געגאַנגען (אומשטאַנד פאַר׳ן פרעדיקאַט אין אַ נעגאַטיווען זאַץ),—רופט זיך אָן מיט פערדרוס די רבי׳צין, צעשרייט זיך אויף מיר מיין ווייב; אַזוי האָט געזאָגט איסר (אַ העברעאישע פאָרם); אַ חדוש נפלא—דערצעהלט ווייטער בנימין (פרעדיקאַט—אומשטאַנד—סוביעקט, דאָס טרעפט ביי מענדעלען ניט זעהר אָפּט און איז, דוכט זיך, ניט קיין יודישלעכע פאָרם, ריכטיגער וואָלט געווען: אָביעקט באַלד נאָכ׳ן צייט-וואָרט, דערנאָך—אום-שטאַנד: „רופט זיך אָן די רבי׳צין מיט פערדרוס")...; עס האָט ניט געדויערט לאַנג, פערגינען אונז ניט אויך די דאָזיגע רפואה (דער „נישט"—וואָס נענטער צו דער עובדה, וועלכע ער פאַר-ניינט); איז דאָס בעסטע—זיך גאָר ניט וויסענדיג מאַכען...; זיי פעלען אי נעגעל, אי ציין (אָנשטאָט „עס פעלען זיי")

ווייט אין דער וועלט צו זוכען, ניט געווען איר־גלייכען
דאָס קול, דאָ הערט עס אויף, דאָ לאָזט עס זיך ווידער הערען...
איך בטל צו אים אויס חלומות, ער בטל׳ט צו מיר,
ניט אָנצוקוקען איינער דעם אַנדערנס פנים; אויף אַ צווייגעל אין דער הויך וויגט זיך א סאָראָקע, אויסזעענדיג פון דערווייטענס ווי אָנגעטהון אין אַ ווייס טלית׳ל מיט פאַסען תכלת פאָרענט און דאַוונט שאָקלענדיג זיך...

צייטווערטער אין אומבאַשטימטען מאָדוס (מקור) אָנשטאָט אַבסטראַקטע זאַכווערטער: דאָס אָבטהון אויף טערקיש און דאָס אויסדרייען זיך דערנאָך האָט מיר געמאַכט פערגעניגען...; דאָס איינשפּאַרען זיך עפּיס צו דערמאָנען און ניט קענען איז אַזאַ מין צער, וואָס צו פיהלען עס איז אימשטאַנד נור יענער וואָס...? יענער האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן סענדערלען, וואָס מחמת דעם אָפּטרעטען האָט ער אים פונקט גאָר פערשטעלט דעם וועג.

מאמר המוסגר: איך האָב, ווי אַלע יודען, ליעב געהאַט

וינגען; נאָר, ווי שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, בין איך; טהוען זיך, ווי דער שטייגער איז, אַ לאָז...

אָפּווייכונגען אין געהויבענעם טאָן לתפארת המליצה (צייט-וואָרט צום סוף זאַץ, איבער'חזר'ן): די נויט האָט מיך אויף די פיס געהאַלטען; די נויט האָט מיך אויף אַ פערד אויפגע-זעצט; ברידער אין דער פרעמד, פערוואָגעלטע ברידער.

„די טרוקענע אָן גייסט, די וואָכעדיגע אָן הייליגקייט מעטאָדעס" — די צוויי זאַך-ווערטער נאָכאַנאַנד צולעצט קלינ-גען נישט יודיש. זעלטען, ווען אַזעלכעס טרעפט ביי מענדע-לע'ן, למשל: די אויפגעהויבענע אין דער הויך האָלאָבלעס; פון אויסגעמישטע אינאיינעם (אָנשטאָט „אינאיינעם אויסגעמישטע") דינגע, גראָבע... קולות.

צוזאַמענגעזעצטע צייט-ווערטער מיט'ן טראָפ אויפ'ן צו-זאַץ, וועלכער ווערט אין געגענוואַרט אָבגעטרענט פונ'ם שטאַם-וואָרט: עפּענט די טאַבאַק-פושקע אויף; מ'צופּט מיר דאָס שטיקעל הויט אויס; שפּרינגען מיר איינער פון אַנדערען אויף עטליכע טריט אָב; האַלט זיך זינט אַ לאַנגער צייט אויף; זאַנ-גען כאַפּען זיך ווי יונגע קינדער אויף, האַלטען דעם וועלט-בעריהמטען חזן אונטער. דערפון דרינגען מיר אויס אַ כלל: צווישען שטאַם-וואָרט און צוזאַץ קאָן מען אַריינשטעלען איינס פון די ביידע: ענטוועדער דעם אָביעקט, אָדער פערשיעדענע אומשטענדען (צייט, אָרט, שטייגער, א. א. וו.). טרעפען אָבער ביידערליי אין איין זאַץ, שטעלט מען דעם אומשטאַנד פאַר'ן צוזאַץ און דעם אָביעקט — צולעצט: טהוען מיט זייערע אָקסע-נע קעפּ אויף עפּיס אַ שכל; טרייבט שבת אין שול אונטער דעם חזן; וויינען פון זיך אַרויס די נשמה.

פּאַסיווע, צוריקקערענדע און געגענזייטיגע צייטווערטער מיט „זיך": איינפאַכע: פון וואַנעט האָב איך עס פּלוצלינג דאָ מיך גענומען; האָט ער ווידער זיך צושאָקעלט; איז ווי אַ בולבע זיך צופלויגען; איך האָב אַזוי מיר געטראַכט (כלל: זיך, מיך, מיר, דיך, דיר — האַרט ביים גרונד — צייט-וואָרט, נישט ביים הילפס—צייט-וואָרט: זיין, האָבען, טהון א. א. וו.)





צוזאַמענגעזעצטע צייט-ווערטער: רייסען זיך איין יודען דאָס געזונד; האָבען מיר אַראָפּגענומען זיך אין דער זייט; דאָס משדך זיך זיין; הויבען ביי יודען ערשט זיך אָן; האָב איך אַ נעם געגעבען זיך, רופט צו מיר זיך אָן; אַ קראַץ גע-בענדיג זיך; אַ סקריפּ פון אַהין און אַהער זיך שליידערענדיג טויער; שושקען זיך מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ צווישען זיך (אין ביידע לעצטע פראַזען — אָפּווייכונגען צוליעב וואויל-קלאַנג: אין איינער פעהלט דאָס אַרטיקעל: אַן אַהין און אַהער א. א. וו. אין דער צווייטער האָט אייגענטליך געדאַרפט שטעהן שושקען זיך צווישען זיך, — קלינגט עס נישט גוט); אָננעמען תענוג פון מבטל זיך זיין, פון קיין פנים נישט האָבען (אַנב בעמערקט — אַ געלונגענע פאָרם אָנשטאָט אַבסטראַקטע זאַך-ווערטער); צורייס איך מיט מיינע חברים זיך אויף שטיקער.

---

פון די פריערדיגע ביישפּילען האָבען מיר שוין געזעהען, אַז מענדעלע היט אָב די פערזאָן ביי „זיך": איך שעם מיך, דו האַלסט דיך, ער מאַכט. אין דער ליטא בענוצט מען „זיך" אין אַלע פאַלען.

פערשיעדענע אייגענטימלעכקייטען.

אַרטיקעל: שטאָדט וויל ניט; קהל הייסט (אָהן אַרטיקעל); ניט געוועזן אַ נאַר; ניט געוועזן אַ גראָב יונגעל (אומבעשטימטער אַרטיקעל אָנ..ט „קיין"); אויף דעם טיש, איבער דעם וועג (זעלטען ווען מענדעלע בענוצט די פערקירצטע פאָרם: אויפ'ן, איבער'ן. אין דער ליטאָ בענוצט מען עס אפילו אין ווייבלע-כען געשלעכט: מיט'ן האַנד, אויפ'ן גאַס א. א. וו.( געזעהען די בלומענטעפּ און (פעהלט „דעם") מיט זייד-געשטיקטען פאָרטרעט.

צאָל: איינצאָל אָנשטאָט מערצאָל: בעדאַרף שוין פליהען פעטש; קלעפּ, וועלכע אין מיר איז אַריין; ערטערווייז איז גע-שטאַנען קאַלוזשעס; צו ווילען האָט אַהין אַריינגעקאַפּעט גרוי-סע טראָפּען רעגען; איז געשטאַנען גרויסע טראָפּען טרעהרען.

מיטעל-געשלעכט: נאָך אַן אייגענטימלעכקייט: דאָס איז ידוע,

אַז צאָל-ווערטער שטעהען שטענדיג האַרט פאַר'ן געצעלטען געגענשטאַנד; הן די אייגענטליכע צאָל-ווערטער, למשל, דריי פונט, צעהן מענשען, הן די אומבעשטימטע: אַ מחנה חיל, אַ עולם מענשען, הן מאָס, כלי: אַ פאַס וויין, אַ טאָפּ מילך. ר' מענדעלע פערברייטערט דעם דאָזיגען כלל נאָך מער: אַ פולע קאָפּ מחשבות, גאַנצע מחנות אונזערע גוטע מענשעלעך (דער גאַנצער אויפטהו אין לעצטען ביישפיל איז, וואָס צווישען „מחנות" און „מענשען" געפינט זיך אַ הפסק פון צוויי אַנדערע ווערטער: אונזערע גוטע).

ביגונג פון מיטעל-געשלעכט: מיט דעם צובראָכען פיסעל; פאַר דעם אַריינקוקען זיינס; פאַר'ן אייגען נפש'ל; דעם שכנ'ס אַ מיידל, מיט וועלכעס; מיט אַ פערביטערט געמיט, ביי יענע פויערטע; מיט אַ גרינג האַרץ; פאַרליאַפּעט אין דעם האָרבאַטע מיידעל, דאָס מענשלעך האַרץ; מיט אַן אונטערגעשלאָגען אויג; פונ'ם גאַנצען ביסעל פערמעגען אונזער'ס, אין דעם גאַנצען בענעהמען איר'ס; מיט איטליכס מאָל איבערגעקליבען זיך; פאַר דעם אַריינקומען זיינס; איך האָב זיך דערמיט (ס'הייסט מיט'ן קעלבעל) געשפּילט, דערפון (פון אים) אָנגעקוואָלען; ער, דאָס פאָלק הייסט עס. בכלל איז די ביגונג פון מיטעל-געשלעכט אַ שווערע זאַך, און מענדעלע אַליין האָט נאָך דעם רעכטען וועג נים געפונען. ער בעמיט זיך איבערהויפּט אויסצומיידען ביגונגען און לאָזט גערן דאָס וואָרט אין זיין גרונד-פאָרעם, למשל: איינעם פון די דאָזיגע לייט, שמחה'לע דער לעבעדיגער, קען איך (אַנשטאָט „דעם לעבעדיגען"); דער אָרימער מאַמע, אַ וויסטע אַלמנה מיט יתומים; מיט אַזאַ רייכע אלמנה; די שבחים פון די כנסת ישראל.

געב-פאַל, ציל-פאַל האָבען גלייכע פאָרמען כמעט אומעטום. חוץ אייניגע פערזאָן-ווערטער: איר—זי; מיר—מיך; דיר—דיך און—אויסשליסלעך אין פוילען—אים—אין. עס וואָלט אפשר כדאי געווען, דאָרט וואו נויטיג פון קלאָרקייט וועגען, בענוצען אין געב-פאַל דאָס פאָרוואָרט „צו": געבען צו אייך, זעהען אייך. אַזאַ נייעס לאָזט זיך ניט לייכט איינפיהרען. מענדעלע היט





אוודאי אָב דעם ריינעם אַלטען נוסח — קומט אַמאָל אויס זעהר ניט דייטלעך: גלייך אַנדערע דאָרט (פעלט „צו" אָדער „סיט") לויפט אים נאָך ווי אַ קו אַ קעלבל (צוויי מאָל „נאָך" וואָלט קלינגען שלעכט—בלייבט אַזוי סתם, ניט צו וויסען ווער וועמען לויפט נאָך); אונטערגעוואָרפען זיין די מיינונגען פון איטלעכען; אַ באַנק טהון, אַ בעשולדיגונג זיך אַליין.

נעם-פאַל: זייערס אַ קינד, דער מאַמעס דאָזיגער ענטפער; איינעמ'ס אַ נגיד'ס אַ טאָכטער.

פראָנאָמען, וואָס בעציען זיך אויף אומבעשטימטע בעגריפען, שטעהען אין מיטעל-געשלעכט: אַלצדינג אויף זיין אָרט.

דאָס דייטשע וואָרט „זאָלכע" בענוצט מענדעלע אויף צווייערליי אופנים, אונטערשיידענדיג, ווי אין רוסיש „טאַקיע" און „טאַקאָוויע", קומט עס אויס צוזאַמען מיט'ן בעצייכענטען געגענשטאַנד—שרייבט ער זיך „אַזעלכענע": אַזעלכענע זאַכעניש; אַזעלכענע השגות; זעלבסטשטענדיג—פאַלט אַראָב דער „נע" „גענוג הקדשים אָנגעזעהען און וויס וואָס אַזעלכע (טאַקאָוויע) באַטייטען.

זעלבסטפערשטענדלעך, אַז דאָ איז ניט אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס מען קאָן אין מענדעלע'ס ווערק געפינען.

---

צום שלוס וויל איך ברענגען נאָך אַ גאַנצע רייהע פון אויסדרוקען און ווענדונגען, וואָס ניט יעדער בענוצט זיי, נים יעדער ווייסט זיי, אויך אַ מאַסע ווערטער, וואָס בעצייכענען מאַטעריאַלען, שטאָפען, מייסטענס אויך אַלטע, האַלב-פערגעסענע. דאָס איז אויך נור אַן אויפגעכאַפּטער טייל פון אייניגע ווערק.

פאָלקסטימליכע פאָרם פון אַלגעמיין-געברויכטע ווערטער: גענויטיגט זיך (אָנשטאָט „נויטיגט"), געוויינטלעך (ניט „געוויינלעך"), שטעלט אייך פיר (ניט „פאָר").

שפינוועבס, איטליכער (זעלטען-יעדער), זיסט (אַניט), פערמישט (זעלטענער—צומישט); אגב בעמערקט: „פאַר", נישט

„פער", „אָפּ" נישט „אָב": („אָבנעמען"), מוטערפּערלען (נישט
פּערלמוטער); וואוילקענעוודיג, רירעוודיג (אין זין: לעבעדיג,
פלינק, פּיפּיק, אַקעגען־זשע „רירעוודיג" — וואָס ווירקט אויף
ס'געפיהל); באַשטענדיג אין צענטען זיך בויגען, פאַמעליכען,
בעדייטען. געשריפטס (נישט שריפט), בלייבען, וואויל־קענעוו־
דיגע, כל אמיני, עסע־בעט, געטהון מיטעל (נישט—„אָנגענומען"),
איינגעווענדעטע כל אַמיטלען (נישט—„אָנגעווענדט") „שריפטענ־
שטעלער", אויפ'ן ,פאַרהער, זיך דערקלערען (אין ליעבע),
פערבלענדט די אויגען, ס'איז געווענדעט אין דיר, פלאַטשיקער
קאָפּ, לייבצודאַק (אַרבע כנפות) „פאָרצעל".

כמעט פערגעסענע אָדער ניי־געשאַפענע ווערטער: אַלט־
פעטעריש, אַ געזעמעל קהל'ס־לייט, זיך פערוואָרפען, פער־
קעהרען (אין אַ וואָלף, אַ גלגול); שפּיץ־נאמען (אַ ליעב צונע־
מעניש: קעצלע, טייבעלע מיינס), וואָרהאַפטיג, בעפייכטען, בע־
לעגט (אַרומגעליאַמעוועט, בעברעמט); אַן אויסגעמאַכטע זאַך
(פעסט בעשטימט); זיך ווערען, פּירונגען, ליגנערען, אַן אי־
בערביינדעל (אַ זעקסטער פינגער, למשל), אַ געמאַכטער (גע־
קינסטעלטער), שטרייפעלעך (שמאָלע פּאַסען), שפּאַנישע ווענט־
לעך (אַ פאַראַוואַן), דאָס שיינדעל אין שטוב (שפּיגעלע), אַ
פליענדיגער שטערען (נישט „פאַלענדיגער"), מייערקעפעלעך
(מושעלן), אַבי אָט, אַ חולשה (שוועכע), פערטראַכטענדיגע אוי־
גען; אַ מורמעלדיג וואַסערל שפּרודעלט, רייזעלט, אָבגעבליאַקעוועט־
טע, אויסגעטריפּעלטע לעבער, טריבע, קאַרע אויגען, אַקעגן־זשע,
געוויטעט מיט אַ פאַרבייג, גייציג (נייגיריג), פערוואָרלאָזט,
אויסגעדייוועוועט, אַ וואַכטערין (ביי אַ חולה), אַלערהאַנד, אַ
פאַרשטעקט, אַ קאָרעק (פּראָבקע), זיך פערגאַנגען (וויינענדיג),
אַ רייפטל ברויט, מענישע קליידער, אַ געלויפיג צינגעל, פּיסטל־
זינגער, פלייטער, געלענקט, צוגעדעמפט מיט ציבעלע, דאָס
גאַנצע קאַפּיטעל אַזעלכע לייט (צעטעל, קאַטעגאָריע), אָפּרעכ־
טען (אָפּשפּעטען), היטען דאָס אָנטהון (מלבושים), באַנקבעטען
(געבעטע סאָפע), בעהאַרצט (מוטיג), די שטאָדט האָט זיך גע־
וויגט (גערודערט), גענעזען ווערען, חדושליך, לייכטער פער־





שטאָפּט מיט שנויצען, זיך פאַרעסען (איבערגענומען, איינגע־
שפּאַרט), געביטען (בעפעהלען), היידען, אַ סאָלדאַט מיט אייבע־
לעך (מעדאַלען), פּועל יוצא געווען, אַ האַנדשלאַג (תקיעת כף),
אַ גאָמבע (שוואָם), לינדערן, לאָבען, זיך געשווענען פאַר הונ־
גער, געשפּרענקעלט, טוקען זיך, צווויילען (טיילמאָל), אַ בעגאָ־
טישער ייד, אויסשטעלעכץ (וויאָרסטקע, סדור פון דרוק־זאַץ),
טריף־געווירץ, פערלעגען אָרט, אַ סימן בערדעל, צושטאַנד (לאַ־
גע), ציעלן זיך, האַפּט, העפטען (שטריקען), ס'לעפּל פון אויער.

גרעבערע ווערטער, וואָס קאָנען צונויף קומען אין אַל־
טעגליכען געברויך אָדער אין הומאָריסטישען טאָן: פערשמאָל־
צעוועט, קיטש, פּאָרסע, פּאָמפּע, אָבגעבאַרעט, לאַנטוך, קונ־
דייסקע, טשערעדעס (נישט סטאַדעס), בורטשעט, באָדאַי, אַרומ־
שלאָנדרעווען, קראָניקעס, ציקאַווע, העפּ (חלק) בוצקעניש, אַ
טיאָבקע, טשאַטעווען, פּאַדען, קאָשקען, קעכלען, שאַרען זיך,
מאַכען חן, מלופם־קינד, געזשאַלעוועט, לאַקאָטקעס, באַלאַמוטען,
טעלעפּעשטשען, פּאָטראַפּען, האָפּערדיג, לעפּטשיכעס, פּאָסטעמפּ־
קעס, אַ חייט אַ פּאַלגע, בעוואַרפען מיט פּאָדעם (צושטעכען,
סטריגעווען), זלידנע, צושטערכעט, געמינעט, קאַטשקע־פּוטער,
אינדיק־זוימען, סוכה־שער, סופר־בור, אַזש נו, ראַספּאָלאָשעט,
פּאַרפּוטעס, קראָפּעט, טרעסעט, גערידעוועט, מעגעגע, מאַנקאָ־
ליע, געשפּיקעוועט, עס מאַנטעט, קאָטערט, קרעמפּעלען, אויס־
געכמעלעוועט, קאַלענדרעווען, שטשיפּיליאַווע, בלינצעלט, אַ
שפּיצאַסט בערדעל, צושטעכערט די גראָלדיע, הובלעווען,
דרעלעווען, אַ האַסלע, געהערנערטע בופלאַקסען, ציבעלעס גע־
בען די שמוכט...

שטאָפּען, חפצים: אַ ראַצעמאָרענע זשופּיצע, אַ טשערקאַ־
סענע קאַפּאָטע, ברעסלער זאָקען, אַ פּליסען היטעל, אַ פעלפּענע
היטעל, פעלענע מושקעס, דרילך, קרייקעס, אַ ייפּע (פּרויען־
פּאַנטעל), אַ יערכן־בייטעלע...

אויסדרוקען און ווענדונגען:

מיין שלאָף האָט זיך אָבגעטהון, קיין אויג ניט צוגעטאָן,
איבגעבען די האָפענונג, אַ זייפען־בולבע שפּילט פאַר'ן אויג

און צושפרינגט, די צונג לייגט זיך ניט אַרויסצוזאָגען, אַ שוויס (אָדער אַנגסטען) האָט מיך באַשלאָגען, אַן אָבגערופענע מטבע, אַן אויסגעוואָרענער בעל־טאַקסע, איך פלעג דאָס קנישיקעל ניט בעקומען (פאַרגלייך „זאָל דיר וואויל באַקומען״), איך ווייס ניט זיך זוואוהין צו טהון, אָבגענומען די וועלט, זיך וואויל געטון, מ׳האָט איהם געפּאָרט (משדך געווען), אויפזועצען חברונות, רעדט אויפ׳ן גיידער, איך האַלט אין גאַנג, גלייך ווי גערעדט (ווי אייגער זאָגט), געשטעלט אויף אַ שטייגער, געווען צו מוט, ס׳האָט אים אונטערגעטראָגען, זיך פאַרטראַכט אין איר, די מהומה האָט זיך איבערגענומען, דער ברען האָט נאָכגעלאָזט. געפירט די האַנד איבער׳ן פנים, אויסמעסטען מיך מיט אַ קוק, היינט ווערט אויסגעשפּיעלט אונזער גורל, דאָס מויל דינט מיר ניט. ענטפאַלען דער מאַמעס מילך, צוגעפאַלען די נאַכט, אויסשטעהן די הוצאות, זיך פאַרשלאָגען אין וואַלד, זאַכען וואָס געהען אין דער וועלט פאָר, לאָזט זי דורך די נעכט ניט שלאָפען. טאָג ווי נאַכט, געקלעבט אין אַ גוטען ברודער. בעקומען די נאַטור, ער איז אויסען אויף זיין לעבען, זיין בליק אויף דער וועלט, מאַכען אַ נוצען, לאָז זיך זיין, געפאַלען איטלעכען אין די אויגען, געהן מיט שפּיצלעך, פאַרזעזן איהם מיט אַל־דאָס גוטס, אויפרייסען דער וועלט די אויגען, געבראָכען פון ברויט, אַריין אין שלעכטען רוף, תמיד אויסגעגעבען (געקלעקט) מאַטעריאַל, לאָזען קומען צום וואָרט, פערנומען דעם אָטעם, אַרויסנעמען זיך די אויגען איבער דער נאָדעל, זיך אויסגעמאָלט איר פנים, אַרויסברענגען דאָס שטיקעל פרנסה א. א. וו.

די אונטערשטע שורה איז—ר׳ מענדעלען דאַרף מען כסדר לייענען, חזר׳ן, לערנען, שטודירען—זיין תורה איז אָהן אַ גרונט.

1910



נחמן מייזיל

# דער מענדעלע־טורעם

איינגאַנצען עטליכע יאָהר זענען פאָראיבער זינט ער, דער ערשטער, איז פון אונז אַוועקגעגאַנגען, און עס דוכט זיך, ווי גאַנצע דורות טהיילען אונז שוין אָב פון איהם. דער מענדעלע־טורעם קוקט שוין צו אונז אַרויס פון אַ טיעפער געשיכטליכער ווייטקייט.

ווען מיר ברענגען איצט אַרויף אויפ׳ן געדאַנק דאָס וואָרט מענדעלע, ווייזט זיך אונז אויס, אַז מיר קעהרען זיך אום צו אַ ווייט־ווייטער פערגאַנגענהייט. ווען מיר בלעטערען אַדורך די בלעטער פון מענדעלע מוכר־ספרים׳ס ווערק, האָבען מיר דאָס געפיהל, ווי מיר וואָלטען געבלעטערט אין אַלט־אַלטע פאַרצייטיגע מגילות: אַזוי האָט זיך געביטען און געענדערט אונזער לעבען פאַר די יאָהרען, און אַזוי פיעל געשעהענישען־פאַסירונגען האָבען זיך איבערגעקייקעלט אין אונזערע לעבענס און געפיהלען.

אונזער ליטעראַטור האָט זיך צעוואַקסען, זי איז צעוואָרפען איצט איבער פערשיעדענע לענדער און מדינות. אומעטום וענען דאָ פיעל צייטונגען, זשורנאַלען, דיכטער און שרייבער, וואָס ס׳איז שוין שווער אַפילו צו פערגעדענקען זייערע נעמען, און פון

צווישען דעם ים ביכער, נעמען און שרייבער שטאַרט אַלץ אַרויס, קוקט אַרויס דער הויכער, וואונדערליכער מענדעלע־טורעם.

מענדעלע׳ס ליטעראַרישער אָנהויב אין י ו ד י ש איז געווען צוריק מיט פינף און זעכציג יאָהר.

נאָך אין 1863 האָט ער פערעפענטליכט זיין ערשט יודיש ווערק „דאָס קליין מענשעלע, אָדער אַ לעבענס בעשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף״. און דאַן צוערשט האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבען „מ ע נ ד ע ל ע מ ו כ ר ס פ ר י ם״, — דער נאָמען, וואָס איז שוין איצט פאַר אונז אַ פערקערפערונג פון אַ שטיק ליטעראַטור־געשיכטע.

מענדעלע אַליין דערצעהלט וועגען אָט דעם אָנהויב: „אונזערע שרייבער, די ב ע ל י ־ ה ל ש ו ן, האָבען געקוקט אויף יודיש פון אויבען אַראָב און מיט דער גרעסטער פעראַכטונג... דער געדאַנק, אַז שרייבענדיג יודיש, וועל איך מיך ערנידעריגען, האָט מיך זעהר געפלאָגט: אָבער דער חשק נוצען צו ברענגען, האָט גובר געווען די פאַלשע בושה, און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט; זאָל זיין וואָס עס וויל—איך וועל מיך אָננעמען פאַר דאָס פאַרשטויסענע יודיש און וועל נוצליך זיין מיין פאָלק״.

מענדעלע׳ס ליטעראַרישער אָנהויב שטעקט אין דער ווייטער, בטלניש־מליצה׳דיגער, אייראָפּעאיש און פאָלקסטימליך פאַלסיפיצירטער שרייבער־תקופה. עס זענען געווען ביז איהם בעסערע אָדער ערגערע פערפאַסער פון מעשה־ביכלעך, עס זענען געווען בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען איבערגעניצעוועט פון דער פרעמד־געבאָרגטע טעמעס, נעמען, פאָרמען, געשטאַלטען, סטיל און האַנדלונג. אָבער ביז איהם איז כמעט נישט געווען קיין אמת יודישע ליטעראַטור, קיין ליטעראַרישע יודישע שפּראַך, קיין יודישע קינסטלערישע פאָרמען. ביז איהם איז כמעט ווי נישט געווען קיין אייגענער ליטעראַרישער נוסח און קיין אייגענע קינסטלערישע אויפפאַסונג. מענדעלע האָט געלעגט דעם גרונדשטיין און געבויט דעם פעסטען פונדאַמענט פאַר דער נייער יודישער ליטעראַטור.

אין זיין גאַנצער ליטעראַרישער טעטיגקייט, וועלכע האָט זיך געצויגען הָעכער פופציג יאָהר, האָט מענדעלע שטענדיג





געשאַפען פאַר׳ן פאָלק און פונ׳ם פאָלק. לכתחילה, אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבייטען, האָט דער „פאַר׳ן פאָלק״ פערנומען ביי איהם דעם אויבען־אָן, דערנאָך, שפּעטער האָט אַלץ מעהר גובר געווען דאָס צווייטע, דער „פונ׳ם פאָלק״, און פערנומען אין זיין שאַפען אַלץ אַ גרעסערען און ווילכטיגערען אָרט. פריהער נעהמט מענדעלע אונטער אַ רייה ליטעראַרישע אַרבעטען (אין העברעאיש און אין יודיש) צום נוצען פון פאָלק. „צו לערנען דאָס פאָלק געשמאַק און וויסען, אַריינצוברענגען דאָס פאָלקס־לעבען אין דער ליטעראַטור, כדי דערמיט זי בעליעבט צו מאַכען ביים פאָלק און צו ענטוויקלען און ברענגען נוצען, — אָט די דאָזיגע דריי זאַכען זענען ביי מיר געווען דער ריכטיגער ציעל, צו וועלכען עס דאַרפען שטרעבען די שרייבער״, — אָט אַזוי פאָרמולירט מענדעלע אַליין זיין שריפטשטעלערישען פּראָגראַם, בעת ער האָט זיך גענומען ערנסט צו אַרבייטען אויף דעם ליטעראַרישען פעלד (זעה מענדעלע׳ס „ביאָגראַפישע נאָטיצען״ — „רשימות לתולדותי״). אין דער הקדמה צו זיין ערשטען יודישען ווערק „דאָס קליינע מענשעלע״ (1863) רעדט מענדעלע וועגען „דעם חשק נוצען צו ברענגען״ און וועגען דעם ווילען „נוצליך צו זיין דעם פאָלק״. דעם ערשטען קורצען וואריאנט פון דאָס „ווינשפינגערל״ גיט מענדעלע אַרויס (אין 1864) „לטובת הכלל״. און אַזוי יאָהרען לאַנג האָט צו דעם „פאַר׳ן פאָלק״ גענומען אַלץ־מעהר צוקומען דער „פונ׳ם פאָלק״. דאָס בעמערקען מיר נישט נאָר אין די נייע ווערק, וואָס מענדעלע האָט אין צענדליגער יאָהרען שפּעטער געשריבען, נאָר אויך אין די שפּעטערדיגע וואריאַנטען פון די פריהערדיגע ווערק, וואו דער שילדערער, דער קינסטלער (דער עלעמענט „פונ׳ם פאָלק״) שטויסט אַלץ מעהר אַרויס דעם משכיל, דעם פרעדיגער (דעם עלעמענט „פאַר׳ן פאָלק״). דאָס איז מענדעלע׳ס פאַמעליכער, בהדרגה׳דיגער ענדערען זיך, זיין אויסלייטערונג. זיין אַלץ־העכערער קינסטלערישער אויפשטייג, וואָס האָט אין זיינע שפּעטערדיגע בעסטע ווערק דערגרייכט די מייסטערישע מענדעלע־השלמה.

מענדעלע איז שטענדיג געווען ווי אין געפענגעניש ביים פאָלק. קיין זאַך אויסער'ן פאָלק האָט ער נישט געזעהן און נישט געוואָלט זעהן. אין יעדער תנועה, אין יעדען וואָרט פון אַ רבי ישראל האָט ער געזעהן דעם כלל-ישראל. „יעדער יוד — זאָגט ערגיץ מענדעלע — איז זיך אַן „עמקטן", „אַ פאָלק פאַר זיך", און יעדען חסרון, יעדע שוואַכקייט, יעדען מום פון אַן־איינצעלנעם יוד, האָט ער אויפגענומען און פערכוללט אַלס אַ חסרון, שוואַכקייט און מום פונ'ם גאַנצען יודישען כלל. זעהט ער דעריבער שטענדיג די גאַנצע יודישע כנסת-ישראל אין דעם איינצעלנעם יוד, און דעם יחיד, דעם פרט — אין דער גאַנצער יודישער אומה. דאָס גאַנצע פאָלק ישראל איז ביי איהם איין בעשעפעניש, וואָס לעבט און בעוועגט זיך לויט איין געזעץ, מיט איין ווילען און מיט איין בעגעהר. „איז דען דאָ — פרעגט מענדעלע — נאָך אַן אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער-לעבען פון איטליכען בעזונדער זאָל זיך ציהען פונ'ם געבוירען ווערען ביז צום שטאַרבען אויף איין נוסח, ווי ביי אונז יודישע קינדער ?" און אָט די כסדרדיגע איבערגאַנגען ביי מענדעלע'ן אין די ווערק פון דעם פרט צום כלל, פון דעם יחיד צום רבים, זענען שטענדיג אינטערעסאַנט און מערקווירדיג.

ער האָט זיך שטענדיג בענוצט מיט דעם, וואָס דאָס פאָלק, די ברייטע פאָלקס-מאַסען, האָבען אויסגעטראָגען און געשאַפען. די געשטאַלטען און שילדערונגען, די שפּראַך און די פאָרם, דער ספור-המעשה און דאָס „נישט דאָס בין איך אויסען" — אַלץ געהט ביי איהם גלייך פון געדיכטען לעבען. הויפּטווייז איז געלעגען אָט דער יודישער לעבענס-שטייגער, דער אָנגעזאַמעלטער ווירקליכקייט-שטאָף, מיט אַלע זיינע אייגענשאַפטען, הנהגות, רעדענסאַרטען, העוויות און קנייטשען, ביז עס איז געקומען אָט דער גוטער, למדנ'ישער קאָפּ מיט'ן שאַרפען אויג און האָרכזאַמען אויער, און מיט בעזונדער השלמה און חריפות האָט ער רוהיג און געדולדיג אַלץ געקליבען און געלעגט אַזוי ציגעל אויף ציגעל, ביז ס'איז אויסגעוואַקסען דער מאָנומענטאַלער יודישער קונסט-בנין, דער מענדעלע-בנין.





„די גלופּסקער — דערצעהלט מענדעלע וועגען זיך אין „שלמה ר' חיימ'ס" — האָבען איהם געדיענט פאַר אַ קרעניצע צו זיינע מעשיות. דאָס הייסט, ער פלעגט זיך גוט צוקוקען צו די גלופּסקער, בעטראַכטענדיג זייערע אַלע מעשות, ווי דער שטייגער איז פון די נאַטור-פאָרשער, וואָס זיי בעטראַכטען די טבע פון די בעשעפענישען... און בעקענענדיג זיך מיט דער טבע פון די גלופּסקער ברואים, מיט זייער שטייגער-לעבען, מיט די אַלע גענג און אויפפיהרונג זייערע, פלעגט ער זיי דערנאָך בעשרייבען, אַנידערשטעלענדיג אַ בילד אַ וואונדער-שענס, מחיה-נפשות..."

עטליכע און פופציג יאָהר האָט געדויערט מענדעלעס קינסטלערישע אַרבייט. מיט אַ וואונדערליכער שפּאָרזאַמקייט און געניטקייט, האָט ער געזאַמעלט און געקליבען דעם מאַטעריאַל צו זיין גרויסאַרטיגען קינסטלערישען בנין און אַזוי איז ער געשטאַנען ביי דער מלאכה ביז אין טיעפען עלטער אַריין, ביז זיינע נייינציגער יאָהרען.

און לייענענדיג אַזוי איין ווערק נאָכ'ן צווייטען פון מענדעלע מוכר-ספרים, פערגעסען מיר אָפּטמאָל אָן דעם קינסטלער און מיר האָבען דאָס געפיהל, ווי דאָס לעבען אַליין וואָלט זיך געצויגען און געצויגען, ווירקליכע בילדער בייטען זיך אויף ווירקליכע בילדער און דרעהען זיך אַלץ אַרום איין אָרט. אַ גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דעם אַמאָליגען לעבען, וואָס רודערט זיך און בעוועגט זיך אָן אויפהער אַרום אייגענעם אַקס. און אָפּטמאָל זעהען די פּאַסירונגען און שילדערונגען צעצויגען, צעפלאָסען, ווי זיי וואָלטען נישט געווען אונטערגעוואָרפען דעם קינסטלערס האַנד און ווילען. אָבער זעהר אָפּט גיט זיך מענדעלע'ן איין צו בעהערשען דעם בעוועגענדיגען און אויפגערודערטען לעבענס-שטאָף, ער בעפרייט זיך דאַן פון זיין פּינקטליכער און פּאַמעליכער זאַמלער-אַרבייט און ער דערגרייכט דאַן צום קינסטלערישען צמצום, צו קאָנצענטרירקייט. און דאַן וואַקסט אויס די מענדעלישע דיכטערישע וועלט, דער מענדעלע נוסח, אַ דאַנק וועלכען מענדעלע האָט זיך דערהויבען צו אמת'ער

קינסטלערישער השלמה און אַ דאַנק וועלכען מענדעלע האָט פערנומען דעם אויבען־אָן אין דער עלטערער יודישער קינסטלערישער ליטעראַטור.

מענדעלע האָט נישט אַריינגעקוקט אין דעם פערשיעדענאַרטיגען טיפען עבר, ער האָט זיך אויך נישט געריסען צום ווייטען, אויסגעטרוימטען עתיד. ער איז זיך געגאַנגען האַרט און פעסט ביי דער ערד און געלעבט און נישט אויפגעהערט צו לעבען מיט ז יי ן תקופה, אַפילו ווען די תקופה איז שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעגאַנגען. פעררוקט און פערשלאָסען איז ער פערבליבען אין דעם אָבגעלעבטען און אַוועקגעהענדיגען יודישען לעבענס־שטייגער אַפילו דאַן, ווען דאָס לעבען האָט פאַר זיינע אויגען שוין זיבען מאָל זיין הויט געביטען. אַרום און אַרום האָט געדודערט און געראַשט, דורות זענען אַוועק און דורות זענען געקומען, און ער, דער שטאָלצער גרייז־גרויער ז ק ן, האָט אַלץ געהאַלטען אין איין ניזעווען אויף דעם שאַפונגס־פאָדעם זיינע פערעלעך־אותיות׳לעך פונ׳ם אַמאָליגען, פאַרצייטיגען יודישען לעבען מיט אַלע זיינע פרטים און איינצעלהייטען, מיט אַלע זיינע תנועות און „פישטעווקעס", פונקט ווי אַלץ וואָלט דאָ פאַר איהם געלעבט אין דער זעלבער פאָרם און געשטאַלט, ווי אַמאָל אין די 30־ער, 40־ער און 50־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט.

און ס׳איז געוועזן ביי מענדעלע׳ן עפיס ווי אַ זיכערקייט, אַז אַזוי איז געוועזן, אַזוי איז און אָט אַזוי וועט שוין אויף שטענדיג פערבלייבען. די אויסזיכטלאָזיגקייט פונ׳ם יודישען לעבען איז געוועזן אַזוי געוואַלדיג, די אומבאַהאָלפענקייט אַזוי שרעקעדיג, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזען מענדעלע׳ן, אַז קיין שום זאַך וועט שוין נישט קענען ענדערען די שווערע און טראַגישע לאַגע. ס׳איז אַזאַ מין כראָנישע, פערשלעפטע קרענק, וואָס קיינע תרופות און עצות וועלען שוין נישט העלפען. מענדעלע גיעט זיך אַזוי, ווי זיין שטייגער איז, אַ זאָג: „דער יודישער תחום איז ווי אַ קוואַל, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אויסגעשעפט. קאָמפאַניעס געהען, קאָמפאַניעס קומען, און קאַבצאַנסק און גלופסק





וועלען פערבלייבען אויף אייביג." און דאָס איז די קללה, וואָס איז שטענדיג געהאָנגען אויף דעם יודישען לעבען לויט מענדעלע׳ס פאָרשטעלונג און בעגריפען. און פון אָט דעם שטאַנדפונקט האָט ער געזעהן אַלץ אין יודישען לעבען און געשילדערט עס אין זיינע אַלע ווערק. און דעריבער פאַלט אונז אָן אַזאַ פערצווייפלונג, אַזאַ פחד, ווען מיר פערטיעפען זיך אין מענדעלע׳ס שילדערונגען. מיר האָבען דאָס געפיהל, ווי מיר וואָלטען זיך בעקאָנט מיט אַ שווערען בעשולדיגונגס־אַקט געגען אַ וועלט, געגען דער הערשענדיגער אָרדענונג פאַר די עוולות און פערברעכענע, וואָס מען איז בעגאַנגען און מען בעגעהט געגען אַ גאַנצען פאָלק, וואָס מ׳האָט איהם פעריאָגט און פערטריבען אין אַ טעמפען ווינקעל, פון וואַנעט ס׳איז קיין שום אויסוועג נישטאָ. מענדעלע שוינט אויך נישט די יודען. ער זעהט זייערע חסרונות, זייערע נאַרישקייטען, זייערע אומגעלומפערטקייטען, ער מאָלט זיי אָפטמאָל אומ׳ברחמנות׳דיג, מיט אַ בייזער סאַטירע. ער טראָגט אַרויס שטענדיג זיין הארבען פסק־דין אין זיינע „נישט דאָס בין איך אויסען". אָבער באַלד קומט דאָס פאָטערליכע מיטגעפיהל, און צוזאַמען מיט׳ן פסק־דין קומען ביי איהם די מילדערונגס־מאָטיווען ,די סיבות און פערענטפערונגען וועלכע האָבען דערפיהרט צו אָט דעם אומנאָרמאַלען צושטאַנד. און מענדעלע שרייבט: „אַז איך דערמאָן מיך יענע צייטען, שוועבט נישט־ווילענדיג אַ שמייכעל איבער מיינע ליפען, אָבער אינעוועהניג וויינט די נשמה; איך לאַך מיט טרערען, און דאָס האַרץ טהוט אַזוי וועה". ער קארגט קיינמאָל נישט קיין פאַרבען וואָס־שוידערליכער אָבצומאָלען די יודישע אָרעמקייט, פערוואָרלאזקייט און פערלוירענקייט און ער גיעט זיך לסוף אַ זאָג וועגען לייב דעם מלמד: „אַז אָך און וועה איז צו דיר און אַז אָך און וועה איז מיר און אַז אָך און וועה איז אַלע קאַבצאַנסקער יודען"!...

אָפטמאָל איז מענדעלע געוועזן אַ שטרענגער מוכיח, אַ הארבער שטראָפער, איבערהויפט ווען איהם איז אויסגעקומען אויסצודערצעהלען וועגען די „שעהנע" מדות און „פיינע"

מעשים פון די כלערליי תקיפים. גבירים, קהל'ס לייט, קאָלע־פּעל, גאַטס־סטראַפּטשעס, טעלער־לעקער, בעלי־טובות און גלאַט שעהנע יודען, וואָס האָבען זיך אָנגעזעצט אויף דעם אומגליקליכען פאָלק ישראל, פיהרען איהם ביי דער נאָז און זויגען־אויס זיין גאַנצען דם־התמצית. דאָ איז מענדעלע אַ קפדן, אַ בייזער, ער קאַרגט נישט קיין האַרבע ווערטער און טונקעלע פאַרבען אַלץ העסליכער און אכזריותדיגער פאָרצושטעלען די „באַנדע בעלי־טובות". אָבער ווי נור מענדעלע קומט צו די גע'רודפ'טע און פערוויסטע, פעראָרעמטע און דערשלאָגענע, פערשווינדט גלייך זיין גאַנצע קפדנות און שטרענגקייט, און ער ווערט ווייכהאַרציג, גוטמוטיג און סענטימענטאַל. און דאַן שטראָפט ער שוין מעהר נישט און בייזערט זיך נישט. נאָר ער גלעט און רעדט און שילדערט מיט אַ וואונדערליכער צערטליכקייט און פּיעטעט. און אויב עס טהוט עס נישט אַבראַמאָוויטש, טהוט עס פאַר איהם מענדעלע. מיר האָבען אָפּטמאָל אין די ווערק אַ מין וויכוח צווישען קטיגור און סניגור, צווישען דעם בייסענדיגען סאַטיריקער און גוטמוטיגען הומאָריסט. לסוף פון דעם וויכוח האָט אַלע מאָל דאָס לעצטע וואָרט דער בעהאַרציגטער מענדעלע און איז מכריע אַלץ צום כף־זכות: מ'שטיינס געזאָגט, וואָס נאָך קאָן מען פערלאַנגען פון אַ פאָלק, וואָס איז פעריאָגט און דערשלאָגען און וואָס האָט אויסצושטעהן פון דרויסען און פון אינעווייניג אַזוי פיעל שלעק און פרעניות'ן. מענדעלע אַליין דערצעהלט וועגען אָט דעם גראַנגעל: „איך פיהל, אַז אין מיר לעבען צוויי מענדעלעך, צוויי בעשעפענישען, יעדע—פערשיעדען פון דער צווייטער,—זיי וואוינען ביידע אין איין דירה, נאָר זיי קוקען אויף אַלצדינג מיט פערשיעדענע אויגען, זיי האַלטען כסדר מלחמה און קענען איינע ניט גובר זיין די צווייטע; אַז איין מענדעלע וויינט, ווילס זיך דעם אַנדערען לאַכען. און ווען איינער לויבט איז עס ביים אַנדערען ניט ווערט אַ דרייער. איין מענדעלע איז אַ שוטה, אַ פתי יאמין לכל דבר... דער אַנדערער מענדעלע איז גראָד אַ חכם, אַן איבערגעשפּיצטער, ער ווייסט, אַז ניט אַלצדינג, וואָס בלישטשעט איז גאָלד..." צווישען אָט די צוויי מענדעלעך קומט





פאַר אַ שטענדיגער „ויתרוצצו", „זיי בוצקען זיך אינעווייניג". דאָס האָט מענדעלע געפיהלט אין זיך, און אין זיין כאַראַקטער, און אָט די עקסטרעמען האָט ער געזעהען אין זיין נאַטור נאָך אַלס קינד; עפּעס האָבען צוויי—אַ מלאָך מיט אַ רוח—געשטעקט אין איהם, ביידע אין איינעם... ער איז געוועזן אי בייז, אי מילד, גוט ווי די וועלט; אי ביטער־גאַל, אי צוקער־זיס; אי ערנסט, אי אַ קאַטאָוועס־טרייבער; אי אומעטיג־פערטראַכט, אי לוסטיג־פרעהליך". אָט די צווייאיגקייט איז אַ וויכטיגער יסוד אין מענדעלעס שאַפען. דער גראַנגעל, דער „ויתרוצצו" פון די צוויי מענדעלעך איז אַ שליסעל צו מענדעלע'ס אויפנעהמען די וועלט, מענשען, געשעהענישען, אַ וועג־ווייזער פון די פערשיעדענע וועגען און זייטען־וועגען אין מענדעלעס קינסטלערישען שאַפען.

---

די פרטים און איינצעלהייטען פון דעם אַמאָליגען לעבען האָבען זיך גרודעסוויז געלעגט פאַר מענדעלע'ס אויגען און זעהר אָפט פערשטעלט פאַר איהם דאָס גאַנצע און פערגאַנצטע אין לעבען. מענדעלע גריבעלט זיך אין די אַלע איינצעלהייטען און פערזעהט דאָס אַלגעמיינע, אַרומנעמענדיגע. און אַזוי גריבלענדיג זיך אין דער אַמאָליגער מילבען־עדה, ווערט מענדעלע פערפּלייצט און פערכלינעט פון די אַמאָליגע פאַרשווינען און פון זייער שטייגער־לעבען. ער איז ווי אומבאַהאָלפען, ער איז אין געפענגעניש ביי זיי, ביי זייערע געוואוינהייטען, רייד און ריידענישען. זיין גאַנץ איצטיג לעבען איז איינס, און דאָס פערגאַנגענע לעבען איז אַ צווייטע וועלט, און ביים שילדערען יענע וועלט, געהט ער אַוועק פון דער איצטיגער וועלט. אין דער הקדמה צום „פריזיוו" זאָגט מענדעלע: „עס האָט אין מיר זיך געעפענט אַ פרישער קוואַל הייסע געפיהלען און מיך עפּיס אַ ברען געטהון אויסצוגיסען זיי אין ווערטער פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס איז יענער ברען, וואָס וועקט אין ווייסנע אויף דאָס בעטריבטע, פערוואָגעלטע זומערפייגעלע, ערגיץ אין דער פרעמד, צוריקצוקעהרען זיך ווי־

דער אַהיים צו זיין נעסט און צו זיין פריהערדיג שטייגער-לעבען... — — — עס האָט מיך עפּיס געצויגען אַהין, אין יענעם ווינקעל פון יודישען לעבען, וואו עס געפינען זיך מיינע אַלטע בעקאַנטע פאַרשוינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערצעהלען משונה-ווילדע, וואונדערליכע מעשיות. עס האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט ווידער צו מיינע לייט... מיינע אַלטע פאַרשוינען האָב איך געטראָפען, ברוך השם, אַלע פריש און שטאַרק מיט זייערע אַלע אַלטע קאַפּריזען און משונה׳דיגע בענג... איך האָב זיי אָנגעקוקט מיט גרויס הנאה, גוט בעטראַכט פון אויבען ביז אַראָב און גיב אַצינד אַרויס אַ בעשרייבונג פון אַ טייל נאָר פון זיי אין דעם דאָזיגען בוך״.

מענדעלע׳ן איז געווען נאָהענט, בעקאַנט און צום האַרצען דאָס אָרעמע, עקאָנאָמיש-אומבעהאָלפענע און גייסטיג-דערשלאָגענע יודיש לעבען פון אַמאָליגער צייט. ער האָט געזעהען און אויפגענומען די טרויעריגע בילדער פון לעבען, די קרומע העויות, דאָס אַלטע און פערעלטערטע אין זיינע אָבגעלאָזענע און אָבגעשטאַנענע פאָרמען, — דאָס איז געווען זיין מיליע, דאָ האָט ער געלעבט און אויפגעלעבט.

אומעטום האָט ער געזעהן נאָר דעם יודישען דלות, די „גרויסע יודישע טאָרבע״. „וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען, זעה איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט וועלען עפּיס דערצעהלען אָדער זאָגען, קומט מיר אַפיר די טאָרבע״. אָבער אויסער דאָס אָרעמע און פּערָאָרעמטע לעבען, איז דאָך אַמאָליגע צייטען געווען אויך אַ פילפאַרביג פּאַטריאַרכאַליש, נגידיש-חסידיש סטיל- רייך לעבען מיט הרחבה און פאַרנעם, מיט אמת-יודישען קאָלאָריט און פּאָרם, מיט רבנים און גוטע יודען, רייכע סוחרים און יארידים, קהלות און ועד-הארצות — דאָס אַלץ איז געווען פערהוילען פון מענדעלע׳ס אויגען. מענדעלע האָט געשטעקט אין דער יודישער אָרעמקייט, זיך באַהעפט צו די דערנידעריגטע און דערשלאָגענע נפשות, און פון דאָרט געגעבען פּינקטליכע בעשרייבונגען און שילדערונגען. און ווען מיר לייענען





אַזוי אַ בעלטעל נאָך אַ בלעטעל פון מענדעלען, דוכט זיך אונז, ווי מיר וואָלטען געזעסען ביי אַ חולה-אַ גוסס. ער צאַפּעלט נאָך, דער חולה, נאָר זיינע מינוטען זענען געצעהלטע.

דאָס יודישע לעבען ביי מענדעלען האַלט ביי גסיסה, עס שטעהט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג. קיינע אויפזיכטען, קיינע פערספעקטיווען!

---

איינגאַנצען עטליכע יאָהר זענען אַריבער דינט מענדעלע איז אַוועק פון אונז, און אונז דאַכט זיך שוין, ווי גאַנצע דורות טהיילען אונז אָב פון איהם.

דער מענדעלע-טורעם קוקט אַרויס צו אונז חי פון אַ טיעפער געשיכטליכער ווייטקייט.